STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05782

UNTER FREMDE UN EYGENE HIMLEN

Menuche Alperin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מנוחה אַלפּערין

אונטער פרעמדע

און

אייגענע הימלען

מנוחה אַלפּערין

מנוחה אַלפּערין

אונטער פרעמדע און אייגענע הימלען

ערשטער באַנד

פאַרלאַג „ניי לעבן"
תשל"ב — 1972

MENUCHE ALPERIN

UNTER FREMDE UN EIGENE HIMLEN

פארלאג „ניי-לעבן"

נדפס בישראל תשל"ב

Printed in Israel

דפוס „אור" בע"מ — שד' הר־ציון 104
טעל. 822481

ג ע ה י י ל י ק ט

דעם אָנדענק פון מיינע טייערסטע — די קדושים:

מיין פאָטער — משה־בער,

מיין מוטער — אַלטע־צפורה,

ברידער — בן־ציון זיידל און יצחק־מאיר,

שוועסטער — פייגע־ביילע

און זייערע משפחות,

אומגעקומענע דורך די היטלעריסטישע רוצחים,

אין פינסק, אין די יאָרן 1941 — 1942.

מיין האַרציקסטן דאַנק

די חברים און פריינד, וועלכע האָבן מיר געהאָלפן ביים אַרויסגעבן דעם בוך:

מרת דאָראַ קלאַרמאַן,

פראָפעסאָר שמעון הלקין,

מר משה גושן,
יו״ר המועצה המקומית קרית מוצקין,

מר אברהם אברך,
יו״ר המועצה האזורית הדר השרון,

מר אברהם גוטקאָווסקי.

שרה מאַדאָוויטש.

די אלטע היים

פּאָליעסיער יידן

אָ, טייערע, האַרציקע יידן מיינע, פּאָליעסיער!
ווּ זענט איר?
ווּ ביזטו היים פון מיין ליכטיק־צעשפּילטער קינדהייט?
ווּ ביזטו?

באַשערט איז מיר, דער קיילעכדיקער יתומה, צו בלייבן די טרויעריקע יורשטע פון אייערע מאַסן ברידער־קברים און צינדן ליכט נאָך אייך, הייליקע קדושים.

קליין ביזטו געווען מיין שטעטעלע, אָבער גרויס איז געווען דער חלק, וואָס דו האָסט אָוועקגעשענקט דער וועלט.

דיינע גייסטרייכע זין, וואָס האָבן זיך געריסן צו די מרחקים, האָבן גרויס געמאַכט דיין נאָמען מיט כבוד און רום!

האָסט זיך גרויס געהאַלטן, מיין שטעטעלע, מיט דיינע ווונדערלעכע געראָטענע טעכטער.

דיין ברויזנדיקע יוגנט האָט אויפגעלויכטן אין אַלזייטיקע אידייאישע ריכטונגען: זיי זענען געווען אָנגעשלאָסן אין די צענטראַלע ישובים אין געמיינזאַמען קאַמף פאַר אַ ליכטיקער און שענערער וועלט, נאָר ווען עס איז געקומען זייער פינצטערער יום־הדין, דער טאָג פון בלוטיקן אונטערגאַנג, איז די גאַנצע אויסערלעכע וועלט געבליבן קאַלט, שטום און טויב צום יאָמער און געוויין פון די טייערע זקנים, טאַטע־מאַמעס און קינדער...

יתגדל ויתקדש שמיה רבא!

* * *

הינטער פינסק, די צענטראַלע שטאָט פון פּאָליעסיע, נאָך דער דריטער באַן סטאַנציע פּאַריכאָנסק, עפנט זיך אויף מערב אַ לאַנגער שליאַך פון צען קילאָמעטער דורך לויפנדיקע שיטער־באַגרינטע בערעזע־וועלדלעך, פייכטע גריבער און ברייטע, זאַמדיקע שטחים פון פלאַכלאַנד פאַרביי דעם נאָענטן דאָרף קאַמין און שליסט זיך אָן אין דער ערשטער בריק איבער דער אָזיערע. דאָ פירט שוין די זאַמדיקע גרעבלע צו דער צווייטער בריק פון שטעטל. פון ביידע זייטן בריק ציט זיך די אָזיערע, וואָס פאַלט אַריין אין באַבריק, און צוזאַמען אַנטלויפן זיי צום פּריפּעט.

פון ביידע זייטן אָזיערע שפּרייטן זיך גרינע לאַנקעס פון פּאַשע און ווילדע פעלד־בלומען.

צוויי באַזונדערע וועגן פירן צום שטעטל. דער וואַסער־וועג דורך דער בריק, דער שאָסיי דורך האַראָדישטש און באָטאָוו ביים אַריינגאַנג אין באָכקע. דאָרט קרייצן זיך די וועגן: צוויי גאַסן ציען זיך צום באָ־טאָוער וועג און צוויי צו דער אָזיערע, אַנטקעגן איבער צום הויף־סאָד און צו אַ האַלבער גאַס צו דער בריק צו. דער מיטלפּונקט איז געווען דער מאַרק.

דער מאַרק־פּלאַץ, דער צענטער, איז דער חוט־השדרה, דער צאַפּל־דיקער נערוו פון שטעטלדיקער באַוועגלעכקייט. איבער דעם מאַרק האָט זיך אויפגעהויבן דער רוסישער קלויסטער מיט זיינע גרינע דעכער און גאָלדענע צלמים. פאַרן אַריינפאָרן אין שטעטל, מיט אַ פּאָר קילאָמעטער ווייטער, האָט דער ערשטער זיך באַוויזן דער קלויסטער און צוויי קילאָ־מעטער נעענטער האָט זיך באַוויזן די שול און פריילעך דערמאָנט, אַז מען דערנענטערט זיך אַהיים...

דאָס שטעטל האָט פאַרמאָגט אַ באַפעלקערונג פון 1.200 איינוווינער — 800 יידן און 400 קריסטן. אַזוי ווי יידן זענען געווען אַ מערהייט פון צוויי דריטל, איז במילא כמעט אומעטום געווען באַזעצט מיט יידישע משפחות. נאָר איין האַלבע גאַס איז געווען באַוווינט בלויז פון גויאישע משפחות. דאָס איז געווען די זייט פון דער אָזיערע ביים הויפישן סאָד.

אויף וויפל איך געדענק נאָך פון די קינדער יאָרן, איז די באַציִונג צווישן יידן און גויאים געווען זייער אַ פריידלעכע. גוטע באַציאונגען האָבן

אויך געהערשט צווישן די יידן און דער שכנהשער אויסערלעכער וועלט.

פאַקטיש איז דאָס שטעטל געווען איזאָלירט פון יידישן ישוב, כאָטש ס'האָט זיך צוועלף קילאָמעטער ווייטער, דורך די דערפער באַטאַוו און טשוכאַוו, געפונען דאָס גרעסערע שטעטל לאַהישין, האָט פּאָהאָסט, אויף יענער זייט אַזיערע, אויסגעזען ווי אַן איינזאַם אינדזעלע אַרומגערינגלט מיט גויאישע דערפער פול מיט פּאָליעשוקעס...

פאַקטיש האָבן זיך אין אַלע אַרומיקע דערפער געפונען יידן. ווו איין משפחה און ווו עטלעכע משפחות. האָבן די אַלע דאָרפישע יידן אָנגע־האַלטן אַ שטענדיקן קאָנטאַקט מיט פּאָהאָסט.

פונקט ווי אין שטעטל גופא, האָבן אויך אין די דערפער יידן און גויאים געצויגן זייער חיונה איינער פון אַנדערן.

כמעט אַלע דערפער זענען געווען אָנגעשלאָסן אָן פּאָהאָסט. די גויאים האָבן זיך גרופּירט אַרום קלויסטער און אַרום פעלדשער.

די דאָרפישע יידן, ווידער, זענען געווען פילפאַכיק פאַרבונדן מיטן שטעטל: סיי משפחהיש, סיי געשעפטלעך און אויך מיט יידישקייט. די שטעטלדיקע פלעגן זיך מתחתן זיין מיט די דאָרפישע, פלעגן האַנדלען צוזאַמען און אין די ימים־נוראים פלעגן זיי קומען מיט ווייב און קינ־דער צו משפחות, צו קאָנען גיין אין שול אַריין און זיין מיט יידן צוזאַמען.

אַרום פּאָהאָסט האָבן זיך געפונען די דערפער:

קאָמין, באַטאַוו, באָכקע, רודניע, טשוכאַוו, באָקיניטש, דובנאָוויטש, באָגדאַנאָווקע, נאָווידוואָר, סעלישטש, דאָבראָסלאַווקע און שאָשנע.

די 175 יידישע משפחות פון פּאָהאָסט פלעגן ציִען זייער חיונה פון פאַרשידענע פאַכן. עס זענען דאָרט געווען שניידער און שוסטער, סטאָליערס און באָנדערס, פילשטשיקעס און שמידער, זאָקן־מאַכערקעס, וועש־נייטאָרינס, ברויט־בעקער און בייגל־בעקער, היטל־מאַכער און בעל־עגלות. עס זענען אויך געווען קרעמער, וואַלד־סוחרים, פישער, קצבים, דאָרפסגייער און פערד־הענדלער. געווען זענען רבנים, שוחטים, מלמדים, לערער, קלעזמער און שמשים.

די ירידים זענען אויסגעפאַלן עטלעכע מאָל אין יאָר. דעמאָלט זענען

אַלע געשטאַנען אויף די פּיס. מען האָט געקויפט און פאַרקויפט. פון אַלע אַרומיקע דערפער זענען זיך צונויפגעפאָרן גויאים מיט כלערליי לעבע־דיקע סחורות: בהמות, קעלבער, חזירים, עופות און מילכיקס. דער הויפּט־יאַריד איז פאָרגעקומען אויפן מאַרק. פון אַלערליי סחורות, וואָס זענען נישט פאַרקויפט געוואָרן אַ גאַנץ יאָר, איז מען אין דעם טאָג פּטור געוואָרן.

אויסער דעם איז געווען נאָך אַ פּרנסה, מיט וועלכער עס פלעגן אין די זונטיקן און בעת די יאַרידים כמעט אַלע בעל־הביתטעס זיך עוסק זיין. אַזוי ווי פיש איז געווען לרוב און ביליק צוליב דער אַזיערע פלעגן די ווייבער קאָכן גרויסע, קופּערנע פאַנען פיש, און אָנבאַקן ווייסע רונדיקע בולקעס אויף הייוון מיט זאַלץ און נאָך צו דעם אַ קעלישאַק בראָנפן. פלעגן די פויערים פון די דערפער, וואָס זענען געקומען אין קלויסטער און צום פעלדשער, דאָס אָפּקויפן. אַ סך מאָל פלעגן זיך גויאים אָנשיכורן און מאַכן סקאַנדאַלן. געדענק איך איינע אַזאַ סצענע ביי שרה־לאה לעמקעס, ווען אַ איוואַן אַזאַ האָט זיך אָנגעשיכורט און גענומען ברעכן די בענקלעך. שרה־לאה מיט איר ענערגישן און שטאַרקן כאַראַקטער האָט זיך צו אים אַ שטעל געטאָן: „שטשאָ טי מאַיעש דאָ מענע? (וואָס האָסטו צו מיר?) אַזש די גויאים, די נאָך ניכטערע, האָבן אים אַ נעם געטאָן ביים קאַרק און אים אַ שליידער אַרויס געטאָן, אַזש די טיר האָט זיך צעבראָכן.

דערגיין צו דער ריכטיקער דאַטע פון דער אַנטשטייאונג פונעם יידישן פּאָהאָסט — איז היינט, נאָכן לעצטן פאָלקס־חורבן, כמעט אומ־מעגלעך. די היטלעריסטישע האָרדעס האָבן אויסגעהרגעט כמעט דאָס גאַנצע שטעטל מיט אירע אַלע פּראָווינצן אַרום. געבליבן זענען בלויז געציילטע אָבער אָן זקנים, אָן די הייליקסטע עדות, וואָס זאָלן קענען דערציילן וועגן די פריערדיקע דורות. אָבער שטיצנדיק זיך אויפן לעצטן זיידן, ר׳ חצקאל ראָזענבערג, איז דער ערשטער ייד געקומען קיין פּאָהאָסט זאַגאָראָדסקי בערך מיט פיר הונדערט יאָר צוריק. דערנאָך זענען געקומען אַנדערע יידן גרופּנווייז און האָבן זיך דאָרט באַזעצט און זיך געמערט.

יענע ערד האָט געהערט צו קניאַז דרוצקי־ליובעצקי, וועלכער האָט גע־וווינט אין גראָדנע.

אויף זיכער ווייסט מען, אַז יענע דורות זענען געווען פּיזיש געזונטע, שטאַרקע יידן און האָבן זיך געעלטערט אין דער טיפער זקנה אַריין — איבער אַ מאה...

אָנפאַנג לעצטן יאָרהונדערט האָט עקזיסטירט בלויז איין קהילה, אין וועלכער עס זענען געווען חסידים און מתנגדים. די חסידים — דעם בעל שם טובס אייניקלעך, האָבן געהערט צו ר׳ אהרון קאַרלינערס די־נאַסטיע, די שפּעטערדיקע סטאָלינער חסידים. און ווי אומעטום זענען די מתנגדים געווען ערנסט, פרום, געקענט לערנען און פול מיט בטחון אין גאָט. די חסידים, ווידער, האָבן געגלייבט אין איין גאָט, אין איין רבין און געדינט זיי מיט שמחה, מיט אמונה און ליבשאַפט. דער לבוש זייערער — לאַנגע קאַפּאָטעס, שוואַרצע זיידענע רונדיק־דעכקאַווע היטלען, אונטער וועלכע עס האָבן זיך געקרייזלט פּיאות איבער די אויערן. אויך אַזוי האָבן זיי געפירט זייערע קינדער שוין פון קליינוויז אָן. אָבער דער באַגער, אַז די קינדער זאָלן קענען לערנען, איז געווען אַ שטאַרקער.

האָבן מאַמעס געשיקט זייערע קינדער, די יינגלעך, צו מלמדים, גאָטס־פאַרכטיקע יידן, אין די חדרים אַריין. שבת נאָכן טשאָלנט האָבן זיידעס פאַרהערט די אייניקלעך חומש מיט רש״י, אַ בלאַט גמרא, געשעפּט נחת און אין איין גאַנג געזען, ווי עס האַלט ביי זיי מיטן לערנען.

ווען די קינדער זענען אַרויס פון די חדרים האָבן די מער פאַרמעגן־לעכע עלטערן געשיקט זייערע קינדער אין די פאַרשידענע ישיבות: סלאָ־באָדקער, סלאָנימער, האָראָדאָקער, לידער, בריסקער, וואָלאָזשינער און וואָלאָדימיר־וואָלינסקער — זיך לערנען.

מערסטנטייל פלעגן די קינדער עסן טעג, ווי עס איז, אגב, געווען דער פאַל מיט מיינעביידע ברידער יצחק מאיר און זיידל.

שפּעטער, אין די זעכציקער, זיבעציקער יאָרן, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן אַריינרייסן דער גייסט פון השכלה אויך אין די ישיבות, האָבן די בחורים אויף אייגענער אחריות, אָן מיטלען, זיך דורכגעריסן צו די שוועלן פון ברייטן וועלטלעכן וויסן...

איך מוז, אגב, צוגעבן, אַז פון די ישיבות פלעגן זיי אַנגעגומען ווערן צו רבנות, ווער עס פלעגט אָנקומען צו שווער און שוויגער אויף קעסט און ווער עס פלעגט זיך אַליין פאַרנעמען מיט מסחר.

די פאַראָרעמטע אַרבעטער־עלטערן פון שטעטל האָבן זייערע קינדער באַזאָרגט מיט פאַכן. די פאַכן לערנען פלעגן זיי שיקן סיי יינגלעך און סיי מיידלעך קיין פינסק, ביז יעדער פון זיי איז געוואָרן אַ זעלבסט־שטענדיקער פאַך־מענטש.

נישט אַזוי לייכט איז זיי אָנגעקומען דאָס לערנען זיך פאַכן: קיין פראָפעסיאָנעלע פאַראייגען האָבן נאָך דאַן נישט עקזיסטירט. יעדעס קינד, אָנקומענדיק אין זיין וואַרשטאַט, האָט, קודם־כל, געמוזט העלפן דער בעלהביתטע אין דער שטוב־ווירטשאַפט, לויפן איינקויפן וכדומה. אויב עס איז געווען אַ וואַרשטאַט מיט עטלעכע אַרבעטער, איז ער, אָדער זי, אויסגענוצט געוואָרן פאַר אַ שיק־באַהעלפער. ביז אַזאַ איז געוואָרן אַ פאַכמאַן, זענען געפטרט געוואָרן יאָרן און טעג...

אַנדערע מיידלעך זענען אַריין אין די שטאָטישע פאַבריקן אַרבעטן. קינדער פון שטעטלדיקע אָרעמע עלטערן, זענען אויך געווען דינסטן ביי שטאָטישע גבירים.

אַ סך פון זיי זענען אַריין אין אַנטוויקלונגס־קרייזן, ביי אָוונט־קורסן, און האָבן שפעטער זיך אָנגעשלאָסן, אין פאַרשידענע לעגאַלע און אומלעגאלע, פאָליטישע פאַרטייען.

ביי טאַטע־מאַמע אין דער היים

ס׳איז ביי קלמן דעם גלעזער אין שטוב. איך קייקל זיך אויף דער הילצערנער דיל און שריי מיט באַנומענע קולות, טופּענדיק מיט די שיכלעך. אין אַ זייט שטייט די מאַמע און רבקה — קלמנס טאָכטער. עס העלפט נישט זייער איינגעמען מיך, איך רייס זיך אויף אַלע כלים.

עס עפנט זיך די הויז־טיר און אויף דער שוועל באַווייזט זיך דער טאַטע. איך געדענק, ווי איך בין אַנטשוויגן געוואָרן און אויפגעהויבן דאָס ווייס־געקרייזלטע קעפּל, געבליבן שטיין אין מיטן צימער און שווייגנדיק אָנגעקוקט דעם טאַטן, סמאַרקענדיק מיטן פאַרנעצטן נעזל. רבקה מיט דער מאַמען האָבן זיך שמייכלענדיק איבערגעקוקט מיטן טאַטן. דאָס ערשטע מאָל האָב איך דערפילט מיין שוואַכקייט...

ביי קלמנען אין אַ קליינעם צימער מיט אַ הויכן סופיט און מיט איין פענצטער צום הויף אַרויס, שטייט אַ הילצערנע בעט. אין בעט ליגט די מאַמע, אין אַ העמד אויף אַ דאַרפישן ליילעך און צופוסנס צאַפּלט זיך אַ פּיטשעמאָנטשיקס, רויט באַשעפעניש. עס וואָרפט מיט קליינטשיקע פיסלעך און הענטלעך און שרייט: אור־אַ, אור־אַ, אור־אַ!!!... מיט אַ מאַך פון דער האַנט, טרייבט מיך די מאַמע אַוועק און פעשע, קלמנס ווייב, אין אַ ווייס געהרוכקעוועט טשיפיק אויפן קאָפּ, מיט אַ בייז פאַרקרימטן פנים, שלעפט מיך אַוועק נאָך זיך, אין דער גרויסער קיך אַריין.

אין שפּעטערדיקע יאָרן האָב איך זיך דערוווּסט, אַז די מאַמע איז געלעגן אין קימפּעט מיט מיין שוועסטער פייגע־ביילקען און אַז איך בין דאַן אַלט געווען דריי און אַ האַלב יאָר, און אַז דער טאַטע איז געוואָרן אויס שוחט, ווייל ער האָט נישט דערקוילעט אַן אָקס; האָט ער ביים ארון־קודש געשוווירן, אַז ער לייגט אַוועק דעם חלף; און אַז צוליב דעם

האָט ער אויסגעוואָנדערט פון לאַהישין, קיין פּאָהאָסט־זאַגאַראָדסקי, אַ דאַנק דער עצה פון פּנחס דעם שוחט, דעם זיידן אהרון מרדכיס חבר און אַז די ערשטע דירה אונדזערע איז געווען ביי קלמן דעם גלעזער.

שטענדיק זע איך אַ קוואַדראַטנע, הילצערנע, גרויסע ראַם שטייט ביי דער טיר פון דער מזוזה, אַ פולע מיט גלאָז.

קלמן, אַ מיטל־וווּקסיקער, אַ ברייט־בייניקער מיט אַ קורצער, פאַר־גרויטער באָרד, מיט אַן איינגעפאַלענעם פּנים און גרויסע, קיילעכדיקע, העלע אויגן. איבערן געקאַרבטן שטערן, אַ קליין, קיילעכדיק דאַשעק פון אַ פאַרעלטערטן היטל. איך זע אים שטענדיק, בעת ער קומט צוריק פון שטעטל. פאַר נאַכט רוקט ער זיך אַריין דורך דער שמאָלער, רויטער טיר און עס גיט אַ גלאַנץ מיט אַ סך גלעזערנע פאַרבן... מיר דוכט זיך שטענדיק, אַז דער זיידע קלמן קומט נאָר צוליב מיר. ווי נאָר איך דערזע אים, לויף איך צו צו אים. ער לאַכט צו מיר ברייט און גוטמוטיק. טוט אַ שטעל דעם קאַסטן גלאָז און כאַפּט מיך אויף די הענט...

איך האָב מורא געהאַט פאַר קלמנס ווייב. שטענדיק האָט זי זיך געכעסט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן און דינע, פאַרשטשימעטע ליפּן. אויב זי האָט אירע טונקל פאַרשפּיצטע אויגן געעפנט, האָבן זיי געברענט מיט שנאה צו יעדן. מיך האָט זי גערופן זשאַבאַ אָדער זשאַבוניכאַ.

איין מאָל האָט זיך מיין טאַטע צעקריגט מיט קלמנען. זיי האָבן זיך איבערגערופן מיט אַזעלכע ווערטער, וואָס כ׳האָב זיי נישט פאַר־שטאַנען. אַ גאַנצן טאָג האָב איך מורא געהאַט, טאַמער וועט דער זיידע קלמן מיך פיינט האָבן. אָבער ניין, ער האָט מיר גערופן צו זיך און געשוויגן. אויף די הענט האָט ער מיך נישט גענומען. דעריבער האָב איך ביינאַכט געוויינט פון שלאָף.

אונדזער צווייטע דירה איז געווען ביי חיה־פייגען דער אלמנה, האַרט ביי דער שול. אין דער לינקער זייט איז געווען אַ גרויסע שטוב. אַן אומגעהויער גרויסער עס־צימער, וואָס האָט אויך געגאָלטן פאַר די יינגלעך פון טאַטנס חדר. אַרויף־צו די פענצטער, איז געשטאַנען אַ גרויסער, הילצערנער טיש מיט לאַנגע, שמאָלע זיץ־בענק אַרום אים. אויפן גזימס, וואָס האָט אַרויסגעסטאַרטשעט פונעם ווייס־געקאַלכטן אויוון,

זענען געשטאַנען די לייכטער און דער מעשענער חנוכה־לאָמפּ, וואָס האָבן מיט זייער מעשענעם גלאַנץ אָנגעפילט די וואָך מיט שבתדיקייט...

פון טאַטנס חדר געדענק איך פון מיינע קינדער־יאָרן בלויז דאָס, אַז עס זענען געווען אַ סך ייִנגלעך, צווישן זיי, מיין ברודער יצחק מאיר, און אַז אייניציקווייז און אַלע צוזאַמען האָבן געוויינט אויפן קול ביים באַקומען פון טאַטן אין די באַקן אַריין און מיט דער רוט שמיץ אין הינטן. פון יעדן קינדס געוויין, פלעג איך בלייבן אַ פּאַרציטערטע. און כ׳פלעג אָנהויבן מורא האָבן פאַרן טאַטן. צום סוף האָבן מיר, איך און יצחק מאיר, אויפגעהערט זאָגן דאָס וואָרט טאַטע, און ער איז אונדז פרעמד געוואָרן. האָבן מיר אָבער דערפאַר טייער באַצאָלט...

די ערשטע שריפה

זומער־לעב. די תמוזדיקע זון שיינט און באַלייכט דאָס גאַנצע שטעטל. ס׳איז וואַרעם און טרוקן. אַלע טירן און פענצטער זענען אָפן. די טאַטעס, וואָס זענען געקומען פון דעם פרימאָרגנדיקן דאַוונען, זענען שוין אַוועק מיט די קוישעלעך אין די הענט. באָבעס זיצן אויף די פּריזבעס און שטריקן זאָקן. קינדער לויפן אַרום איבער די הייף און גאַסן און שפּילן זיך. פון דער ווייטנס הערט זיך אַ געזאַנג ביי שניידערשע טישן און קוויטשיקע, ייִנגלשע שטימעלעך פון חדרים אַרויס. זיי חזרן נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל: „וידבר, האָט גערעדט, אדוני, גאָט, למשה, צו משהן, לאמור, אַזוי צו זאָגן״...

דער רוסישער קלויסטער האָט שוין לאַנג געקלונגען צו זיין פרי־מאָרגן־געבעט. קריסטלעכע מיעשטשאַנעס שיפּן זיך שוין אויפן שפּיגל פון דער בלויער, שטילער אָזערע, ציען די געפלאָכטענע נעצן פאַרן פיש־פאַנג.

בושלען, מיט זייערע הויכע פּיס שטייען אויף די שטרויענע דעכער, קלאַפּן מיט די רויטע שנאָבלען און זאָגן אָן פון זייערע פאַמיליען־נעסטן

דעם צויבער פון אידילישער ליבשאַפט אין דער נאַטור... מחנות צעזונ־געגע פייגל־קאַראַהאַדן קומען צו פליען פון פריץ פּלאַטניצקיס הויפישן סאַד, קרייזן אַרום דעם שטעטל, מיט אַ האַרמאָנישער שירה פון פרייד און שלום...

פלוצים — אַ מהומה, אַ געדודער — ס׳ברענט! ס׳ברענט! פון אברהם יאָסלס גאַס האָט מען דערזען זיך ציִען אַ שוואַרצן רויך. געשרייען פון אַלע זייטן. דער עולם, וואָס איז געלאָפן הענדום־פּעגדום אַהינצו האָט זיך אויסגעמישט אין איין געווירבל. אַלטע און יונגע האָבן געבראָכן די הענט און געשריען: „געוואַלד, ראַטעוועט!״.

מענטשן האָבן געגומען אַריבערקלייבן זייערע זאַכן אויף ווייטערע שטחים, קלערנדיק, אַז אַהין וועט דאָס פייער נישט דערגרייכן. דאָס גאַנצע שטעטל איז ווי מיט איין מאָל בערגיק געוואָרן. מען האָט צע־בראָכן פלויטן און געוואָרפן אויף די הויפן אַלץ, וואָס איז געקומען אין האַנט: וועש, בעטגעוואַנט, מעבל, קליינע קינדער האָט מען אַוועקגעטראָגן צו ווייטערע אייגוויינער.

אין אַ קורצער ווײַלע האָט אָנגעהויבן ווייען אַ ווינטל און האָט צעבלאָזן און צעטראָגן דאָס פייער אויף אַלע זייטן. האַלאַוועשקעס האָבן געקנאַקט, דעכער האָבן געפלאַמט און גלעזערנע שויבן האָבן געפּלאַצט מיט אַ ווילדן געבראַזג. מענטשן האָבן ווילד און ספּאַזמאַטיש געליאַרעמט.

אונדזער שטוב איז געווען נאָענט צום טייך, האָט די מאַמע געכאַפּט צום ערשטן, די שבתדיקע לייכטער און דעם סאַמאָוואַר און אַרײַנגעוואָרפן ביים ברעג טייך, מיטן סימן — ביים הויכן שטיין.

אויף אַ הויכער פור, אָנגעלייגט פּערענעס און קישנס, האָט מען אונדז, מיט נאָך אַ סך קינדער פון שטעטל, אַרויפגעזעצט אין דער הויך, ווי אויף אַ הויכן וואָגן היי און בעת מיר זענען געפאָרן איבער דער בריק, האָבן פייערדיקע לופט־כוואַליעס געבריט אונדזערע פּנימלעך.

פאַר נאַכט זענען מיר אָנגעקומען אין דאָרף קאַמין. מען האָט אונדז אַרײַנגעפירט אין אַ גרויסער סטאַדאָלע, וואָס איז געווען אויסגעשפּרייט מיט פרישן היי פאַר אונדזערטוועגן. דערנאָך זענען אַרײַנגעקומען: שיינע־גיטל מיט כאַניען, לייב און ראָדל, וואָלפקע מיט דער ווייב און חנה־גוטע

מיט די טעכטער, זיי האָבן אונדז געגעבן צו עסן שוואַרצע, ראַזאָוואַנע ברויט מיט קעז. דערנאָך זענען מיר איינגעשלאָפן.

צו מאָרגנס פרי האָט דער טאַטע גענומען ביי די הענטלעך מיך מיט מיין ברודער יצחק מאירן, און צוריקגעגאַנגען אין שטעטל אַריין. איך האָב גאָרנישט פאַרשטאַנען — נישטאָ מער קיין שטעטל! בלויז הויכע קוימענס מיט הויפנס, שטויסן ציגל, ברוך־שטיינער, גרוז און שטיקער גלאָז.

דער טאַטע, איינגעשמירט דעם לאַנגן קאַפּטאָן אין ליים, פאַרסאַזשעט פון רויכנדיקע האַלאָוואַשקעס, האָט זיך אַרומגעדרייט מיט אונדז, גע־וואָלט ווייזט־אויס, געפינען אַ וועג צו אונדזער שטוב, אָבער אומזיסט! ער האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין אַ וואַלד פון שוואַרצע קוימענס...

דערווייל זענען אָנגעפאָרן גויאישע פורן, וואָס די יידן פון דער סביבה, האָבן אַריינגעשיקט, פאַר די נשרפים — פולע קאַסטנס מיט ברויט, קאַרטאָפל און זאַלץ. אויף איינער אַזאַ פור האָט דער טאַטע אונדז אַרויפ־געזעצט און מיט פייכטע, פאַרטראַכטע אויגן צעקושט זיך מיט אונדז און אַ זאָג געטאָן: „קינדער, איר פאָרט איצטער צום זיידן מיט דער באָבען קיין לאַהישין" (לאָגישין).

ווי לאַנג מיר האָבן זיך דאָרט געזאַמט — ווייס איך נישט! כ׳ווייס בלויז, אַז ס׳איז אונדז גוט געווען ביים זיידן אהרון מרדכי און דער באָבען ראָדל. אַלע מאָל פלעג איך ביי טאָג אַנטלויפן צו דער מומע מרים־לאה און פעטער נחום, וואָס איז געווען שוחט אויף מיין טאַטנס אָרט, און ווייל זיי האָבן נישט געהאַט קיין קינדער, האָבן זיי אונדז אויפגענומען ווי אייגענע קינדער. אָבער שטילערהייט האָב איך געבענקט אַהיים. פלעג איך זיך באַהאַלטן אין אַ ווינקל, פאַרטראַכט אַרויסקוקן מיט איין אויגל אין אַ זייט און צו קיינעם נישט רעדן אַזוי לאַנג, ביז כ׳האָב דאָ געקריגן חברטעס.

ווען מען האָט מיך געבראַכט צוריק אַהיים, האָבן שוין טאַטע־מאַמע געוווינט ווידער אין פאַהאָסט, אין דער גויאישער גאַס, ביי דער אַלטער גויע רוזשע אין שטוב.

מיין עלטערער ברודער זיידל, האָט שוין געלערנט אין דער האָראָ־

דאָקער ישיבה. אין שטוב איז נאָר געווען מיין קליין שוועסטערל פייגע־ביילקע. אַלץ איז דאָ איצט געווען פאַר מיר פרעמד. כ׳האָב זיך צעוויינט. דער טאַטע האָט מיך גענומען אויף זיין שויס און די מאַמע האָט מיך גענומען פאַררייידן: „דאָס איז דאָך דיין היים, נאַרעלע, זעסט, אָט איז דיין שוועסטערל!״. האָב איך אויפגעהערט צו וויינען און דערזען פאַר זיך אַ מיידעלע מיט אַ בלאַס, שיין פנימל, צוויי גרויסע, בלויע אויגן און טונקל בלאָנדע האָר, מיט אַ גריוועקע טיף איבער די אויגן, אַז זי האָט געמוזט האַלטן אין אַ זייט דאָס קעפל, כדי צו קענען זען עמעצן. זי האָט מיך לאַנג אָנגעקוקט און געשוויגן, נאָר אין איר לאַנגער ווינטער־קלייד באַשאָטן מיט ווייסע גראָשנס אויף אַ גרויען גרונט, האָט זי אויסגעזען ווי אַ שיקסעלע... האָבן מירביידע געשוויגן און נייגעריק פרעמד זיך באַטראַכט.

רוזשעס שטוב, ווי אַלע גויאישע שטיבער, איז געשטאַנען אין דער לענג, אַריינגערוקט אין הויף. ביי דער זייט אַ גערטנדל, און הינטער דער שטאַל, האָט זיך געצויגן, ווייט, ביז הינטערן פריץ פּלאָטניצקיס סאָד, אַ ריזיקער גאָרטן פון אַלערליי גרינוואַרג.

אין דער קלענערער האַלבער שטוב צום גאָרטן־זייט, האָט געוווינט רוזשע מיט איר פּסיכיש־קראַנקער טאָכטער, וואָס איז שטענדיק געזעסן אויפן אויוון. און מיר האָבן געוווינט אין גרויסן צימער, צו דער גאַס צו.

אויבן אָן איז געשטאַנען אַ גרויסע שלאָף־באַנק. ס׳איז געזעסן דער טאַטע און אַרום גרויסן טיש — די יינגלעך און האָבן געלערנט. ביי דער זייט איז געהאַנגען אַ גרויסער, רויטער פאָרהאַנג, מיט שוואַרצע זיגזאַגן און אויסגעמאָלטע חיות. הינטער דעם פאָרהאַנג — צוויי בעטן פאַר טאַטע־מאַמע. פרעמד, פרעמד בין איך געשטאַנען אין ווינקל פון אויוון און געבענקט צו דער באָבען...

דאָס שטעטל האָט זיך ביסלעכווייז גענומען אויפבויען. ווו נישט ווו אַ שטוב, אַ קראָם, אַ חדר פאַר יינגלעך. קיין שול איז נאָך נישט געווען, האָט מען דערווייל געדאַוונט, מניינימווייז, אין פריוואַטע שטובן.

ווען איך האָב זיך אָנגעהויבן ביסלעכווייז צו פילן היימיש, בפרט אין אָוונט, בעת די יינגלעך פלעגן אַוועקגיין, פלעגט דער טאַטע מיך

אַרויפגעמען אויף זיין שויס, מיך צערטלען און קושן און אַזוי אַרום האָב איך זיך אָנגעהויבן צוגעוווינען צו אַלעמען.

די ייִנגלעך פון שטעטל פלעגן קומען צו אונדז אַכט אין דער פרי און לערנען ביז ביין אָוונט, מיט אַ קליינעם איבעררייס אויף צו גיין אַהיים עסן וואַרמעס. אויסער דאָס וואַרמעס, פלעגן זיי ברענגען מיט זיך עסן.

ווי נאָר דער טאַטע פלעגט קומען פון דאַוונען און אויסטרינקען זיין גלאָז ציקאָריע מיט אַן הייזון־קיכל, פלעגט ער גלייך זיך זעצן צום טיש לערנען מיט די ייִנגלעך. עס זענען געווען שטעטלדיקע און דאָרפישע ייִנגלעך פון דער סביבה.

זייער אָפט זענען פאַרגאָסן געוואָרן טרערן אין חדר פון די קלעפּ, וואָס זיי האָבן געכאַפּט פון טאַטן. ער האָט זיך נישט געקענט קיין עצה געבן מיט די קליינע קינדער. ער פלעגט זאָגן — זיי זענען גרויסע גויאים מיט פאַרשטאָפּטע קעפּ...

אַן אויג האָט דער טאַטע געהאַלטן אויף יענע ייִנגלעך, וועלכע האָבן שאַרפע קעפּלעך און אונטער זייערע פּלייצעס פלעגט ער זיי לויבן, אָדער ער פלעגט זיי דערלאַנגען אַ ליבע־קניפּעלע אין בעקל, צוגעבנ־דיק: אַ, גוט, זייער גוט!..

זייער אָפט איז צווישן מיר און דעם טאַטן געשטאַנען אַ מחיצה פון פרעמדקייט: אַ גאַנצן טאָג האָט ער די ייִנגלעך אויסגעמאַטערט, האָט אין מיר געברענט אויף אים דער כעס. ווען דער טאַטע איז אין שטוב נישט געווען, פלעגן מיר די תלמידים דערציילן, וואָס עס טוט זיך אָפּ הינטערן שטעטל, אויף יענער זייט בריק, דאָרט שלאָפן סטאַרצעס און ציגיינער, וואָס גנבענען אַוועק ייִדישע קינדער, פירן זיי אָפּ אין ווילדע וועלדער, ווו מען מאַכט זיי פאַר גויאישע אָפּגעטער... דאָרטן הינטערן שטעטל, פאָרן אַרום אַ גאַנצע נאַכט גזלנים אויף שיפלעך, אַלס פאַר־שטעלטע כישוף־מאַכער, דערפאַר וואַרפט עס אזוי די אָזיערע, מיט אירע צעשטורעמטע, שוואַרצע כוואַליעס...

אַ מורא פלעגט מיך באַפאַלן, ווען די מאַמע פלעגט וועלן ערגעץ אַוועקגיין. דעמאָלט האָב איך זיך אָנגעטשעפּעט אין איר ברייט־געקליי־

בענער קלייד און איר אומעטום נאָכגעלאָפן. און זי האָט זיך מיר געבעטן:

— בלייב אין שטוב!

— איך האָב מורא! — האָט איך געענטפערט.

— פאַר וועמען?

— פאַר די ציגיינער!

ס'פלעגט אַ מאָל טרעפן, אַז אַ טאַטע פון אַ תלמיד פלעגט זיך אַריינ־כאַפּן צו אונדז אין שטוב און פאַרמסרן זיין זון, אַז ער פאָלגט אים נישט... אַ סך מאָל האָבן זיי נישט געוואָלט פאַרלאָזן זיך אויפן מלמד און פלעגן אַליין, אַזאַ ייִנגל מקיים פּסק זיין.

שטייט מיר טאַקע אַזאַ בילד פאַר די אויגן: ווי ישראל איטשקעס איז אַריינגעפאַלן, ווינטער אָוונט און אַ זאָג געטאָן: רבי! איך מוז אים שוין באַצאָלן. און אַ כאַפּ געטאָן זיין זון יעקב־יהושע, מיט די ראָזע בעקלעך און בלויע אויגן, אַריינגעכאַפּט אים אין זיינע גרויסע הענט, אויפגעשפּיליעט אים די הויזלעך — דער קרבן האָט זיך געצאַפּלט, געגוואַלדעוועט און דער טאַטע האָט געשריגן: וועסטו עס טאָן ווייטער? טאָן?! נאַ, נאַ, נאַ! און אַריינגעטשאַכעט וויפל ס'איז נאָר אַריין...

דעם טאַטנס חברים

ישראל, דער סטאַראָסטאַ איז זייער אָפּט געקומען באַזוכן דעם טאַטן. זיין זון יאַנקל — האָט געלערנט ביים טאַטן צען יאָר.

ווינטער אָוונט. אַ גרויסער פראָסט. ניין אַ זייגער. אין חדר איז וואַרעם און דושנע. די טיר גלאַנצט מיט פאַרפרוירענע, ווייסע שניי־קעפּ. די שויבן אין די פענצטער באַמאָלן מיט וועלדער, ביימער און ווינטער־בלומען. דער בלעכענער הענג־לאָמפּ איבערן חדר־טיש, די ייִנגלעך האַלטן אין מיטן אויסלייגן (מאָכן דיקטאַנדע), אַ וואַרעמער ריח פון דער מאַמעס געבאַקענע פרישע ראָזעווע ברויט שלאָגט אַנטקעגן. אין שטוב איז גע־

מיטלען. עפנט זיך די טיר און עס קומט אַריין ישראל דער סטאַראָסטאַ. איבערטרעטנדיק שווער די הויכע, הילצערנע שוועל. זיין שלאַנקער גוף בויגט זיך שוין אַ ביסל. דאָס קורצע, מאָגערע בערדל גלאַנצט מיט פראָסטיקן הויך. דורך די גרויסע, טונקעלע רעדער־שפּאַקולן פינקלען זיינע קליינע, גרויע אויגן.

— אַ גוטן אָוונט דיר, משה בערעלע! — דערהערט זיך זיין ווייכע שטים.

— ברוך הבא! — ענטפערט דער טאַטע, אויפהייבנדיק זיך פון זיין אויבן־אָן, גייענדיק אים אַנטקעגן. שמועסנדיק מיטן טאַטן, לייגט ישראל סטאַראָסטאַ אַרויף זיין לאַנגע, שמאָלע האַנט אויפן טאַטנס אַקסל. פון זיין פּאַק פּאַפּירן, וואָס ער טראָגט אונטערן אָרעם, וויקלט ער עפּעס פונאַנדער, ווייזט דעם טאַטן און ביידע זעצן זיך וועגן עפּעס מישב.

*

הערשל מאַסטישטשער האָט מען אים גערופן. געוווינט האָט ער אין הויף מאַסטישטש. פון זיינע ניין קינדער — זין און טעכטער — האָבן אַ טייל געוווינט אין אונדזער שטעטל.

ער, הערשל, איז אַ מיטל־וווּקסיקער, מיט אַ שוואַרץ בערדל, געדיכט־געקרייזלטע פּיאות און אַ פּאָר שוואַרצע, שאַרף קלוגע אויגן, וואָס האָבן אַרויסגעבליצט פון בלאַסן, יראת שמימדיקן פּנים. דער טאַטע און הערשל פלעגן זיך משפּחיש און חסידיש ברודעריש פאַרהאַלטן.

*

חיים קוביער, אַ שכן אין גאַס — אַ קורצער, אַ קיילעכדיק־דיקלעכער מיט אַ רונד, פול פּנים און גרויסע, קיילעכדיקע, שוואַרצע אויגן מיט אַ פינקלדיקן גלאַנץ פון חכמה און ענערגיע. זיין גאַנג — פלינק, רירעוודיק. געווען אַ סוחר.

זיין שיינע ווייב, רבקה, האָט אים געבוירן אין דער נייער, שיינער שטוב, געראָטענע טעכטער מיט איין בן־יחיד — דעם טאַטנס תלמיד — קלמן־שמואל. באַליבט איז חיים קוביער געווען אין שטעטל צוליב זיין

פריילעך מאַכן אין שול אין די יום־טובים, באַזונדערס שמחת־תורה, מיט זיין פלינקן טאַנצן און מיט זיין ברייטער האַנט אויף צוטיילן משקה פאַר יעדן. אַזוי, אַז אַפילו יונגוואַרג איז אים געקומען זען און הערן און אים בכבודיק געהאַלטן.

מיר האָט זיך באַזונדערס איינגעקריצט אין זכרון זיין שטוב, וואָס איז געווען אַ מחיצה צווישן דער גויאישער גאַס און יידישער שטעטל. ביי אים אויפן גאַנעק, האָט שטענדיק געשווּיבלט און געגריבלט. דאָרט פלעגט זיצן זיין שיינע, זיבעצן־יעריקע טאָכטער גאָלדע און אויסנייען אַ טישטוך. די גאַנצע משפּחה פלעגט זיך אויסזעצן צווישן זיי — רבקהס שוועסטער עטל — מיט די גרויסע, שטראַלנדיקע אויגן — שיין, שיין, ווי אַ יונגע, שלאַנקע ציגיינערין. אין צענטער פלעגן זיצן די באָבע פויגל, מיטן ווייס געפּרעסטן טיכל אויפן קאָפּ, אַ העלן פאַרטוך אַרום שמאָלן גוף אירן, און אַזוי שטיל, ליבלעך פלעגט זי קוקן אַרום זיך מיט אירע גרויע, רויט־באַברעמטע אויגן אויף אירע אייגענע אייניקלעך און אויף די פרעמדע, וואָס אויך זיי פלעגן איר רופן באָבע פויגל; זי איז געווען די ערשטע, וואָס האָט אויפגענומען אויף דער וועלט, ווי אַ הייב־אַם, אַלע שטעטלדיקע, יידישע קינדערלעך.

*

נאָך אַ חבר פלעגט קומען צום טאַטן. דאָס איז געווען ראובן דער שוחט. אַ ייד אַ מזרח־טיפּ: העכער פון מיטעלן וווּקס, אַ ברייטבייניקער מיט שוואַרצע, טיף ערנסטע שיינע אויגן. זיין שוואַרץ־געדיכטע, פּאַטריאַרכאַלע באָרד, האָט אים אין זיין רויִקער באַנעמונג און טאַקטישער האַלטונג צוגעגעבן נאָך מער חשיבות. געווען איז ער כולי תורה און חכמה. ער פלעגט שרייבן מאמרים. דער טאַטע פלעגט אויף אים זאָגן: אכתבא רבא. זיי זענען געווען אינטים פאַרחברישט און פלעגן אין די פרייע שעהן פירן שמועסן און וויכוחים. אַ סך שפּעטער, ווען דער טאַטע האָט אין טיפער עלטער שוין געאַרבעט איבער זיין ספר „דברי אדם", פלעגט ער מיט מיר ריידן וועגן ראובן דעם שוחט.

*

אַ שטילער בכבודיקער, סטאָלינער חסיד איז געווען ליפע. שטיל, שטיל פלעגט ער זיך זעצן נעבן טאַטן און מיט זיין הייזעריקלעכער שטים פלעגט ער דערציילן. דער טאַטע פלעגט אים גערן אויסהערן.

נאָר ווען כאַניע מיט וואָלפקען, די קאַמינער, פלעגן אַריינקומען פלעגט ביי די קינדער אין חדר ווערן אַ גרויסע שמחה, ווייל עס פלעגט דער טאַטע זיך פאַרנעמען מיט זיי זייער לאַנג. ערשטנס האָבן אַלע זייערע קינדער געלערנט ביים טאַטן, און צווייטנס האָט מען זיך גע־האַלטן פאַר משפחה, און אויסער דעם זענען זיי געווען חברים. ווען די מאַמע פלעגט פאַר זיי גרייטן צום טיש וואַרמעס, פלעגט דער טאַטע אין דער צייט פונאַנדערלאָזן די חדר־ייִנגלעך.

די דריי חברים זענען זיך אין אַלץ געווען קעגנזאַצן. נאָר די אידייע: סטאָלינער חסידות האָט זיי פאַראייניקט.

וואָלפקע און כאַניע זענען צוויי ברידער געווען. וואָלפקע, דער עלטערער, אַ נידעריקער, אַ דאַרער, אַ זאַק ביינער, אַ העל־בלאָנדע, קורצע באָרד און פיאות האָבן איינגעראַמט איינגעפאַלענע, נערוועזע באַקן און קליינע, בלויע, אויסדריקלעכע אויגן. ביים ריידן פלעגט זיין פנים צוקן און זיינע הענט — זיך וואַרפן צוזאַמען מיטן שטעקן, וואָס ער פלעגט האַלטן. דער טאַטע פלעגט זאָגן אויף אים: „אַ חריף, אַ פלאַם־פייערדיקער קאָפּ, נאָר אַן עקשן".

כאַניע — אַ הויכער, אַ מאַסיווער פלעגט אַריינקומען ווינטער אין אַ טונקעלן פאַלטן מיט אַ קאַפּישאָן אויפן קאָפּ, וואָס האָט אים געמאַכט נאָך העכער און שענער. אַ גרויס רויק פנים מיט שיינע, מילדע אויגן, וואָס וואָלטן שטענדיק געפרעגט. אין זיין גאַנצן אויסזען איז געלעגן חשיבות פון אַ פערזענלעכקייט. ער פלעגט אויף אַלץ קוקן מיט אויפ־מערקזאַמקייט און האָט געוואָרט מען זאָל אים דערציילן... נאָך זיין אַוועקגיין פלעגט דער טאַטע אויף אים זאָגן: „אַ גוטער, אַ בקי".

*

אַז יונה דער בעל־עגלה פלעגט אַריין אין שטוב פלעגט זיך דוכטן, אַז אַלע האָבן זיך אויסגעגלייכט. פשוט, ערלעך צוטרויליך, קוקט ער אָן דעם רבין פון חדר און מיט ליבשאַפט די קינדערלעך, וואָס צווישן זיי איז אויך זיין זון — ישראל געווען. ער זעצט זיך צו, דערציילט אַ ביסל פון זיינע נסיעות, דערנאָך טוט ער זיך אַ פרעג, גלאַנצדיק מיט זיינע טונקעלע, גוטע אויגן:

— רבי ווי לערנט ער זיך?...

דער טאַטע טוט אַ צעפיר די הענט און אָפדרייענדיק זיך אַ ביסל אָן אַ זייט מיט אַ נחת־פולן שמייכל, טוט ער שטיל אַ זאָג:

— הלואי אויף אַלע מיינע תלמידים געזאָגט געוואָרן...

*

אין אַ קליין שטיבעלע אַנטקעגן אונדז האָט געוווינט אַ מאָדנע משפחה: מלכה רייזל און צדוק מיט זין און טעכטער. די יינגסטע, שרה־עטל — איז געווען מיין חברטע. זייערע טאַטע־מאַמע — הויכע, ברוינע שוין אַ ביסל איינגעבויגן, מיט קלוגע ערנסטע פנימער, ווי פאַר־בלאָנדזשעטע, פון גרויסע, ווייטע שטעט, זענען פלוצלינג אַריינגעפאַלן אין אַ קליין שטעטלדיקן עק — אין דער גויאישער גאַס...

ווייל אין זיי האָט דאָך געפעלט די פאַלקסטימלעכקייט, ווי פון די שכנים, אַ שטייגער: נאָטע דער סטאָליאַר צי שאַיע־יודל דער שניידער און לייבע דער קלעזמער. ביי שאַיע־יודלען האָט געפייפט דער דלות און ביי לייבען — איז שטענדיק געווען פריילעך. זיינע צוויי שיינע טעכטער האָבן געאַרבעט אין שוועבל־פאַבריק, אין פינסק, פלעגן זיי אַהיים קומען אויף שבת און יום־טוב. דער טאַטע זייערער פלעגט שפילן אויפן פידל און די טעכטער האָבן געטאַנצט צוזאַמען מיט נחמן דעם רימאַרס שיינע מיידלעך.

אַראָפּ־צו פון אונדזער גאַס איז געשטאַנען אַ לאַנגע, גרויסע שטוב — די שענסטע פון אונדזער שטעטל. געהערט האָט זי צו פיניע מאיר־חיימס. שפּעטער האָט זי דערוואָרבן אַלטער איטשקעס.

יחיאל — פיניעס זון האָט געלערנט ביים טאַטן. זיין הלבשה און מיטגעבראַכטע עסן האָבן עדות געזאָגט, אַז ער געהערט צו די רייכערע פון שטעטל. אַ דאַנק זיינע טיפּע, נייע קאַלאָשן, וואָס נישט אַלע האָבן זיך געקענט דערלויבן אויף אַזאַ לוקסוס, האָט יחיאל געקענט לייכט אַרויס־קריכן פון די טיפע בלאָטעס אויפן הויף, ווו אַלע קינדער האָבן באַדאַרפט טאָן זייערע באַדערפעניש ן...

פיניע פלעגט אַריינקומען מיט שטייפע, געמאָסטענע טריט, זיך פאַר־זיכטיק אַרומקוקן בעת ער האַלט איין האַנט אַריינגעטאָן אין דער הויזן־קעשענע און קוקט אויפן טאַטן מיט שטילער פייערלעכקייט. דערנאָך זענען זייביידע אַרויס אין דרויסן און לאַנג גערעדט צווישן זיך. ווען זיי זענען צוריק אין שטוב אַריין און דער טאַטע, דער רבי, האָט איינ־געשטילט דעם קינדערשן, אויפגעהויבענעם געפּילדער, איז פיניעס פּנים געוואָרן אַזוי אויפגעראַמט, אַזוי היימיש, אַז ער פלעגט צוגיין צום טיש, אַריינקוקן אין די העפטן ביי די יינגלעך, שטעלן פראַגן אויסמיידנדיק זיין אייגענעם זון.

צומאָרגנס פלעגט זיין יינגל קומען אין חדר און זאָגן: רבי, דער טאַטע האָט אייך געשיקט ראש־חודש געלט. אָונט, נאָכן חדר, פלעגט דער טאַטע איבערגעבן דער מאַמען אין האַנט אַריין דאָס געלט זאָגנדיק דערביי: „סאַראַ פיינקייט פון אַ בעל־הבית".

אין דער צווייטער האַלבער שטוב ביי פיניען איז געווען דער בראַנפן־מאָנאָפּאָל. די קאָנצעסיע אויף דעם האָט געהאַט די קריסטין אלמנה רענעלשטיכא, וואָס האָט געהאַט די שיינע טאָכטער — מאַנקאַ.

פיניעס זון וועלוועלע, וואָס איז געווען אַ שרייבער אין דער גויאישער געמיינדע, און האָט זיך געקליידט, ווי נישט קיין ייד אין אַ ווייסער רובאַשקע מיט אַ שוואַרצן פּאַס, פלעגט טראָגן אַ היטל מיט אַ ליאַקירטן דאַשעק. ער איז אַרומגעגאַנגען מיט מאַנקען, ביז ער איז מיט איר אַוועק ערגעץ טיף אין רוסלאַנד; זיך געשמדט און חתונה געהאַט... האָט מען דערנאָך אין שטעטל געזאָגט, אַז צוליב דער חרפּה האָט פיניע פאַרקויפט די שטוב און איז אַרויסגעפאָרן קיין טאָלנע.

פאַראַן אויך ביי אונדז חדר־ייִנגלעך פון דער סביבה, וואָס עסן ביי אונדז קעסט און שלאָפן.

די סאַמע נאָענטסטע שכנה אונדזערע איז רחל־לאה די קירזשנערקע. איר מאַן, משה קירזשנער, איז אַ שטילער, אַרבעטזאַמער מענטש. און זי, רחל־לאה, אַ גרויסע, אַן ענערגישע, אַ באַרעדעוודיקע און אַ גלויביקע פרוי. ווען די מאַמע פאָרט אַוועק קיין פינסק, מיט אַ קינד צו אַ דאָקטאָר, קאָכט רחל־לאה פאַר אונדז אָפּ וואַרמעס און צוואָגט אונדז אויס די קעפלעך. מיטן טאַטן האָט זי ליב צו פילאָזאָפירן וועגן אמונה און רעדט צו אים מיט דרך־ארץ.

— איר זעט, רבי — זאָגט זי — ווי אמת און הייליק די תורה אונדזערע שרייבט: „דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן פון ערד״ און בשעת מעשה קאַטשעט זי אַרויף דעם אַרבל, טוט אַ רייב די האַנט — איר זעט, רבי?!...

די חדר־ייִנגלעך זענען זיך אויסגעשטאַנען געברענטע צרות פון דער גויאישער גאַס. די שקצים פלעגן אָנפאַלן אויף זיי און שלאָגן מכת רצח. די מער געוואַגטע ייִנגלעך פלעגן אָפּגעבן צוריק קלעפּ און אַרויס די זיגער.

אויפן טאַטן פלעגן די שקצים אָנרייצן די הינט און אים רופן קיטאַיאָוועץ, צוליב זיינע לאַנגע פיאות. איין מאָל, געדענק איך, איז דער טאַטע געקומען פון גאַס אַ טויט־בלאַסער מיט אַ צעריסענעם קאַפּטן דורך אַ בייזן, אָנגערייצטן הונט.

אַ סך עלטערן האָבן טאַקע צוגענומען זייערע קינדער פון חדר, כאָטש זיי האָבן דווקא געוואָלט, אַז זייערע קינדער זאָלן לערנען ביי משה בעדער דעם מלמד, ווייל ער איז אַ גרויסער יראת־שמים און שטעלט אַוועק, זאָגן זיי, די קינדער אויף אַ גוטן דרך.

איז מען געוואָרן נאָך מער אָרעמער און די מאַמע האָט זיך נאָך מער געמאַטערט מיט די שטוב־הוצאות...

מאָדנע און אינטערעסאַנט האָט אויסגעזען אויף דער גויאישער גאַס דער יום־טוב סוכות. די עטלעכע יידישע שכנים פלעגן זיך צוזאַמענריידן און ביי וועמען עס איז געווען אויפן הויף אַ ליידיקער פלאַץ, דאָרט

האָט מען אויפגעשטעלט די סוכה. געבויט האָט מען בשותפות, איינער האָט געגעבן ברעטער, דער צווייטער — טשוועקעס, דער דריטער — דראַנגעס, שטריקלעך און אַנדערע זאַכן. געווען אַזעלכע, וואָס זענען געלאָפן אויפן מאַרק און געבראַכט אַ וואָגן מיט גרינעם סכך, באַצאָלט דעם גוי האָבן אַלע. אויפגעשטעלט די סוכה האָבן מענער און אויסדע־קאָרירט — די ווייבער מיט די קינדער. די פיר ווענט — פאַרהאַנגען מיט שיינע קאָלדרעס, געבלומטע דיוואַנען, אויפן אויבערשטן סכך פלעגן מיר קינדער אָנטשעפען רויטע יאַגדעס, באַרן, עפל, פלוימען, ליאַלקעס.

פון שול זענען געקומען אַלע גלייך. די מענער פלעגן זיך זעצן ביים גרויסן טיש, די ווייבער פלעגן אַריינברענגען אין סוכה משקה און די מענער פלעגן מאַכן קידוש לויט דער רייע. מען פלעגט דער־לאַנגען, ד. ה. יעדעס ווייב און מאַמע — איר מאַן און קינדער, די מאכ־לים: פיש, עוף, יויך מיט קרעפּלעך און מערן־צימעס. על פּי רוב פלעגן זיי בענטשן במזומן, אָבער מערסטנטייל פלעגט מען עסן משפּחהווייז, יעדע משפּחה פלעגט באַזונדער זינגען זמירות און זאָגן די אושפּיזן.

אויסגעפאַלן איז דער יום־טוב אין אָנהייב האַרבסט. אַ מאָל איז ער נאָך באַגלייט געוואָרן מיטן גאָלדענעם סוף־זומער. זענען אויפגעשטאַנען טעג נאָך וואַרעמע, צעלויכטענע, מיט צעבלויטע הימלען און מיטן גאָל־דענעם אָפּשיין פון סוף־זומער פאַלנדיקע בלעטער און וויין־דופט פון רייפע עפל, באַרן און פלוימען. ווייסע פּיריע (שפּינוועבס), פלעגן אַרומשווימען אין דער לופט און פאַרשפּינען דאָס סוכהלע, ווי אין אַ קינדערישער צויבער־מעשהלע, ווו קינדער שפּילן זיך אין טאַטע־מאַמע, אויפשטעלנדיק אַ שטיבעלע, פאַר זייערע ליאַלקעס...

אַ מאָל אָבער פלעגט טרעפן אַ פריער האַרבסט. די בלייענע הימלען מיט טונקל־גרויע לאַטעס און דריבנינטשקן רעגן, האָבן די ערד נאַס געמאַכט און גורם געווען די געדיכטע, שוואַרצע בלאָטעס. די אַזיערע פלעגט ווערן פולער, זיך נעמען וואַרפן און שליידערן, מיט שוימיקער רוגזהדיקער שוים אַלץ נעענטער און נעענטער צו אונדז, גלייך ווי אירע בייזע כוואַליעס וואָלטן געוואָלט איינשלינגען אונדז מיט דעם גאַנצן שטעטל צוזאַמען... דאַן האָבן די פייכטע, קאַלטע ווינטן געוויגט און

געהוידעט אונדזער סוכה, געריסן דעם סכך מיט אַ פּייפעריי פון בייזן חוזק...

די שכנים זענען געזעסן אין די מאַנטלען און אין איילעניש געזופּט די הייסע געקעכצן און האָבן אויסגעזען, ווי יידישע וואַנדערער פון ווייטע מקומות, וואָס האָבן פאַרבלאָנדזשעט, זענען אַריינגעפאַלן אין אַ גויאישער גאַס און האָבן דאָ צייטווייליק אויפגעשטעלט זייער וואַנדער־געצעלט און איצט פּראַוועט זיי זייערע מאָדנע מנהגים...

די גויאישע שכנים זענען געשטאַנען און מיט חידוש צוגעקוקט, ווי יידן האָבן מיט חשק געטראָגן סכך און געשלעפּט ברעטער און געבויט און איצט זיצט מען אינעווייניק, מ׳פּראַוועט מאָלצייט, מ׳זינגט און מ׳טאַנצט... ווען מען האָט זיי געשילדערט, ווי יידן האָבן געוואַנדערט, געלעבט אין ביידלעך, ביז זיי זענען אַריין אין אייגענעם לאַנד, זענען זיי געוואָרן ערנסט, געזעצט זיך אויף זייערע גאַנקעס און לאַנג און שטיל גערעדט... די שקצים האָבן שוין קיין שטיינער נישט געוואָרפן, נאָר חבריש אַרומגערינגלט די יידישע קינדער און געבעטן מען זאָל זיי דערציילן פון זייער אַמאָליקער, פאַרלוירענער היים...

די געשמדטע

ביים גביר פון שטעטל איז געווען אַ דינסט מיטן נאָמען אסתר. געקומען איז זי פון ערגעץ אונטער די טייכן־געגנטן, פון תחום סטאָלין, פון אַ דאָרף. געווען איז זי אַן אכצן־יעריקע מיידל. די העלע, בלאָנדע האָר — גלאַט פאַרקאַמט, גרויסע בלויע אויגן מיט אַ בלאַס פּנים.

ביי אונדז אין דער גויאישער גאַס זענען געווען צוויי דערוואַקסענע שקצים, ברידער. איינער מיטן נאָמען יאַס, דער צווייטער — לאַדזאַ. יאַס האָט זיך געלעבט פריינדלעך מיט אַלע יידן און יידן האָבן אים ליב געהאַט. פלעגט ער זאָגן, אַז ער וועט חתונה האָבן מיט אַ יידישקע. ער האָט אויך געקענט אַ ביסל רעדן יידיש. צום סוף האָט ער טאַקע חתונה געהאַט מיט דער קריסטין, די שיינע ברונעטין אַניוטאַ, וואָס זעט אויס

ווי אַ יידיש קינד. זייער חתונה האָט מען געפּראַוועט אין אַ יידישער שטוב. כמעט דאָס גאַנצע שטעטל האָט זיך משמח געווען און אַלע יידישע געסט האָבן געבראַכט מתנות.

אין אַ קורצער צייט אַרום האָט מען אין שטעטל זיך אָנגעהויבן שושקען, אַז שפּעט ביי נאַכט זעט מען אַרומגיין אסתרן מיט לאַדזאָן ביי דער אַזיערע. האָבן חברה אָנגעהויבן איר שטילערהייט נאָכשפּיאָנירן און האָבן געזען, אַז צוועלף אַ זייגער ביי נאַכט, ווען דאָס גאַנצע שטעטל שלאָפט שוין — קומט דער שגץ צו איר שטוב, זי עפנט דאָס פענצטער און אַ באָרוועסע העלפט ער איר אַריבערקריכן און טראָגט זיך מיט איר אָפּ...

אין שטעטל האָט זיך אַ רודער געטאָן און נישט־געשטויגענע און נישט־געפלויגענע זאַכן זענען אויף איר אויסגעטראַכט געוואָרן. ביז אין איינעם אַ שיינעם פרימאָרגן, איז אַראָפּגעקומען איר טאַטע, אַ ייד מיט אַ ווייס־גרויער באָרד. ער האָט זיך ביי איר געבעטן זי זאָל פאָרן מיט אים אַהיים; זי האָט אים אָבער אַפילו נישט געענטפערט. האָט ער, אַ צעבראָכענער, זיך אומגעקערט אַהיים.

אין אַ קורצער צייט אַרום זענען אסתר מיט לאַדזאָן פאַרשוווּנדן. אין אַ פּאָר חדשים אַרום איז אָנגעפאָרן אַן עלעגאַנטע קאָטש מיט אַ פּאָר פאָטשטאָווע פערד און אַ יונגע פּאָר, שיין געקליידעט, זענען אַראָפּגעשטיגן און אַריין אין דער גויאישער גאַס — צו יאַסן אין שטוב.

גלייך האָט זיך פאַרשפּרייט אַ ידיעה, אַז דאָס איז אסתר, אַז זי האָט זיך געשמדט און חתונה געהאַט מיט לאַדזאָן.

אַ פּאָר טעג האָט זי זיך אין גאַס נישט געוויזן. דעם ערשטן זונטיק האָבן זיי זיך געוויזן פאַר דער עפנטלעכקייט. אסתר איז געגאַנגען אָנגעטאָן אַ שוואַרץ זיידן קלייד באַהאָנגען מיט די שענסטע, מאָדערנסטע צירונגען, פאַרקעמט מיט אַ הויכע פריזור, פאַרנומען מיט אַ קלייאָמרע אויף הינטן, וואָס האָט איר געמאַכט נאָך מער עלעגאַנט. לאַדזאָ איז געווען אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצן קאָסטיום. הינטער זיי זענען געגאַנגען זיין ברודער יאַס מיט זיין ווייב און קינדער און דערנאָך — אַלע

קריסטלעכע שכנים. אַלע זענען זיי אַריין אין קלויסטער, ווו דער גלח האָט זיי צערעמאָניאַל מקבל פנים געווען...

ווען זיי האָבן געגומען אַרויסגיין פון קלויסטער, האָבן יידישע חברה זיי דערקענט און זענען זיי נאָכגעלאָפן ביז דער סאַמע שטוב און נאָכגעשריען מיט אַ ניגון:

— אסתרקע די משומדת! אסתרקע די משומדת, די משומדת!...

צו מאָרגנס האָט דער גלח געשיקט רופן דעם רב פון שטעטל און אים געוואָרנט אויף להבא... האָט דער רב צונויפגערופן אַן אסיפה פון אַלע יידישע עלטערן און זיי אָנגעזאָגט, אַז אויב זיי ווילן פאַרהיטן דאָס שטעטל פון אַ פּאָגראָם, חס ושלום, זאָלן זיי איינשטילן דעם כעס פון זייערע קינדער...

שפּעטער מיט יאָרן זענען דערגאַנגען אין שטעטל קלאַנגען, אַז זיי זענען זייער אָרעם, געפינען זיך אין ווילנע. ער שיכורט, שלאָגט זי און שרייט:

— פּאַרשיווּאַ זשידוווקאַ!

דער מאַמעס שבתדיקער ניגון

שבת ביי טאָג. די רו האָט זיך צעשפּרייט איבערן שטעטל און אָנגעפּילט די יידישע הויזגעזינדן מיט זאַטקייט און פרידן. און אונדז, קינדער, מיט שפּילעוודיקער פרייד.

זענען מיר אין דרויסן. אויסגעפּוצט אין פיל קאָלירטע לענגלעכע קליידלעך טראָגן מיר זיך מיט די רויטע באַנדן אין די לאַנגע צעפּ אַנטקעגן די אָנלויפנדיקע חברטעס און מישן זיך אויס מיט אַלע דערוואַקסענע שפּאַציר־גייער, וואָס פילן אָן די זאַמדיקע גאַס מיט פריילעך־יידישן געלעכטער.

פון הויך־צעבלויטע הימלען נידערט אַראָפּ אַ ליבע זומערדיקע וואַרעמקייט, וואָס נעמט אַרום דאָס שטעטל מיט מוטערלעכער שלוה.

איבער דעם געשלאָסענעם האַנדל־וואַנדל פון אַלע אַרבעטס־אונטערנעמונגען שוועבט אַ יום־טובדיקע דערהויבנקייט.

דורך צעעפנטע טירן און פענצטער גלאַנצן מעשענע און זילבערנע לייכטער פון די פרייטיק־צו־נאַכטיקע אויסגעגאַנגענע בענטש־ליכט. פון ווייס־געדעקטע טישן טראָגן זיך אין דרויסן אַרויס די זמירות פון צעזונגענע יידן, וואָס מישן זיך אויס מיטן געצוויטשערײַ פון פלאַטערנדיקע פייגל אין איין שבתדיקער שירה.

דער טאַטע, נאָכן אויסטרינקען די שבת־טיי, גייט אַ רויק געמיטלעכער און זויבערער אָנגעטאָן אין די יום־טוב מלבושים, אין שול אַרײַן צו זיין עדה יידן.

די מאַמע, אַן אויסגערוטע, אַ רונדיקע, מיט אַ שיינענדיק יונג פּנים, ווי אַ זאַפטיקער מילגרוים, נעמט אַרום מיט איר לויטערן בליק דעם רוים פון איר באַהאַרצטער משפּחה־נעסט, גייט פּאַמעלעך, מיט דרך־ארץ

צו צום טאַטנס גרויסן ספרים־שאַנק, ציט אַרויס פון צווישן די געדיכטע שורות ש״סן, תנ״כן און אַנדערע הייליקע ספרים, וואָס שטייען אָנגעשטעלט פון אונטן ביזן סאַמע באַלקן אַרויף, איר איינציקן ספר, די „צאינה וראינה״, די געבאַטענע תפילות און תחינות פאַר נשים, וואָס זי האָט עס באַקומען צו דער חתונה אַ מתנה.

זי לאָזט אַראָפּ די בלויע וואַרעמע אויגן איבערן פאַרמעט־פאַרגעלטן ספר, ווי בלויע הימלען איבער אַ האַרבסטיק פעלד, און די ווייסע צאַרטע פינגער אירע לויפן, ווי יונגע אינדן, בלעטערן און זוכן די הפטרה פון דער וואָך.

ווערט איר פּנים איינגעטאָן אין אַ צניעותדיקער פאַרטראַכטקייט און אירע דינע ליפּן הייבן אָן שעפּטשען שורה נאָך שורה, פאַרציִענדיק פאַמעלעך מיט בטחון און אמונה אין אַ שטיל געזאַנג: „דער בחיי זאָגט״... אַלץ ווייטער און ווייטער ווערט זי אַריינגעצויגן, ווי אין אַ מאַגנעטיש פעלד אַריין. די מעשיות און לעגענדעס באַצויבערן און באַגייסטערן זי. זי זעט און זי פילט די העלדן, די אבות און זייערע הייליקע טועכצן. זי באַהעפט זיך מיט זייער טויזנטיאָריקן עבר און ווערט דערהויבן. אַ וואַרעמע באַגייסטערונג באַפּאַרבט איר פּנים, איר שטים באַקומט אַ דרייסטערן און קאָליר־רייכערן קלאַנג און מיט אויפגעהויבענע פאַרשפּיצטע ברעמען גליטשן זיך פון אירע ליפּן: „דער בעל הטורים שרייבט״...

קייקלען זיך די רמזים איבער די ווייס־געקאַלכטע ווענט פון אונדזער הילצערנער שטוב און פילן אָן די ווייכע זומער־לופט מיט אַ זיס פאַרחלומטן ניגון — דער מאַמעס שבתדיקן ניגון.

די באָבעניו

איבער מיין הילצערנעם בעטל מיטן רויט־געפאַרבטן קאָפּנס בויגט זיך מיין באָבעניו און נעמט מיך דורך מיט אירע גוטע לאַכנדיקע אויגן. איך טו אַ פריידיקן צאַפּל און וואַרף אַראָפּ פון זיך די קאָלדרקע, מיט מיינע קינדערשע פולע הענטלעך כאַפּ איך אַרום דער באָבעס אָדער־דיק־דורכזיכטיקן האַלדז, און הענגענדיק אַזוי אויף אירע מאָגערע הענט טראָגט זי מיך אַוועק צום זוניקן עס־צימער. זי זעצט מיך אַוועק אויפן לאַנגן, הילצערנעם טיש, וואָס איז אַרומגערינגלט מיט דער ברייט־פאַר־צווייגטער משפחה. פאַל איך אַריין אין זייערע אויסגעשטרעקטע האַרציק־וואַרעמע הענט...

זומער ביי טאָג. אין שטוב איז קיינער נישטאָ. נאָר די באָבעניו זיצט דאָרטן אין שטוב־ווינקל און שטריקט אַ זאָק. איך שפּיל זיך מיט מיין ערשטער חברטע — די ווייסע קאַץ. דורך די צעעפנטע פענצטער וויגן זיך קלאַנגען פון שטעטלדיקן זומער. עס הערט זיך דאָס קלאַפּן פון די בושלען מיט זייערע לאַנגע שנאָבלען, פון משפחה־פרייד פון זייערע געפלאָכטענע נעסטן אויף די דעכער. מחנות זומער־פויגעלעך פלאַטערן שטיפעריש אין דער בלויער לופט, שטעלן אַלע ווילע זיך אָפּ אויפן גאַנעק און קוקן ארויף צו זייערע נעסטן, גיבן אַ שפּרונג אַריין אין די פענצטער מיט אַ צוויטש, צוויטש!...

פון דרויסן קוועלט אַריין די שטיפערישקייט פון יינגלעך, וואָס שפּילן זיך אין פערדלעך־געיעג, געלעכטער פון מיידלעך. די ווייסע פענצ־טער־פאַרהענגלעך פאָכען און ווייען און צעשאָטענע זון־שטראַלן מיט לאַשטשענדיקע פינגער גלעטן די טאַטע־מאַמע בעטן און שטראַלן מיט שימערונג פון היימיש־וואַרעמער געמיטלעכקייט.

רחבותדיק אויסגעצויגן ליגט די קאַץ איבער די געוואַשענע דילן־ברעטער, איר פולן מוטערלעכן בויך שטאַלץ אַרויף, איר שוואַרץ־געשפּרינקלטער קאָפּ פאַרוואָרפן תמעוואַטע, די גרין־פינקלדיקע אויגן מיט האַלב פאַרזשמורעטע וויעס־שפּאַלטן גלאַנצן פון קעצישן דרימל. צי איך זיך צו איר אין מיין גאַנצער לענג, מיינע פיסלעך דריגען ביי איר לאַנגן עק און מיט די הענט הויב איך זיך אָן צו שפּילן מיט אירע דינע וואָנצעס, וואָס ציען זיך פון אירע מויל־ווינקלען, ווי ציטערדיקע פעדעמלעך. עפּנט זי דאָס מויל און פאַרמאַכט עס ווידער. דערנאָך גיט זי אַ דריגע מיט די לאַפּקעס, אַ גלאַנץ מיט די אויגן, אַ טרייסל מיטן קעפּל און שלינגט איין אַ פליג. די קאַץ ווערט האַפּערדיקער און וויל זיך אויפזעצן, טו איך איר נאָך. איך בויג זיך איבער איר בויך און פיר אַהין, אַהער מיט איר באַוועגלעכן עק, שפּרינגט זי אויף און הויבט זיך אָן צו יאָגן אין אַ קרייז נאָך איר אייגענעם עק... איך פאַרגיי זיך אין אַ הילכיק געלעכטער און כאַפּ זי פאַרן קאָפּ. טוט זי אַ שפּרונג און מיט אירע צעבייזערטע קעצישע נעגל טוט זי מיר אַ דראַפּ. צעשריי איך זיך: מאַמאַ, מאַמאַ! שאַרט זיך פון ערגעץ אַרויס די באָבעניו צו מיר. קומט אויך די מאַמע מיט אויסגעשטרעקטע הענט: „מיר, מיר פאַר דעם קינד!״.

זומער פאַר נאַכט. אַ גרויסער אומעט האָט זיך אויסגעשפּרייט נאָכן פאַרגיין פון ליכטיקן זומער־טאָג. מחנות פייגל האָבן זיך אויפגעהויבן איבער דער שול און איבער די באַגילדעטע צלמים פונעם גרינעם קלויסטער און האָבן אַוועקגעצויגן העט אין דער ווייטקייט. נאָר די שטעטלדיקע בהימות קומען אָן פאַמעלעך מיט אַ ציענדיקן „מו־מו־מו״, אַנזאָגנדיק די בשורה פון פולע אייטערס זאַפטיקן מילך. דער געדיכטער שטויב פון אונטער זייערע קלאָען־פיס הויבט זיך אויף, ווי אַ וואָלקן און ווערט אַריינגעטאָן אינעם זומער־פאַרנאַכט, וואָס איז פול מיט שוועבנדיקע סודות און רמזים...

אויף די בריקלעך און פריזבעס זיצן געזינדן און וואַרטן אויף זייערע מענער — די דאָרפסגייער, די צוריקגעקומענע פון דער גרויסער שטאָט. נאָכן צעשפּילטן טאָג דרימלען איין מידע קינדער אונטער די קאַשטאַן ביימער.

אין די קיכן אויפֿן פּריפּעטשאָק, טאַנצן פֿריילעכע פֿייערלעך, וואָס קאָכן מילכיקע וועטשערעס פֿון פֿריש געמאָלקן מילך, און דערוואַ־רעמען די מידע פֿאַרהאָרעוועטע ביינער, נאָכן שווערן אַרבעטס־טאָג.

אין אונדזער הילצערנער שטוב, אין מיטן מאַרק איז איצט טונקל און אומעטיק — טאָג און נאָכט־דעמערונג. דעם גלחס גאָרטן, וואָס גרע־נעצט זיך מיט דער מזרח־זייט פֿון אונדזער שיינער שטוב, האָבן מיר זייער ליב. שטענדיק שטייען מיר אין דרויסן און קוקן מיט קנאה אין גאָרטן אַריין: זעען די בלומען און רויזן, וואָס וואַקסן אַזוי לאַקנדיק און פֿרעמד... די בארן און עפּל־ביימער, וואָס פֿאַרשפּרייטן זייערע פֿאַר־שכורנדיקע ריחות, רייצן אונדזער גומען... נאָר דריי וואָיענדיקע הינט דערנענטערן זיך צום געשלאָסענעם טירל און פֿאַר זייערע צעפֿייערטע אויגן אַנטלויפֿן מיר מיט שרעק...

די באָבעניו דרייט זיך אין שטוב מיט אירע גרויסע סקריפּענדיקע שיך, נעמט אַראָפּ פֿונעם טונקעלן קאַמאָד אירן די „צאינה וראינה“, טוט אָן אויף איר געקאָרבטער נאָז די רונדע שפּאַקולן און בלייבט שטיין ביי דער מזרח־וואַנט...

זי איז אַ הויכע, אַ ביסל איינגעצויגן, איר איינגעפֿאַלן ווייך פּנים שטראַלט מיט ליבשאַפֿט, שטייט זי ערנסט צניעותדיק פֿאַרטראַכט, ווערט מיט געהיימע פֿעדים אַריינגעצויגן אין זיך און אירע דינע ליפּן נעמען שטיל שעפּטשען אַ תּפֿילה... ווערט דער טונקעלער חלל אָנגעגאָסן מיט אַ וואַרעמער סודותדיקער טראַכטעניש...

אויף יענער זייט וואַנט האָט אַ שאַרפֿער ווינט צעווישט דעם פּרוכט־גאָרטן און אַריינגעוויגט די זאַפֿטיקע ווייַנשל־צווייגן דורך די צעעפֿנטע פֿענצטער. טונקעלע שאָטנס האָבן זיך גענומען באַוועגן אויף די ווייס־געקאַלכטע ווענט און אָנגעיאָגט אויף אונדז, קינדער, אַ פּחד, בפֿרט, ווען מושקאַ, דעם גערטנערס הונט, האָט זיך פּלוצלינג צעוואָיעט, ווי אַ הונ־געריקער וואָלף. האָט אונדז אַרומגעכאַפּט, ווי עפּעס אַן עלנטקייט. האָבן מיר זיך גענומען טוליען איינער צום אַנדערן.

די ברידער האָבן זיך אַ כאַפּ געטאָן אין אויסגערופֿן: מיר שפּילן זיך אין באַהעלטעניש! זוכן אונדז האָט געדאַרפֿט דער עלטסטער ברוּ־

דער זיידעלע. מיר אַלע האָבן זיך באַהאַלטן, ווו נאָר אַ געהיים ווינקעלע: אונטערן בעט, אונטער דעם זיידנס ספרים־שאַפע, הינטערן קיך־לאָפּאַטע, אַפילו אין קוטשקע ביי די הינער.

נאָר פאַר איינעם האָט נישט געסטאַיעט קיין באַהעלטעניש — פאַר מיין ברודערל יצחק מאירקע. שטייט ער אַ פאַרטראַכטער. זיין בליק פאַלט אויף דער באָבעניו. זי שטייט אינעם ברייט פאַרמאַרשטשעטן, ריפּסענעם קלייד, וואָס איז לאַנג און ברייט צעשפּרייט איבער דער ערד ווי אַ ווייער; די הענט פרום פאַרלייגט, די אויגן געשלאָסן, וויגט זיך קוים, ווי אין חלום, ווייט פון דערווירקלעכקייט...

מיין ברודערקע איז בליץ־שנעל פאַרשווונדן אונטער דער באָבעס קלייד. אַלעמען האָט שוין זיידל געפונען נאָך יצחק מאירקען — נישט. ווו קען ער זיין? — זוכט ער אים אומעטום — רעדנדיק צו זיך אַליין.

און זי, די באָבעניו, שטייט נאָך אַלץ, ווי אַ סטאַטוע פאַרוועבט אין אַנדערע וועלטן... ביז זי האָט אונטערגעהויבן אַ ביסל איר קלייד, האָבן מיר אַלע מיט אַ מאָל אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער...

די באָבעניו האָט זיך איראָניש, האַלב־שמייכלענדיק, איינגעקוקט אין די שטיפערישע קינדער און זיך אָפּגערופן:

— מען טאָר דאָס נישט, קינדערלעך!

דער שוואַרצער שבת

דאָס שטעטל האָט זיך אַ וויג געטאָן. די זין און טעכטער זענען פאַרכאַפּט געוואָרן פון די נייע אידייען און אונטער זייערע איינפלוסן האָבן זיך אויסגעטיילט די ווייט־גרעסטע מערהייט פון דער יוגנט צום ציוניזם. האָט מען אַבאָנירט דעם „השלח" און די „הצפירה". עס האָבן זיך געיאָוועט העברעיִשע לערער און צווישן טאַטעס און קינדער האָבן זיך געפירט פלאַם־פייערדיקע וויכוחים. אָפּט מאָל פלעגט זיך עס פאַרענדיקן מיט קלעפּ און פאַרטרייבן פון שטוב... אָבער ארץ־ישראל איז שוין פון טיש נישט אַראָפּ. די געוועזענע ישיבה־בחורים אין פּאַהאָסט האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער חובבי־ציון־באַוועגונג. הערצל איז געוואָרן זייער ווענד־פּונקט און ביאַליק, טשערניכאָווסקי, אחד העם, פרישמאַן און סאָקאָלאָוו האָבן אויף זיי דעם גייסטיקן חותם געלייגט. צוזאַמען מיט דער דאָזיקער גייסטיקער השפּעה איז געקומען דער רעוואָלט אויך אין דער אויסערלעכער עסטעטישער פאָרם פון דער הלבשה.

די יונגע חסידישע בחורימלעך, וואָס זענען דערצויגן געוואָרן נישט צו האָבן מיט דער אויסערלעכער וועלט קיין שום מגע ומשא און מיט דער פרויען־וועלט אַוודאי און אוודאי נישט, האָבן ביסלעכוויז אונטערגעשוירן זייערע פּיאות און בערד, אונטערגעהאַקט די לאַנגע קאַפּאָטעס, פאַרלאָזן פאַרנט אויפן קאָפּ אַ מאָדערנע טשופּרינע און ווען קיינער האָט נישט געזען — אויך אויסגעטאָן די דאַשקאָווע היטלען און געבליבן שטיין מיט אומפאַרדעקטע קעפּ, אונטערן פרייען הימל, רחמנא לצלן... אַרום אַלעמען זענען צווישן עלטערן און קינדער אָנגעגאַנגען לאַנגע מלחמות...

געדענקט זיך מיר אַן עפּיזאָד, ווי אַן אילוסטראַציע פאַר יענער עפּאָכע:

מיר האָבן דאַן געוווינט אין דער גוי׳אישער גאַס. קומט אַריין צום

טאַטן, דאַנערשטיק אין אָוונט, זיין ידיד יהושע־הערשל מאַסטישטשערס זון. איך געדענק אים גוט, מחמת זיין טאָכטער מרים, איז געווען מיין חברטע. געווען איז ער אַ הויכער, אַ ברייטפּלייציקער מיט אַ שווערן טראָט, האַרטן, פאַרעקשנטן פּנים, קלוגע אויגן און אַ קורץ שיטער בערדל. דער טאַטע נעמט אים אויף גאַסטפריינדלעך. זעצט אים אויבנאָן און עס פאַרבינדט זיך צווישן זיי אַ שמועס:

— ווּ איז דיין בענאַק? (זינדל).

געמיינט האָט ער מיין עלטערן ברודער זיידל, וואָס איז שוין פאַר־כאַפּט געוואָרן פון דער השכלה. ער איז שוין געווען אַ לערער אין דאָרף באַקיניטש און זיך אַליין געגרייט צו העכערע עקזאַמענס...

— וואָס דאַרפסטו אים עפּעס? — פרעגט דער טאַטע.

— אָבער ווּ איז ער, דער צדיק דיינער? — זאָגט איראָניש יהושע, אָנשטעלנדיק אויפן טאַטן זיינע שלעכטע, שאַרפע אויגן — ער האָט דאָך היינט ביי טאָג, אין סאַמע מיטן שטעטל, פאַר אַלעמען אין די אויגן, דער־לאַנגט לאה, שאיע־מאַטיעס, די האַנט.

דער טאַטע איז בלאַס געוואָרן און אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ...

שבת אין דער פרי האָט דער טאַטע געמאָנט זיינס, ווען מיר, קינדער, האָבן זיך געזעצט אַרום טיש און די מאַמע האָט דערלאַנגט די ווייכע קיכלעך מיט ציקאָריע. פאַר יעדערן האָט דער טאַטע גענומען אויפן פאַרהער זיידלען, דעם אַכצן יאָריקן בחור, וואָס האָט זיך שוין אַליין אויסגעהאַלטן און דאָס איבעריקע אָפּגעגעבן אין שטוב.

— נו, תכשיט מיינער! ס׳איז אמת, אַז דו האָסט געגעבן אַ מיידל די האַנט?

זיידל האָט געשוויגן. וויפל מאָל דער טאַטע האָט אים נישט געפרעגט האָט יענער געשוויגן. דעם טאַטן איז געגאַנגען אין דעם, ער זאָל כאָטש אָפּלייקענען. זיידל ווידער, האָט פיינט געהאַט צוויי זאַכן: אַ ליגן צו זאָגן און זיך פאַר עמיצן פאַרענטפערן. מיר אַלע זענען פאַרשטיינערט געבליבן און געוואַרט אויף אַ שטורעם...

פלוצים האָט זיך דער טאַטע אַ הויב געטאָן און אים אַראָפּגעלאָזט צוויי פּעטש און אויף אים אַרויפגעגאָסן דאָס גלאָז ציקאָריע, אין ווילדן

צאָרן געלאָפן זוכן אַ שטעקן... פון שרעק האָבן מיר, קינדער, אויפגע־הויבן געוואַלדן.

ביי דער גאַנצער סומאַטאָכע איז די מאַמע אַריינגעלאָפן פון הויף אין שטוב אַריין אַ טויט־בלאַסע, גענומען ברעכן די הענט. זיידל איז אַרויס אין דרויסן און דער טאַטע, ווייס ווי קרייד, איז אַוועק אין שול־דאַווענען.

אין אַ האַלבער שעה אַרום האָט ס׳גאַנצע שטעטל געקאָכט מיט דער מעשה. די מאַמע איז שוין אָפּגעלעגן אַ גאַנצן טאָג אין בעט אַ פאַרוויינטע. מיר האָבן קיינער נישט געגעסן דעם גאַנצן שבתדיקן טאָג. און ווען עס זענען אַריינגעקומען דער מאַמעס חברטעס לאה מנחמס און יענטע פנחסעס, האָט מיין ברודער זיידל געזאָגט:

— געוואָלט האָב איך באַלד נעמען אַן איזוואָזשטשיק און נאָך אין סאַמע שבת אַוועקפאָרן. אָבער איך האָב דאָס נישט געטאָן צוליב דער מאַמען...

אַ גאַנץ לעבן האָט יענער שבת, ביי אונדז געהייסן דער שוואַרצער שבת...

אויף יהושען האָט די מאַמע געזאָגט:

— זאָל אים גאָט באַצאָלן!

*

כמעט אין יעדער יידישער משפחה איז דער קאָנפליקט צווישן על־טערן און קינדער געוואָקסן צוזאַמען מיטן אויסשפרייטן זיך פונעם ציוניזם.

די חלוצישע יוגנט האָט שוין דאַן זיך געגרייט אַלס בויער פון לאַנד — געפאָרן אויף הכשרה, געפירט אַ קולטורעלע אַרבעט, אָרגאַניזירט אַ ביבליאָטעק און אַפילו געשפילט טעאַטער.

די מערהייט פון זיי געפינט זיך אין לאַנד. זיי זענען געווען צווישן די וויכטיקסטע בויער פון שטאָט און קיבוץ. אייגער פון זיי, איז דער הייַנטיקער הרב משה בערנשטיין.

פאָלקס ניגונים

ס׳איז שוין סוף יום־טוב. שטילע שלוה הערשט איצט אומעטום. דאָס שטעטל, אַ זויבערס, אַן אויסגעפּוצטס, שמייכלט אין גאָלדיק־זוניקער לופט... מיר אַלע האָבן זיך צוריקגעקערט פון די ווייטע שטעט און שטעטלעך אין דער אַלטער היים. מיר האָבן זיך שוין אויסגערוט, געמיטלעך זיך צעטיילט מיט אונדזערע יערלעכע איינדרוקן, אָנטרינקענדיק זיך מיט דעם שטראָמיק וואַרעמען זאַפט פון פאַמיליע־גליק.

איצט האָבן מיר זיך אַלע ווי איינער צונויפגעזאַמלט, כדי צו באַ־גלייטן דעם סוף יום־טוב, ווי פייגעלעך באַגלייטן דעם סוף זומער אויפן פעלד.

זיצן מיר אַלע, ווער אַרומגענומען, ווער אָנגעשפּאַרט איינער אין אַנדערן און קוקן אַרויס דורכן צעעפנטן פענצטער.

בלויע אומענדלעכע ווייטקייטן ציען זיך ווייט אַוועק צו די גרין צע־שפּרייטע פעלדער; זוניקער אָפּגלאַנץ באַשפּריצט מיט גאָלד דעם קרייז פון שטעטלדיקן רוים און עפנט אַ וועג פאַר נייע שפּינענדיקע פרילינגען...

שטילער פלאַטערנדיקער פייגל־ און בינען־געזאַנג הילכט אַריין צו אונדז דורך די צעעפנטע פענצטער און אין אַ בלויער וואַרעמער לופט שוועבן אַרום שטיקער ווייסע געוועבן, וואָס פאַרבלאָנדזשען צו אונדז, ווי דורך אַ געהיימען קאָנטאַקט...

שטיל, אומבאַמערקט האָט ווער פון אונדז פאַרצויגן פאַר זיך אַ דין פאַרבענקטן ניגון פון אַן אַלט לידל און ס׳האָט אויסגעזען, ווי עפּעס אַ נערוו פון דעם שפּילנדיקן פאַמיליע־האַרץ וואָלט וואָס אָנגערירט. האָבן אַלע אויפגעוואַכט און געזונגען איין ליד נאָכן אַנדערן.

די לידער זענען אויפגעגאַנגען אין אונדזער זכרון מיטן צאַפּלדיקן

אימפולס פון אונדזערע קינדער־יאָרן, וואָס ברענגען מיט זיך גאַנצע וועלטן דערינערונגען פון לעגענדעס, וואונדערלעכע חלומות פון קינדער־ליבע און אומשולד, פון בלומען, פון פריידיקע שפּיל־פּלעצער אין העלע, בלויע זומערן, וועלכע זענען שוין לאַנג פאַרשוואונדן...

אַריינפליסנדיק פון איין אַלט ליד אין צווייטן, ווי כוואַליעס פון אַ זומער־טייך, טויכן אויף אין אונדזער דמיון שוין לאַנג־פאַרשוואונדענע געשטאַלטן פון אונדזערע ליבסטע און טייערסטע, צווישן זיי דאָס ליכטיקע געשטאַלט מיט זיינע שטראַלנדיק באַגייסטערטע אויגן פון אונדזער עלטסטן ברודער, זיידל, דעם בעל־מנגן, וועלכער האָט אין אונדז, קלע־נערע קינדער, איינגעפלאַנצט די טיפע ליבע צו מוזיק, — דער בייזער וועלט־קריג האָט אים פון אונדז אַזוי פרי אָוועקגערויבט...

מיר זינגען איצט שטילער און שטעכעדיקער ווייטיק פּרעסט די ברוסט פון בענקשאַפט נאָך די פאַרשוואונדענע און נאָך די העלע קינדער־יאָרן...

מיר זינגען מנחמס אַ ניגון. מנחם, דער קליינער בלאָנדער מנחם, וועלכער האָט פאַרמאָגט אַ קליינע כאַטקע מיט אַ פולע שטוב באָרוועסע נאַקעטע קינדערלעך, פלעגט זיך אָוועקלאָזן מיט זיין קליין פערדל און אַ פעקל סחורה צו די פעלדער פון פּאַליעסיע אויף אַ גאַנצע וואָך.

דערפאַר פלעגט ער אויף יעדן שבת ברענגען אַ מתנה פאַר זיין חסידישן שולכל, אַ פרישן ניגון, וואָס ער, מנחם, פלעגט אין די שטילע זומער־נעכט, אין געדיכטעניש פון די פּאַליעסיער וועלדער אויסוועבן מיט זיין טיפן פילבאַרן נגונים־חוש. דערפאַר האָט זיין ניגון געקלונגען מיט אַזאַ רחבותדיקער זיסקייט און מיט אַ שטילן ווייטיקדיקן צער פון פּאַליעסיער אומעט...

דאָס געזאַנג פון נאַטור האָט אין מנחמס ניגון געקרעכצט מיט דעם שווערן געמיט פון זיין ביטערן לעבן און איז אויך געווען אָנגעפילט מיט פריידיקן בטחון פון אַ האָרעפּאַשניק, פון אַ גלויביקן פאָלקס־מענטש.

מיר, קינדער, וואָס זענען אויסגעוואַקסן אויף פּאַליעסיער ערד, זענען באַזונדערס באַגייסטערט געווען פון מנחמס ניגון. מיר זינגען אים מיט אַן אייגנאַרטיקער, טיפער פאַרשטענדעניש...

מיר זינגען דעם קליוואַנער בעטלער און פאַרשידענע פאַסטאָראַלע ניגונים, וואָס בעטלען וואַגלענדיק און וואַנדערנדיק אין עלנט. דאָס זענען ניגונים פון די פאָקלס־בעטלער אין פאַרשידענע צייטן און עפּאָכעס.

עס קלינגט אָבער אין זיי די זיסקייט און רחבות פון דער רויער נאַטור איןווילדקייט, ווי שטייגנדיק איבער שפּיציקע בערג. אָפט מאָל הערט זיך קוים דאָס פאַרשטיקטע קול פון אַ טיפן אונטערערדישן קרעכץ, וואָס יאָמערט און רופט נאָך הילף. צום סוף קלינגען אַרויס העל־זאַפטיקע קולות, ווי אויפגעהייטערטע זינגענדיקע געמיטער, וואָס זענען געבוירן געוואָרן אין די טיפענישן פון פאָלקס־גלויבן און זיין באַוווסטזיין...

ס'טרעפט, אַז מיר זינגען שטיקער נוסחאות, פראַגמענטן פון באַרימטע וועלט־חזנים.

די אַטמאָספער פון אונדזער שטוב ווערט אָנגעפילט מיט הייליקער דערהויבונג פון געניאַלע שאַפנדיקע פאָלקסמייסטערס, וואָס האָבן אָפּגע־שפּיגלט די יידישע יום־טובים.

מיר זינגען דעם מאָזשיצערס ניגונים. ניגונים, האַרץ־פאַרכאַפּנדיקע, ווי אָפּקלאַנגען פון אַ געהיימען צעשפּילטן אָרגל; ניגונים, ווי אַן אָנגעזאַמלטער אוצר פון פאָלקס נשמה־תהומען, ניגונים לירישע, עלעגישע, סאַטירישע און טרייסטנדיקע און צוזאַמען מיט דעם, מיסטישע, באַגייסטערנדיקע — — —

מיר זענען פאַרטיפט אין די אומפאַרשטענדלעך־מעלאַנכאָלישע ניגו־נים, וואָס זענען אָפּגעריסן פון דערווירקלעכקייט.

דער טאַטע פאַרמאַכט אַזש די אויגן פון מתיקות. זיין ווייס גראָע באָרד ציטערט פון שטילער התפעלות, זיין הויכער צעקנייטשטער גמראַ־שטערן און די שאַרפע ברעמען פלאַטערן אין אָדלער־דערהויבונג. אין דעם שטילן טאָן, וואָס איז צעשווומען אין זיסער דביקות שווימט ער אליין ווייט־ווייט אַוועק פון אונדז אַלעמען...

אונדזער שטוב איז איצט, ווי אַ וואַנדערדיקע שיף אויף די כוואַליעס פון געשיכטעס און עפּאָכעס. מיר אַלע זענען ווי פלאַטערנדיקע פייגל־מחנות אויף די שוועבנדיקע שטימונג־פליגלען צווישן זון און

געוויטער... שוועבן מיר און פליען אין אומענדלעכן רוים פון פֿאָלקס־גענוס...

שוין לאַנג איז דער טאָג פֿאַרגאַנגען צוזאַמען מיטן אויסגייענדיקן יום־טוב. די פֿאַרשווונדענע ווייסע זונען־געוועבן פון טאָג האָבן אויף אַן אומבאַמערקטן אופן איינגעוועבט דעם ציטערדיק־שפּילעוודיקן זון־אונטער־גאַנג מיט דער דאַזיקער סימפֿאָניע פון אַלע פֿאָלקס־געזאַנגען.

דעם לעצטן טאָג פאַר מיין אָפּפֿאָרן, ווען דער מאַמעס פּערלדיקע טרערן פֿאַלן אַראָפּ אויף די טעפּלעך און לאַדישקעלעך, וועלכע זי פּאַקט איין, כדי איך זאָל זיי נעמען מיט זיך און מיין האַרץ ווערט אָנגעגאָסן מיט נייער בענקשאַפֿט, ציִען און רייסן זיך צו מיר די ניגונים, זיי רינגלען מיך אַרום, טוליען זיך צו מיר, ווי צו אַן אַלטן, נאָענטן פריינד...

אָ, ליב־האַרציקע ניגונים!

איך נעם אייך מיט אויף אַלע מיינע וועגן, וואָס וועלן זיך אַ סך ווייטער ציִען פון מיין געבוירן־אָרט — פֿאָליעסיע, ווי טייערע פֿאָלקס־מתנות וועט איר מיך באַגלייטן אויף די שליאַכן פון מיין ווייטערער וואַנדערונג.

ערב ימים נוראים

נאָכן אָוועקגיין פון ליבן זומער איז, ווי נאָך אַ צעשפּילטער סימפאָניע, געקומען דער פאַרכמאַרעטער האַרבסט. די שטראַלנדיק־צעגרינטע וועלט האָט אָנגעהויבן וויאַנען און טריב טאָג־ליכט האָט אָנגעהאָנגען אויף ביימער און גרעזער זיין געל האַרבסט־קאָליר פון פאַרגאַנג. די צעזונגענע פייגל האָבן זיך אָפּגעטראָגן אין די ווייטע וואַרעמע לענדער און איבערגעלאָזט אונדזער פאַליעסיער יידיש שטעטל אויף הפקר. פון צפון, פון יענער זייט בריק, זענען אָנגעלאָפן אומהיימלעך־פייכטע ווינטן און ווי רויבער אָנגעהויבן רייסן און פליקן די רייף־זאַפטיקע זומער־פירות, געשליידערט זיי מיט אַ געפּויק אויף דרערד צווישן די גראָזן און די געלע בלוט־אָרעמע בלעטער געווירבלט אין דער פייכטער לופט אַריין, און צוזאַמען מיטן אויסגייענדיקן טאָג זענען זיי האָפנונגסלאָז געפאַלן מיט זייער לעצטן בלעטער־געשאָרך.

פון אונטער די וואָלקנדיקע הימלען האָט זיך אין די אומעטיקע טעג אַרויסגעוויקלט דער חודש אלול — די ימים נוראים.

אלול איז דער חודש פון חשבון הנפש. אלול־צייט פאַרטרייבט מען דעם טאַראַראַם און האַרמידער פון אַ גאַנץ יאָר. מען פאַרטראַכט זיך אַ ביסל מיט ישוב הדעת און חרדת החטא וועגן חשבון הנפש, וועגן די באַגאַנגענע זינד פון בין אדם למקום און בין אדם לחברו....

צו אַלעם ערשט די ראש־השנה ברכות. מ׳שיקט פאַנאַנדער די שנה־טובה־קאַרטלעך צו חברים און פריינד און מען ווינטשט זיך מיטן גאַנצן האַרץ אַ גוט יאָר.

גבאים און גבאיטעס, צדקה־קלאַפּערס, מכל המינים נדבה־קלייבער שווימלען און גריבלען צוזאַמען מיט שלוחי־מצווה פון אַלע זייטן. אַ באַ־

זונדערע איידעלע אויפגאַבע איז געווען פאַר בכבודיקע „יורדים", פאַר געפאַלענע בעלי־בתים, ס'איז דורכגעפירט געוואָרן אַ זאַמל־אַקציע, אַ געהיימע פאַר „מתן בסתר". דאָס געזאַמלטע איז זיי געגעבן געוואָרן בכבוד. און יידן האָבן געגעבן ביד רחבה. אויב מ'האָט, חלילה, איבערגעהיפּט אַ שטוב, איז דאָס געווען פאַר דער בעל־הביתטע די גרעסטע באַליידיקונג. געגעבן האָט מען אַלץ: חלות, קיכלעך, צוקער, אייער און מזומן.

די קלייבער־גבאים האָבן געטראָגן אויף די פּלייצעס גרויסע זעק. די גבאיטעס — אַרומגעהאָנגענע מיט קרענץ זעקעלעך און מיט לייוונטענע קליינע בייטעלעך פאַר מזומן געלט.

איך געדענק אונדזער שטוב אלול־צייט פון די קינדער־יאָרן, נאָך דער גרויסער שריפה, ווען אַלע יידישע גאַסן צוזאַמען מיטן מאַרק־צענטער זענען אַוועק מיטן פייער. מיר זענען דאַן געווען די איינציקע יידישע משפחה אויף דער גויאישער גאַס, נישט ווייט פון דער אַזיערע, געוווינט ביי דער אַלטער גויע רוזשע.

קליין זענען מיר, קינדער, נאָך דעמאָלט געווען, ווען דער טאַטע, צוליב עפּעס אַן אומגליק מיט דער רעכטער האַנט האָט אַוועקגעלייגט די שחיטה און האָט זיך גענומען צו מלמדות.

אַט פון יענע עטלעכע יאָרן, ביז דאָס שטעטל האָט זיך ווידער אַ מאָל אויפגעבויט און מיר האָבן זיך צוריקגעקערט צום יידישן קוואַרטאַל, איז מיר פאַרבליבן טיף אין זכרון אַ לאַנגער חדר, וואָס האָט געדינט פאַר אַלע שטוביקע הצטרכותן און פאַר די יינגלעך איז געשטאַנען אַ לאַנגער הילצערנער טיש, נעבן אים הילצערנע בענק און אויבנאָן די רויטע שלאָף־באַנק. פון דער צווייטער זייט — אַ פאַר הילצערנע טאַבורעטקעס. הינטער אַ גויאיש לייוונטענעם פאַרהאַנג, וואָס די מאַמע האָט עס אַליין געפאַרבט, האָבן זיך באַהאַלטן צוויי בעטן — טאַטע־מאַמעס שלאָף צימער.

נאָכן גאַנצן טאָג לערנען מיט די יינגלעך, האָט דער טאַטע אַרייַנגעקוקט אין אַ ספר פאַר זיך אַליין אין די שפּעטע אָוונטן. ווען די גאַנצע משפחה איז געווען פאַרזונקען אין טיפן שלאָף, האָט ער זיך, דער טאַטע, אַ נעם געטאָן מיט ליבשאַפט צו זיין מאָלן.

צייכענען, שניצן און מאָלן, איז געווען זיין באַליבטע באַשעפטיקונג,

ביי וועלכע ער איז אָפּגעזעסן לאַנגע שעהן, גאַנצע נעכט. זיין רייכע מוזע איז געווען פול מיט שווונג, פאַנטאַזיע און שאַפונגס־גייסט. דעריבער האָט אונדזער גאַנצע שטוב אויסגעזען ווי אַ קונסט־אַטעליע. אַן אויס־שטעלונג פון היסטאָרישע דעקאָראַציעס מיט בונטע פאַרבן פון אַ נישט דאַאיקן קינסטלער, וואָס בלאַנדזשעט אַרום אין אַן אור־וועלט פון נאַ־טירלעכער אור־שיינקייט.

ווער עס פלעגט אַריינקומען, פלעגט שוין ביים ערשטן אויגנבליק אַריינפאַלן אין התפעלות: „אַך, סאַראַ לייבן, סאַראַ לעבעדיקע פיש, סאַראַ וווּנדערלעכע פייגעלעך, און גאָט מיינער, — סאַראַ מעכטיקער אָדלער!”.

נאָך אַ פּרנסה האָט דער טאַטע געהאַט: ער איז געווען אַ חזן. בדרך כלל האָבן מיר געזונגען אַלע: דער טאַטע, די מאַמע,ביידע ברידער זיידל און יצחק מאיר. די מאַמע האָט געהאַט אַ זיסן אַלט, און האָט געזונגען די באַקאַנטע לידער פון אליקום צונזער: די סאָכע, אייזנבאַן און די בלום. איך מיט דער שוועסטער פלעגן מיטזינגען.

אלול. בין הזמנים. אַלע קינדער האָבן זיך שוין באַפרייט פון די לימודים, זענען מיינע ביידע ברידער געקומען פון דער האָראָדאָקער און וולאַדימיר־וואָלינסקער ישיבות אַהיים אויף יום־טוב. דאַן האָט דער טאַטע אַריינגענומען זיי צו דער אַרבעט — צו די חזנישע רעפּעטיציעס.

אַלע פאַר נאַכט, ווען דער זון־אונטערגאַנג פלעגט אַוועקציען איבער דער טונקעלער אָזיערע, זיך פונאַנדערשפּרייטן איבער די ווייטע האָריי־זאָנטן, ווען די לופט איז געווען פול מיט די זאַפטיקע ריחות פון צייטיקע פּרוכטן און די שכנים פלעגן זיך צעזעצן אויף די גאַנקעס און שמועסן געמיטלעך צווישן זיך, האָבן זיך דעמאָלט דורך די צעעפנטע פענצטער פונאַנדערגעטראָגן די חזנישע קולות פון טאַטן מיט זיינע ביידע זין. שטיל איז פלוצלונג געוואָרן אין דער גויאישער גאַס. קוקנדיק מיט חידוש אויף אונדזער שטוב, האָט מען גענומען זיך צוהערן, וואָס אַזוינס זינגען די יידן?

לאַדזאַ, דער שגץ, וואָס פלעגט אָנרייצן זיינע ביידע הינט אויפן טאַטן, ווען ער פלעגט גיין אין שול דאַוונען, האָט אויפגעהויבן זיינע רוצחישע אויגן צו אונדזער פענצטער און דער שכן פראַנעק, מיט די צוויי

האַלב אויסגעשאָרענע בערד־שפּיצן, אָט דער פראַנעק, וואָס גיט אונדז, קינדער, אַ פול היטל ווייַנשל, ווייל מיר האָבן נישט געגנבעט קיין פרוכט פון זיין סאָד, דער פראַנעק ווינקט זיך איבער מיט לאַדזאָן און שמייכלט אין זיך אַריין.

מיין ייִנגערער ברודער האָט געהאַט אַ דינינקן לירישן אַלט. זיידל — אַ ברייטן רייכן באַס. ביים טאַטן האָט זיך דער טענאָר אַזוי קונציק אַרויס־געקייקלט פון האַלדז מיט אַן אַ שיעור קאָלאַראַטור־דריידלעך דיריגירנ־דיק מיטן הילצערנעם טייטל, וואָס ער האָט געהאַלטן אין זיין אײדעלער האַנט, מאַכנדיק ריטמישע באַוועגונגען אין דער לופט. זיין שוואַרצע באָרד ציטערט, זיינע פאַרדביקעטע טונקל־בלויע אויגן האַלב פאַרמאַכט מיט געפּילפּולער מתיקות.

די טענער האָבן זיך צעגאָסן איבער דער גאַנצער פרעמדער ברייט און לענג פון דער גויאישער גאַס... דער ייִדישער ניגון פול מיט בענק־שאַפט און דערהויבונג, די תפילות פון „המלך", „כל נדרי" און „וכל מאמינים" האָבן פאַרכאַפּט אַלע דרויסנדיקע צוהערער, וואָס האָבן זיך דערנענטערט צו אונדזערע פענצטער, אַרומגערינגלט די שטוב און מיט שטילער באַוואונדערונג זיך געסודעט צווישן זיך...

דעם טאַטנס אלולדיקער ניגון

נאָך אַלס בחור, האָט דער טאַטע געשמט ווי אַ גרויסער בעל מנגן. און היות ווי מיינעביידע ברידער זיידל און יצחק מאיר זענען געראָטן געוועזן אין טאַטן און האָבן אויך געקאָנט זינגען, פלעגט דער טאַטע מיט זיי זינגען אַלע שבת און יום־טוב ביי היימישע און חסידישע טישן.

אַזוי אַרום פלעגן די פראָווינצן אָפדינגען דעם טאַטן צו זיין חזן ביי זיי די ימים נוראים. אַ חודש פאַר ראש־השנה פלעגט ער שוין אָנהייבן זיינע רעפּעטיציעס.

די סוף־זומער־טעג שניידן זיך שוין אַריין דורך די אָפענע פענצטער פון אונדזער הילצערנער שטוב און דורך די האַלבע, ווייסע פאַרהענגלעך שאַרן זיך שוין אַריין מיט שטילע געמיטלעכע טריט, ווי אורחים געזעגנענען זיך, די לאַשטשענדיקע זון־שטראַלן, וואָס גלעטן און צערטלען די קליין־שטעטלדיקע ווענט, וואָס זענען באַהאָנגען און באַשנירלט מיט די חומש־ און תנ״ך־בילדער, וואָס ווינקען זיך איבער מיט זייערע געלע פאַרבן מיט די געשניצטע, ווי לעבעדיק־צאַפּלדיקע, פויגל־אָדלערס און כלערליי וואַלד־חיות, וואָס דער טאַטע האָט זיי אין די שפּעטע שעהן פון די לאַנגע ווינטער־נעכט אַזוי ווונדערלעך אויסגעמייסטערט.

פּאַמעלעך האָט דער צעשפּילטער זומער אָוועקגעוואַנדערט און זיין אָרט האָט פאַרנומען דער ברוגז־פאַרכמאַרעטער האַרבסט. די שטראַלנדיקע גרין צעוואָקסענע וועלט אַרום אונדז האָט אָפּגעבליאַקעוועט און קאַרגע טאָג־ליכט, ווי מיט קאַלטע אָרעמס, האָט אַרומגענומען די ביימער און גראָזן מיט זיין האַרבסטיק גאָלד־קאָליר פון וויאַנונג און אונטערגאַנג...

די צעזונגענע פייגל־כאָרן, וואָס האָבן געפלאַטערט איבער אונדזער דאַך און אָנגעפילט אונדזערע הערצער מיט פרייד־ניגונים האָבן געלאָזט דאָס שטעטל אויף הפקר. זענען אַנגעלאָפן פון יענער זייט צפונדיקער

בריק, אומהיימלעכע פייכטע ווינטן און ווי ווילדע רויבער געגומען רייסן און פליקן פון אַלע זייטן די זאַפטיק פולע פּירות און זיי געשליידערט צו דער ערד.

פון אונטער די וואָלקנדיקע הימלען און טריבע טעג איז געבוירן געוואָרן דער יידישער אלול.

אויבנאָן ביים לאַנגן אָפּגעדעקטן הילצערנעם טיש זיצט דער טאַטע אין זיינע וואָכעדיקע קליידער. פון ביידע זייטן זיינע די ישיבה־בחורימ־לעך, זיידל און יצחק מאיר. בלאַסע, אויסגעדאַרטע מיט פּיאהלעך געקרייזל־טע ביי די אויערן. דער יינגערער — אַ הויך און שמאָל יינגל מיט פלינקע באַוועגלעכע שטיפערישע בליקן. דער עלטערער, זיידל, אַ ברייט־ביינער־דיקער פון מיטעלן וווקס מיט אַ קאָפּ בלאָנדע לאָקן, אַ קלאַסיש גע־טאָקט צאַרט פנים מיט אַ פּאָר שטילע, גוטע, מיושבדיקע אויגן, וואָס קוקן אויף דיר מיט אומשולד, מיט פאַרשנדיקער חכמה און ווירקן מילד אויפן געמיט. זיצן זיי אַזוי מיט די ליטווישע דאַשקע־היטלען אויף די קעפּ און די מחזורים אויפגעמאַכטע, פאַר זיי, אויפן טיש.

די פאַרנאַכטיקע שקיעה, פון יענער זייט אַזיערע, זעצט זיך שוין אַלץ נידעריקער און נידעריקער און הויבט זיך אָן טרינקען אין וואַסערדיקן גרויען פאַרנאַכט, פאַרוואַרפט און שטרעקט אויס צום לעצטן מאָל אירע פּורפּור־גאָלדענע שטראַלן, ווי פאַרבלוטיקטע רופנדיקע פינגער: ראַטע־וועט! ראַטעוועט!

דעמאָלט האָט דער טאַטע אַ נעם געטאָן זיין הילצערנעם טייטל, ווי אַ דיריגענט זיין קאַמערטאָן און געוואָרפן זייבע שטרענגע בליקן צו די יונגע משוררים — אַ סימן אָנצוהייבן דאָס גרויסע הייליקע געזאַנג:

„לדוד מזמור".

צו ערשטן דין־דין, שטיל ציטערדיק־שטיל, ווי די זיסע טענער פון דוד המלכס פידעלע, וואָס ווייברירט, צאַפּלט, ווי אַ ניי־געבוירן שוועלבעלע, וואָס נערט זיך מיט פייגל־מילך און די בלויע אייגעלעך עפענען זיך אַלץ ברייטער צום שטומען אַרום. בהדרגה הייבן זיי אָן אַלץ העכער און העכער, ביז דער שטוביקער חלל ווערט געהייליקט מיטן מוזיקאַלישן אָטעם פון געבעט און האָפענונג...

די מאַמע מיט איר חברטע לאה מנחמס זענען געזעסן פון ווייטן און פאַרנומען צניעותדיק דאָס חזנות פון פאָטער און זין. די מאַמע מיט גרויס התפעלות האָט געבליקט מיט אירע בלויע, שטראַלנדיקע אויגן, פול חשיבות און ליבע, צום מאַן און קינדער און שטיל געשעפטשעט מיט וויטיק:

— מיינע אָרעמע קינדער נעבעך, ווי אויסגעדאַרט און אויסגעקוואַרט זענען מיינע שוואַלבן פון אַרומוואַלגערן זיך אין דער פרעמד, פון עסן טעג...

— דערפאַר אָבער לערנען זיי דאָך די הייליקע תורה, — האָט די חברטע געוואָלט אַ ביסל טרייסטן און פרום אַראָפּגעלאָזט די וויעס.

זיצט זי און קוקט זיך איין און זעט איר יינגערן יצחק מאיר, זיין צאַרט לענגלעך, אַ ביסל נערוועז, פּנים און איידעלן פּראָפיל, זיין שמאָל מויל און גרויע שפּיגלדיק שטימונגס־פולע אויגן און די גלאַטע שאַטינע האָר איבער זיין קינדעריש ליכטיקן שטערן. זי זעט, ווי ער איז געווענדט מיט הכנעה צום טאַטן און הערט ווי זיין דין שטימעלע קלינגט אַריין ווי אַ זילבערן גלעקל און גיסט זיך צוזאַמען מיטן ברייטן באַס, פון זיין עלטערן ברודער זיידל, וואָס באַמקעט נאָך צו מיט די הענט און טופּעט נאָך צו מיט די פיס אונטערן טיש. און קאָלאַראַטור־קולות פון די משוררים מיטן זיסן טענאָר פון טאַטן, פאַראייניקן זיך מיט דערהויבונג:

„המלך היושב על כסא רם ונשא!".

אין דרויסן טונקלט שוין. די ליכטיקע טאָג־שיין ווערט פאַרשווונדן אונטער שווערע פאַרגרויטע הימלען און טראָפּנס פון די ערשטע האַרבסט וואָלקנס האָבן גענומען טריפן איבער די פאַראומערטע שויבן, ווי טרערן, טריף, טריף... די צוויי שורות הייזער פון דער זאַמדיקער גאַס, האָבן זיך איינגעקאַרטשעט ווי עלנטע יתומים און זיך אַריינגעצויגן טיפער אין די שאָטנדיקע קאַשטאַן־ביימער.

די מאַמע מיט אַ האַנט־אַרבעט, צוזאַמען מיט די אַרומרינגלענדיקע קליינוואַרג הינטערן פאָרהאַנג זינגען, ברומען צו, ווי אַן אָרגל וואָלט געשפּילט.

ווידער הייבט דער טאַטע אָן, דאָס מאָל מיט אַ געבראָכענער שטים:

„הנני העני ממעש" — ווער בין איך, אָרעמער, איך זאָל ווערט זיין צו בעטן ביי דיר, אַלמעכטיקער?!...

ווערט דער גרויסער טאַטע מיט די גרויסע שטרענגע מוסר־אויגן קליין געפאַלן ביי זיך און אין אַ טייך פון זיסע קינדערשע געזאַנגען שווימט ער ווי אַ קליין הילפלאָז שעפעלע, וואָס בעט און בעט זיך...

נאָך דער השתפכות הנפש טויכט ער פלוצלינג אויף, ווי פון אַ היג־טערגרונט און הויבט אָן אויפגיין אַ הייליקער, אַ געלייטערטער און מיט ביידע הענט שווימענדיק צו די משוררים. הייבן אויך זיי אָן צו זינגען און אָנפילן דעם חלל פון אונדזער אלולדיקער שטוב מיט דער פרעכטיקער נוסח־קאָמפּאָזיציע, וואָס וויגט און פאַרוויגט מיט די מוזיקאַלישע טע־נער, וואָס שווימען אַרויס צו דער פינצטערער נאַכט בעטנדיק, שטראַלנדיק און שאַלנדיק — ס'איז דעם טאַטנס אלולדיקער ניגון — כל נדרי...

*

חזנות, דעם טאַטנס צוגאָב פרנסה, פאַרדעקט אַ ביסל דעם דלות אונדזערן. אָבער אויסער די מאַטעריעלע נוצן, האָט עס דעם טאַטן געגעבן אַ גרויסן נחת רוח.

דעם גאַנצן צעזונגענעם חודש אלול פלעגט די מאַמע נאָכגיין דעם טאַטן, היטן אים, ער זאָל זיך, חלילה, נישט פאַרקילן. זי פלעגט אים וויקלען אין שאַלן און געבן אים טרינקען גאָגל־מאָגלס — אייער געל־כלעך מיט צוקער.

ערב ראש־השנה פלעגט קומען קאָפּל אייזנבערג, פון פריצישן הויף סעלישטש, פאַרבעטן די דריי חזנים, דעם טאַטן מיט זיינע צוויי זין, און אָפּהאַלטן זיי ביז איבער יום־כיפור. נאָך יום־טוב פלעגט חוה, קאָפּלס שיינע, דיקע ווייב, הייסן די משרתים אָנלאָדן אַ פולן וואָגן מיט כל־טוב און מיט דעם אָפּשיקן די חזנים אַהיים.

פון פרייד פלעגן מיר אויפשפּרינגען, ווען מיר פלעגן פלוצים דערזען דורכן פענצטער דעם טונקל־ברוינעם קאַשטאַן־פערד פונעם סעלישטשער

פריצישן הויף. ער פלעגט שטיין אַ צוגעבונדענער צום גאָרטן־פּלויט פון אונדזער שטוב.

ברייט פלעגט זיך אין טיר באַווייזן דער גוטמוטיק שמייכלענדיקער אַרענדאַר קאַפּל פון סעלישטשער הויף, אַ הויכער, פולער, פעסט־געבוי־טער ייד מיט אַ העל־בלאָנדן קאָפּ און קיילעכדיק פול פּנים, וואָס האָט ראָז געאָטעמט מיט קראַפט און דאָרפישער נאַטירלעכער גוטסקייט. ווען ער פלעגט זיך באַווייזן מיט זיין גאָלדענעם קייטל אויפן הויכן בויך זיינעם, וואָס האָט זיך געצויגן פון זיין גאָלדענעם טאַשן־זייגערל, און מיט זיינע בלויע, צעלויכטענע אויגן אַרומנעמען אונדזער אָרעמע גויאישע כאַטע און אַ זאָג טאָן: בעל־הביתטע, איך האָב אייך צוריקגעבראַכט אונ־דזערע הזנים! האָט זיך מיר געדאַכט, אַז אַ שיינער, רייכער גוי איז געקומען פון ווייטע מקומות, נאָר רעדן, רעדט ער יידיש ווי אַ ייד...

די מאַמע פלעגט זאָגן, אַז פון דעם געלט און גרינוואַרג און פּירות, וואָס דער טאַטע האָט געבראַכט פאַר זיין חזנות פון סעלישטשער הויף, האָבן מיר געהאַט חיונה אויף אַ האַלבן ווינטער...

ראש השנה אין שטעטל

איבערן גאַנצן שטעטל טראָגט זיך דער ריח פון פריש געבעקס. וואָס רייכער די בעל־הביתטע, אַלץ פולער דער אויזון זיסוואַרג; ווי עס זאָגט זיך ראש־השנה: „לשנה טובה ומתוקה״; זיסע קיכלעך, געפילטע קיכעלעך. פאַרשידענע פלאָדנס, האָניק־לעקעך און פייגל־חלות.

דעם יום־טוב, ווי אַלע אַנדערע יום־טובים, נעמט מען אויף מיט נייע מלבושים און הויפטזעכלעך, מיט געשמאַקע מאכלים. און פון דעסט־וועגן איז די פרייד נישט פול. דאָס איז נישט דאָס הילכיקע געלעכטער אויך נישט דאָס פייערלעכע געמיט, וואָס פלעגט מיט זיך מיטברענגען דער פסח, פורים, צי שבועות.

היינט, ערב ראש־השנה, פילט זיך אומעטום אַן אומרו, נישט נאָר אין שטוב, אין גאַס, נאָר אַפילו יעדער איינער אין זיך... עפּעס אַן אומהיימ־לעכע דערוואַרטונג, אַ מין מורא פאַר שולד פייניקט דאָס געמיט און ס׳רייסט זיך טיף אין האַרצן אַ געבעט, אַ האַרציקע יידישע תפילה...

אין ווינקל, אין דרום־זייט פון שטוב, אויף אַ הויכן געבעטן שטול, זיצט אונדזער באַבעניו באַיאַרט מיט אַ קנאַפּן יאָרהונדערט. די הויכע פּלייצע אירע מיטן אויסגעבויגענעם רוקן אויפגעהויבן, אָנגעשפּיצט איבער דעם געזונקענעם באַטשיפּיקטן קאָפּ, דאָס געלע פּנים געקנייטשט, צעאַ־קערט, באַזעצט מיט בראָדאַווקעס פאַרוואַקסענע מיט גרויע ווערצעלעך האָר. העגגט די באַשפּרינקלטע פאַרדאַרטע הויט דער זקנהס אויף די אַרויסשטאַרטשענדיקע קינבאַקן; די גרויע אויגן שפּעלטעלעך, טיף פאַררוקט אונטערן געפאַלדעוועטן שטערן בלינצלען פאַרטראַכטערהייט, ווי דאָס שייבלען פון נידעריקע דאָרפישע שייבל־פענצטערלעך — אין אַ האָרב־סטיקן פאַרנאַכט; די איינגעפאַלענע בריסטן, וואָס האָבן, געשפּייזט אַזוי

פיל קינדער, דערמאָנענ אָן די ליידיקע פעלדער נאָך שניט; אירע אייב־געדאַרטע קני זענען געהילט אין שוואַרצן, קאַשמירענעם קלייד, אויף וועלכע ס׳ליגט דער אַלטער אויסגעריבענער קרבן־מנחה סידור, וואָס טרערן און צענדליקער יאָרן האָבן אים פאַרגעלט. ס׳איז דאָך יענער בלאַנקענדיקער כלה־סידור, וואָס די באָבעלע האָט באַקומען צוזאַמען מיט די שבת־לייכטער צו איר התונה מיטן זיידן, ר׳ אהרון מרדכי, דעם שטעטלדיקן רב.

די באָבעניו ראַדל, די געוועזענע שיינהייט פון שטעטל, איז צוריק־געוואַקסן און קליין אַדערדיק איינגעשרומפּן, ווי אַ לעבעדיקע בוימוואָל־קנויל און פאַרוועבט און פאַרשפּונען אין זכרונות און חזיונות פון איר ווייטן, פאַרביק־רייכן בכבודיקן עבר...

שקיעה. אַ שווערע רמזים־פולע שטילקייט הויערט אין דעם ערב ראש־השנהדיקן פאַרנאַכט. דער טאַטע גייט אַרום אַ צעטראָגענער און פון דעסטוועגן אַ פאַרשלאָסענער אין זיך. ער גייט צו צו דער ספרים־שאַנק, קוקט אַריין אין אַ ספר, פאַרטראַכט זיך און שטעלט עס צוריק אויף זיין אָרט אַריין, פאַרמוחט דרייט ער זיך אין שטוב, ווי ער וואָלט אונדז נישט געזען — פאַרטראַכט אין די עולמות העליונים; ווי עפּעס אַ פרעמ־דער וואָלט ער זיך באַוועגט און אונדז פילט עס אָן מיט שרעקעוודיקער פרעמדקייט...

אויפן ווייס־געדעקטן טיש זענען אָנגעשטעלט אַ סך לייכטער. זיי מערן זיך יעדעס יאָר. יעדעס צוגעקומענע ליכט האָט זיך זיין געשיכטע. די מאַמע, אַ פול־צעוואַקסענע, יאַדערדיקע, ווי דער ברייטער שטאַם פון אַ באַרנבוים מיט זייגע אַלע זאַפטן, אויף איר ראָזן מיט חן־גריבעלעך פּנים, אויף וועלכן ס׳שוועבט איצט אַ מין פרומער אומעט שטייט ביים טיש, ווען אירע ווייסע צאַרטע הענט נעמען אַרום צניעותדיק דעם רוים פון די לייכטער שעפּטשעט זי שטיל אַ תפילה, סודעט זיך מיטן „אל רחום וחנון״. אירע גוטע בלויע אויגן ווערן פול מיט פאַרטרערטן צער, מיט אַ הייליק־גלויביקן ציטער. זי שטייט אָנגעטאָן אין ווייסן, ווייס ווי אַ רייבע טויב, שעפּטשעט און שעפּטשעט און די געל־בלויע ליכט־פלעמלעך צע־

ברענען זיך, צינגלען זיך אַרויף־צו־צו, אַרויף־צו־צו און פילן אָן די שטוב מיט אַ הייליקער יום־טוב־שיין פון פאַרכטיקער קדושה...

ענדיקט די מאַמע ליכט־בענטשן מיט אַ הויך קלינגעוודיקן „אַ גוט יאָר!", ווערט איר פנים הייטערער, געלייטערטער פון אַ זיסן שמייכל, וואָס צעלייגט זיך גוטמוטיק אויף אירע ליפּן. דער טאַטע, וואָס שטייט דערנעבן קוקט אויף איר מיט גליק־זעליקייט און פאַרערונג. און מיר, קינדער, ווי שטענדיק, שטעלן זיך אויס אין אַ שורה לויטן עלטער, כדי דער טאַטע, מיט זיינע הענט אויף אונדזערע קעפּ, זאָל אונדז בענטשן. די מאַמע באַגלייט אונדז בשעת מעשה מיט איר שטילן בליק פון איר מוטערלעכן גליק.

ווען טאַטע־מאַמע גייען אין שול, בלייבן מיר, קינדער, אַליין. און ס'באַפאַלט אונדז אַ מין אומהיימלעכקייט. מיר קוקן זיך אַרום. די טירן — פאַרמאַכט, דער זייגער קלאַפּט, ווי שטענדיק אויס זיין מאָנאָטאָנעם טיק־טאַק, טיק־טאַק.

די באָבעניו, ווי אַלע מאָל, מורמלט איבערן קרבן־מנחה, אירע פאַר־הוילענע תפילות. דורך די פענצטער קוקט אַריין פון דער גויאישער גאָס אַ פרעמדע, טונקעלע נאַכט. עס באַפאַלט אונדז אַ פחד און אַ פּלוּר־צימדיק געפיל פון עלנט. קוקן מיר זיך איבער פאַרלוירענע און אַנט־לויפן צו דער באָבען אין ווינקל אַריין, רינגלען זי אַרום און פאַרנורען די פנימער אין איר שויס.

„ברוך השם מבורך" — פאַרענדיקט די באָבע איר תפילה. זי הויבט אָן פאַמעלעך צו באַוועגן איר גרויען קאָפּ, שטעלט אָן אויף אונדז אירע דאַוונענדיקע אויגן און דערפילט, אַז עפּעס אַן אימה איז אונדז באַפאַלן, פרעגט זי שטיל: „וואָס איז קינדער, פאַר וועמען האָט איר זיך דער־שראָקן?".

מיר פאַרדרייען די קעפּלעך אויף הינטן און כאַפּן אַ קוק: די נאַכ־טיקע שויבן בליצן ווי לאַקירטער בורשטין און די ברענענדיקע ליכט וואַרפן טונקעלע שאָטנס אַרום די ווייס־געקאַלכטע ווענט. אונטערטאַנצנדיק מיט די פיסלעך שרייט־אויס מיין קליין ברודערל:

— כ'האָב מוראַ! כ'האָב מוראַ!

און מיר אַלע:

— מוראַ! מורא! — און רייסן ציטערנדיק די באָבע פֿאַרן קלייד.

— האָט נישט מורא קינדערלעך, דער טאַטע מיט דער מאַמען וועלן פֿאַר אייך און פֿאַר אַלע יידן אויסבעטן אַ גוט יאָר!..

בּאַרואיקטע, זיצנדיק אַרום דער טייערער באָבעניו, הויבט מיין עלטערער ברודער, זיידעלע, אונדז אָן צו דערציילן אַ מעשה פון תנ״ך, פון עפּעס אַ יידישן מלך, וואָס האָט געפירט מלחמה מיט די פלישתים און מיט נייע ביקסלעך האָט ער מנצח געווען. דער עיקר, וואָס דער פּאַסטוכל דוד, האָט געוואָרפן אַ שטיינדעלע און האָט געטויט דעם גרויסן גלית הפלישתי...

מיר צינדן זיך אָן מיט מוטיקע פייערלעך אין די אויגן, אַז מיר וועלן זיך מיט די שקצים פון גאַס אויך אָפּרעכענען...

כל נדרי

אונטער פאַרכמאַרעטע סוף־זומערדיקע הימלען גייט אויף שוין אין חודש אלול דער חשבון־הנפש פון די פאַרכטיקע ימים־נוראימדיקע טעג. די טעג זענען אָנגעפילט מיט פחד, אמונה און אויך האָפענונג. דאָס גאַנצע שטעטל יידן גרייט זיך צום יום הדין און ווענדן זייערע מחשבות צום פאַרגאַנגענעם יאָר און קאָנטראָלירן זייערע מעשים מיט אַ הירהור חרטה.

חצות. האַלבע נאַכט, ווען דאָס שטעטל איז פאַרזונקען אין טיפן שלאָף, שפּאַלט די נאַכטיקע שטילקייט די שטים פון שטעטלדיקן שמש: „יידן! שטייט אויף צו סליחות, צו עבודת הבורא!”.

אין יעדן אלולדיקן באַגינען לאָזט הערן דער שופר פון שול אַרויס זייבע תקיעות, ווי עפּעס אַ געהיימער שליח וואָלט מיט זיין רוף דורכגעשניטן די שטעטלדיקע גרויע לופט מיט אַ מאָנענדיקער טענה, מיט אויפטרייסלדיקן מוסר...

ערב יום־כיפור. שוין פאַרענדיקט זיך שיקן די שנה־טובות. בעטן זיך אויך איבער שונאים, וואָס אַ גאַנץ יאָר טראָגן זיי שנאה עקשנותדיק און פאַרביסן איינער אויפן צווייטן. ווערן זיי שפּלדיק ביי זיך, דערלאַנגען זיי זיך די הענט און מיט טרערן אין די אויגן איז מען זיך מוחל איינער דעם אַנדערן.

צוזאַמען מיט די ליכט אויף ימים־נוראים, ברענגט די מאַמע פון ערגעץ־ווו וואַקס און פעדים. עס קלייבן זיך צונויף אין שטוב אַלע משפחה ווייבער און עס הויבט זיך אָן אַ הייליקע אַרבעט פון וויקלען יום־כיפור־ליכט. ליכט צו הזכרת נשמות. ווער עס מאַכט פון פעדים צינד־קנייטן און ווער עס פאַרעמט פון געלן וואַקס לאַנגע גראָבע ליכט. ביי יעדן באַהאָפטענעם פאָדים, ווערט מיט טייכן טרערן דערמאָנט אַ נאָמען פון אַ געשטאָרבענעם אָדער געהרגעטן משפחה־מיטגליד.

אין דער פאַרנאַכטיקער בין־השמשותדיקייט וועבט די שקיעה פון די פאַרשווונדענע גאָלד־שטראַלן געדיכטע שאָטנס איבער די ווענט. אונדז, קינדער, באַפאַלט דעמאָלט אַ פחד, עס דוכט זיך, אַז אַלע דערמאָנטע מתים זענען געקומען אַהער. מיר פאַרשטעקן זיך אין די ווינקלען און ציטערן. ביי נאַכט באַפאַלן אונדז חלומות, וואָס מאַכן אונדז אויפשרייען פון שלאָף.

ערב יום־כיפור. די וואָכעדיקע גאַס פון אַרבעט, האַנדל־וואַנדל איז פאַרשווונדן, פאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער. אַן אומרויִקע געפּרעסטע שטילקייט פול רמזים און דערוואַרטונג הויערט אין דער יום־כיפורדיקער לופט, די לופט פון סוף זומער, פון פאַלנדיקע בלעטער. יאָגן פייכטע ווינטלעך פון די אָפענע שליאַכן אָפּגעריסענע וואָלקנס, ווי זעקלעך טרערן, און זאָגן אָן דעם אָנקום פון האַרבסט.

ציִען פאַסטנדיקע יידן מיט גאָטספאָרכטיקע פּנימער, אַליין ווי הייליקע, איינגעהילט אין באַגאַרטלטע ווייסע, לאַנגע קיטלען און די מחזורים אין די הענט.

מאַמעס און באָבעס אין ווייס פאַרמאַרשטשעטע יובקעס און באַ־קרויזלטע בלוזקעס מיט ווייסע צי מיט טערקישע שאַלן, אין באַגלאַנצטע טשיפּיקעס אויף די קעפּ, גייען מיט ערנסטע, צניעותדיקע פּנימער, אין שול אַריין צום יום הדין. פאַלן אויף זיי שטראַלן פון יום־טובדיק צעצונ־דענע ליכט, וואָס דערהויבט זיי אַלץ העכער און זיי זעען אויס ווי נישט פון דער וועלט, ווי פון אַ ווייט נישט ערדישער וועלט...

די שול איז פול מיט מתפללים — אַלט און יונג. די מזרח־וואַנט פאַרשיינט מיט רבנים, זקנים און בכבודיקע לייט. אויפן באַלעמער שטייט דער חזן איינגעהילט אין טלית, אויף זיין קאָפּ די ווייסע יאַרמולקע. דער עלטסטער פון דער עדה יידן הייבט אָן בדחילו ורחימו מיט דעם „על דעת המקום ועל דעת הקהל אנו מתירים להתפלל עם העבריינים".

אַ הייס־שטראָמיקע כוואַליע פון השתפכות־הנפש פאַראייניקט דאָס שטעטל יידן אין איין גרויס צאַפּלדיק האַרץ, דאָס האַרץ פון רחמים און תפילה... פון דער ווייבערשער שול הערן זיך האַרץ־רייסנדיקע כליפּע־געוויינען.

די שול, איז פול מיט ברענענדיקע יום־כיפור־ליכט. אין קדושה און אין תפילה האָט זיך, ווי אַ צעלויכטענער פלאַנעט אָפּגעריסן פון דער גשמיותדיקער ווירקלעכקייט און אויף טרערן־כוואַליעס אַוועקגעשווומען אין אַ רוחניותדיקן קאָסמאָס פון כולי זכאי, כולי רחמים... און פון דאָרט געלאָזט הערן דאָס געטלעכע טיף־לירישע געזאַנג — כל נדרי...

סוכות

נאָך די אימהדיקע ימים נוראים טעג, נאָך אומעט־שטימונג, טרערן, פחד און רחמים־געבעטן, האָבן יידן אויסגעבעטן אַ גוט יאָר, און איצט זענען זיי שוין פריילעך און גוט געשטימט. הויבן זיי אָן גלייך נאָך יום־כיפור צו טראַכטן וועגן אַ סוכה. און אויפצושטעלן אַ סוכה איז נישט אַזוי לייכט. מען דאַרף אַלץ אָנהייבן פון דאָס ניי. אַפילו ביי לאַנגיאָריקע איינגעפונדעוועטע בעלי־בתים, וואָס וווינען אויף איינעם און דעם זעלבן אָרט, בלייבט נישט איבער אַלץ פון די סוכה־מאַטעריאַלן פון איין יאָר אויפן צווייטן.

כמעט אַלע מענער אין שטעטל קאָן מען זען אין יענע טעג אַרומדרייען זיך אַרום די הייזער זייערע, פּלאַנעווען, ווו אַװעקצושטעלן די סוכה און ווי גרויס זאָל זי זיין. געוויינלעך פאַלן אויס סוכות־טעג אין אָנהויב פון האַרבסטיק פייכטע וועטערן, קלייבט מען דעריבער אויס די העכערע טרוקענערע זייט ביי דער שטוב, האָבנדיק דערביי אין זינען דעם מרחק פון דער שטוב־טיר אויף צו קענען באַקוועמער אַרויסגעבן דאָס עסן.

האָט דער פאָטער זין — העלפן זיי אים ביי דער אַרבעט, דערלאַנגען ברעטער, לייסטן און טשוועקעס. האָט ער נישט — העלפן צו די שכנים איינער דעם אַנדערן. טרעפט אויך, אַז די אַרומיקע שכנים באַשליסן אויפצושטעלן אַ קאָלעקטיווע סוכה, איז שוין דעמאָלט דער פּלאַן אַ גאַנץ אַנדערער. און די סוכה איז אַ גרעסערע און אַ פיל שענערע. אַזוי צי אַזוי, ווערט די סוכה צונויפגעקלאַפּט אויף אַ פרימיטיוון אופן. דערפאַר אָבער באַמיט מען זיך אינעווייניק זי אויסצוצירן מיט כלערליי קריינדלעך און פליטערלעך, וואָס שענער און שענער.

די אמתע זאָרג איז דער סכך פון דער סוכה. די גויאים, פּאָליעשוקעס פון דער אַרומיקער סביבה, וואָס פלעגן פריידלעך זיין צו די שטעטלדיקע

יידן און געוווסט געגוי, ווי און ווען די ירידים קומען פאָר; ווען פאַלן אויס יידישע יום־טובים, פלעגן זיי אין ערב סוכות טעג ברענגען צו פירן פון די וועלדער, גלייך ווי ווינטער־צייט דאָס האָלץ צו באַהייצן די הרוב־בעס, גרינעם סכך. פלעגט מען זען אַרום יעדער שטוב גאַנצע בערגער גרינע סאָסנע צווייגן, וואָס פלעגן פאַרשמעקן מיט וואַלד־ריח דעם יידישן נאַטור־אָרעמען אַרום.

אין דער סוכה גופא פלעגט מען אויפהענגען פאַרשידן־פאַרביקע קאַל־דרעס, דעקעס, לייַלעכער, פאַרביקע פאַפיר־קייטן פלעגן זיך ציִען איבער דער סטעליע פון איין ווינקל צום אַנדערן. פונעם סכך ווידער פלעגן אַראָפּהענגען עפל, באַרן, פלוימען און אויף די ווענט פאַרביקע געמעלן, וואָס האָבן געגעבן דער סוכה אַ פאַנטאַסטיש געצעלט־אויסזען, ווי פון אַ ווייטער, מאָדנער וועלט.

ווען דער טאַטע און די ברידער האָבן זיך אומגעקערט פון שול איז דער סוכה־טיש שוין געווען געדעקט, ווי אַלע מאָל יומטובדיק, איבער וועלכן עס האָט זיך געטראָגן דער פייערלעכער קידוש. דער טאַטע זאָגט די אושפּיזן און אונדז דאַכט זיך, ווי מיר וואָלטן ממש געפילט און געזען די בישט־געזעענע געסט, וואָס דער טאַטע ברענגט מיט זיינע פסוקים אין דער סוכה אַריין.

נאָכן קידוש און צובייסן דער מאַמעס געשמאַקע פלאָדנס הייבן מיר אָן אַריינברענגען אין סוכה די לאַנג דערוואַרטענע געקעכצן, וואָס די מאַמע דערלאַנגט אַרויס פון געטונקלטן ציגל־אויוון: די געשמאַק גע־פעפערטע פיש, די שמעקעוודיקע עוף־יויך, די קרעפּלעך און דעם מערן־צימעס. און פון דעסטוועגן איז די הנאה פון די שפייזן נישט אַזאַ, ווי אין אַלע אַנדערע ימים־טובים. עס פעלט די וואַרעמע, שטוביקע געמיט־לעכקייט מיט איר גלאַנציקער זויבערקייט, וואָס גיט צו דעם יום־טוב גאָר אַן אַנדערן חן.

אין דרויסן איז דער אָנהייב האַרבסט שוין אויף דער שוועל. די פעלדער אַרום שטעטל מיט אויפגעשטעלטע סטויגן היי זענען פוסט, די גערטנער ליידיק. מיט זייערע גרינס זענען שוין אָנגעפילט אַלע שטוביקע קעלערן. די ביימער פון די גויאישע סעדער שטייען שוין אויסגעטאָן פון

זייערע פּירות און בלעטער, נאָקעט ציטערן די צווייגן — זייערע פּרוכטן שיטן זיך שוין. די ווינטער־בוידעמס זענען אָנגעפּילט מיט זייערע זאַפטיקע פּירות.

די הימלען גרוי, ווי אַלטע לאַטעס, לאָכמאַטשעס, טריפן מיט רעגן, עס קאַפּעט פון די דעכער און די בלאָטיקע ליושקעלעך ווערן גרעסער און גרעסער. דער ווינט פּייפט, טרייסלט די ברעטער פון דער סוכהלע, און אונדז דוכט זיך, אַז אָט געבן מיר אַ שוועב אַוועק צוזאַמען מיט איר. דורכן סכך שפּריצן אַריין גרינלעך־פּוילע טראָפּנס, גלייך אין די שיסלען אַריין. כאַטש מיר זיצן אָנגעטאָענע אין די מאַנטלען, קלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן פון קעלט. שלינגען מיר אָפּ דאָס עסן שנעל, שנעל, ווי מיר וואָלטן אין אַ וואָקזאַל געוואַרט אויף אַ באַן.

ס'איז קאַלט און אומהיימלעך, דאָך געפעלט אונדז, די אַנדערשקייט, די געענדערטע מנהגים, די אויסטערלישקייט. דאָס איז דער כוח פון אילוזיע, אַז מיר זענען ממשיך דאָס לעבן פון אונדזערע אור־אור־אור זיידעס, אין די געצעלטן אויף זייער וואַנדער־וועג דורך די מדבריות צום צוגעזאָגטן לאַנד כנען...

הושענא רבא אין סוכה

ס׳איז הושענא רבא היינט אויף דער וועלט. נאָך די צעשטורעמטע ימים־נוראימדיקע טעג, מיט זייערע תפילות און געוויינען, ווען ס׳האָט אוודאי דער רבונו של עולם אַלעמען מכפּר געווען די זינד פֿון אַ גאַנץ יאָר, האָבן זיך איצטער יידן, גלויבנדיק, אַז זיי האָבן אַרויסגעצויגן דאָס גוטע קוויטל, אַ לאָז געטאָן זיך פֿון שול מחנותווייז מיט אויסגעלייטערטע פּנימער, און גייענדיק איבער דער גאַס זעליש־באַרויִקט פֿירן זיי געמיט־לעכע שמועסן צווישן זיך, וואָס כּמעט ווייטנס זעט עס אויס מער מיט ז׳ הענט, ווי מיט די מיילער. צו די מלבושים זייערע קלעפּן נאָך די ווערבע־בלעטעלעך, ווי פֿאַרבלאָנדזשעטע, שוועבנדיקע פֿליטערלעך פֿון די נאָר וואָס געשלאָגענע הושענות.

אויף די סוף־זומערדיקע הימלען ווערן אַלץ דיקער און געדיכטער די פּייכט־אָנגעדראָלענע וואָגנדערנדיקע ווייס־גרויע וואָלקנדלעך, דורך וועלכע עס טוקט אַרויס ווינקנדיק ס׳לעצטע זון־גאָלד, וואָס שפּילט זיך מיט די שוואַרצע פּאַסן פֿון די אָנטבלויזטע ווייסע טליתים, וואָס זייערע ציצית באַוועגן זיך אין האַרבסטיקן ווינט, וועלכער לויפֿט זיי נאָך דורך דער גויאישער גאַס אין סוכה אַריין.

דער ערשטער, אין דער עדה יידן, גייט דער גרייז־גרויער זקן פֿון שטעטל, דער באַגייסטערנדיקער ווונדערלעכער שמועסער, וואָס ברענגט אַריין דעם עולם צוהערער אין התפּעלות. דאָס איז ר׳ פּנחס שוחט. אַ קליינוווּקסיקער מיט אַ פּאָר לויטערע הימל־בלויע אויסדרוקספֿולע אויגן. זיין פּנים מיט אַ ברייט־האַרציקן שמייכל שטראַלט שטענדיק מיט פֿאָטערלעכער און מענטשלעכער ליבע.

ביי זיין זייט גייט מנחם לעמקעס, מיט די שטילע גרויע טויבן־אויגן. דער בעל־מנגן און קאָמפּאָזיטאָר פֿון שטעטל, וואָס פֿאַרפֿאַסט פֿאַרנדיק

איבער די דערפער, אַ נייעם ניגון. יעדע וואָך ווערט דאָס שטעטל, די גאַנצע סביבה אַרום, און דער סטאָלינער רביס הויף באַגייט מיט מנחמס אַ ניגון.

דער טאַטע גייט הינטער דעם עולם מיטן שוואַרצן איבערציער, וואָס דורך זיינע הינטערשטע שפּאַלטן קוקט אַרויס דער טלית און די ציצית באַמבלען זיך אים איבער די קני. גייט ער ערנסט, פאַרטראַכט, שווייגנדיק, ווי ער וואָלט איצטער געזען פאַר זיך זיין גרויסן, רבנישן טאַטן, נאָך וועמען ער ברענגט דעם עולם פראַוון יאָרצייט.

די שטוב אונדזערע, וואָס איז מיט אַזוי פיל מי און זאָרגעוודיקייט באַצירט געוואָרן צוליב די ימים טובים, איז איצטער כמעט אויסגעליידיקט געוואָרן. זי איז געראַמער און גרעסער געוואָרן, אָבער וואָכעדיקער. די זאַכן האָט מען שוין אַריבערגעפירט אַהינצו, דעם גאַנצן אויבנאָן — דאָס שיינדל און ציטערדיקן דרך־ארץ און נחת־רוחדיקער רחבות, אַפילו אייניקע בילדער פון די ווענט, ווי די זוניקע שכינה, די יום־טובדיקע, האָט זיך אָפּגעקערט און דורך די פענצטער האָט פלוצלינג געגומען קוקן די וואָכעדיקע גויאישע גאַס...

די מאַמע שטייט ביי דער זייט, שניידט און גרייט צו שטיקער פלאָדן.

— מאַמע, מאַמע! פאַר וועמען דאַרף מען איצטער אַזוי פיל קוכן? — פרעג איך פאַרחידושט.

— היינט איז, מיין קינד, דעם זיידנס יאָרצייט.

— וועלכן זיידנס? — פרעג איך און הייב אויף די אויגן.

אַ גרויסער, געלער פּאַרמעט־פּאַפּיר, מיט אַ סך שוואַרצע און ברוינלעך אָפּגעקראָכענע פון אַלטקייט שורות אותיות, וואָס זענען געדרוקטע מיט פּאַסיקלעך און פינטעלעך. אַ גרויס אות האָט געעפנט אַ יעדער אָנפאַנג־שורה. דאָס איז געווען אַן אָנגעצייכנטער ירושה־דאָקומענט, וואָס איז איבערגעגאַנגען פון דור צו דור, פון טאַטן צו זון. זעקס און דרייסיק דורות רבנים אין אונדזער משפחה, וואָס ציען זיך אַזש פון דוד המלך אָן.

פון זינט איך געדענק, פון מיינע קלענסטע קינדער־יאָרן, פלעגט עס הענגען אויף דער מזרח־וואַנט, ווי אַ הייליקע פאָן, און אונדז, קינדער,

האָט מען געזאָגט, אַז דאָס זענען אונדזערע הייליקע זיידעס. און ווייל מיר האָבן זיי קיין מאָל נישט געזען, האָב איך זיך פאָרגעשטעלט יעדן זיידן אין אַן אַנדער געשטאַלט און מיט מיין קינדערשן דמיון, האָב איך יעדן פון זיי אָנגעטאָן אין אַנדערע מלבושים.

אָבער געוווּסט האָב איך, אַז ווען עס טרעפט אין שטוב אַ קאַטאַ־סטראָפע, אין שטעטל אַ שריפה, אָדער — אַ פּאָגראָם, איז דאָס ערשטע, וואָס מען כאַפּט, געווען דער פאַרמעגט מיט די הייליקע זיידעס.

האָבן מיר זיך מיט עפּעס פאַרזינדיקט, איז געווען אַ ווייז מיט איין פינגער אויף דער וואַנט, אַז מיר זאָלן רויט ווערן, און פאַרשעמט אַראָפּלאָזן דעם קאָפּ.

די סוכה האָט דער טאַטע מיט די ברידער אָנגעהויבן בויען מיט גרויס פלייס און פרומער ליבשאַפט, גלייך נאָך יום־כיפּור. די אַלע מאַ־טעריאַלן, וואָס ליגן גרייט פון איין יאָר אויפן צווייטן, האָבן זיי אַראָפּ־געשלעפּט פון די ווישקעס אין שטאַל, און מיט די אַלטע ברעטער, פלעק־לעך און טשוועקעס אויפגעקלאַפּט ביי מזרח־זייט פון שטוב די סוכה, אין אַ גרעסערער מאָס, עס זאָל אויך פאַר געסט זיין פּלאַץ אויף צו זיצן. פרימיטיוו, דלותדיק־אָרעם האָט אויסערלעך אויסגעזען אונדזער נעבעכדיקע סוכהלע, כאָטש דער דאָרפישער גוי מיכאַלקאָ, וואָס פלעגט אונדז צו־שטעלן האָלץ אַ גאַנץ יאָר, הויפּטזעכלעך ווינטער, צו הייצן די הרובעס — האָט, ווי יעדעס יאָר, אויך היינט, געבראַכט פרישן גרינעם סכך פאַר דער סוכה, וואָס האָט ווי שטענדיק פאַרשמעקט דעם יידישן קוואַרטאַל מיטן זיסן ריח פון די אַרומיקע גויאישע וועלדער...

דערפאַר איז אָבער אינעווייניק די סוכה אויסגעצירט מיט ווייסע ליילעכער, מיט אַלערליי פאַרביקע דעקעס, אויף זיי פאַרשידנפאַרביקע נאַטור־בילדער, בערדיקע פּנימער פון גוטע יידן פון פאַרשידענע לענדער און יאָרהונדערטער.

פון דער סוכה הענגען אַראָפּ באַרן, עפּל, פאַרביקע פּאַפּיר־קייטעלעך, געפלאָכטענע רינגען, שעמערירנדיקע זונען און האַלבע לבנות. אין ווינקל שטייט דער שמאָלער גרין־האַרטער לולב, לעבן אים דאָס זילבערנע קעסטעלע מיטן געלן קלאָטשע־פּלאָקס, וואָס הילט איין אין ציטערדיקער

אָפּגעהיטנקייט דעם לעבעדיקן גאָלדענעם אתרוג. זיי דערמאָנען דאָס חומשדיק אויסגעחלומט ארץ־ישראל... שטייען מיר אַזוי און קוקן זיך איין אין דעם מיט התפעלות...

מאַנקאַ און אַניטקאַ, די קריסטלעכע חברטעס מיינע, אין וואָכעדיקע קליידעלעך, די בלאָנדע קעפּלעך האָר צעפלויגן אין ווינט, זע איך זיי אַלע מאָל ביי זיך אויף די גאַנקעס מיט די הינט, וואָס לעקן זייערע פּיסלעך, און באַקום אויף זיי רחמנות, הלמאי זיי פילן נישט אַזאַ דער־הויבנקייט, ווי איך...

— אַ גוט יום־טוב, אַ גוט יום־טוב! — צעקלינגט זיך פון אַלע זייטן דאָס ווינטשן זיך פון די אַריינשאַרנדיקע אורחים אין סוכה אַריין.

— ברוכים הבאים! — נעמען אונדזערע טאַטע־מאַמע זיי אויף מיט חשיבות.

ס׳ווערט ענג אין סוכה. די געדיכטע מחנה געסט זעצט זיך אויס געמישט: די קליין־וווּקסיקע, די שוואַכע — מיט ברייט־ביינערדיקע און הויך־וווּקסיקע; לומדים פון דער מזרח־וואַנט, מיט פּשוטע האָרעפּאַשנע ערלעכע פּנימער פון פאָלקס־מענטשן. ס׳איז דאָך הושענא רבא היינט, יום־טוב פון אחדות. מאַכט מען טאַקע אַ לחיים און מען דערמאָנט דעם זיידן, ר׳ יצחק מאיר ז״ל. דער טאַטע דערציילט וועגן אים מיט יראת־הכבוד, און ווי עס וואָלט זיך געעפנט אַ שטראָם פון זכרונות ביי אים פליסן ביי אים די רייד טרויעריקלעך־סודותדיק און ס׳האָט זיך אויך געפילט אין זיי ווייטיק און בענקשאַפט...

אַ טייל ברומען עפּעס צו. אַנדערע ווידער, דרייען מיט די בערד און באַשטעטיקן חשיבותדיק, צוּוואַרפנדיק דערביי אייגענע זכרונות. דערנאָך מאַכט מען ווידער אַ לחיים צו עלית נשמה און מען ווינטשט זיך: לשנה הבאה בירושלים!

ווערט די שטימונג ביי אַלעמען אויפגעהייטערט. די אויגן נעמען גלאַנצן און די פּנימער שטראַלן. הייבט די עדה אָן זינגען יום־טובדיקע און חסידישע ניגונים ביז מען דערגייט צום באַליבטן שבת־געזאַנג פאַרן רבונו של עולם און זיין צאן קדושים.

— מיר וועלן דערציילן די מעלות פון אונדזער בורא און וועגן זיין פאָלק ישראל:

— ווער זענען מיר?

— צאָן קדושים!

— צו וועמען געהערן מיר?

— קהילות יעקב!

— ווי צייכענען מיר זיך?

— רשומים בשמך!

— וואָס בעטן מיר?

— הושענא נא!

קנאַקט מען צו מיט די פינגער, טופּעט מען צו מיט די פיס, אַלע שטימען מישן זיך אויס און שפּאַרן זיך אַרויס פון דער ענגער סוכּה מיט אַ זיסן אימפּעט צו די פרעמדע פעלדער און קייקלען זיך ביז העט אין דער ווייטקייט אַריין — — —

אונדזער הילצערנע שטוב, ווו מיר זענען געבוירן, שטייט איצט אַליין, ווי אַ פרעמדע, אַן איינזאַמע, אַן עלנט־פּאַרלאָזטע... די אַש־גרויע הימלען הענגען ווי שוואַרצע לאַטעס, פּאַרסקען רעגן און קאַפּען אַריין דורכן סכך־דאַך; דער שאַרפער, פייכטער האַרבסט־ווינט פייפט שוין אַריין, טרייסלט די ברעטער פון דער שוואַכינקער סוכּה און עס דוכט זיך, ווי מיר וואָלטן געווען אונטערוועגנס, אין צייטווייליקייט, אַן אָפּגעריסענער יידישער שבט האָט זיך דאָ אָפּגעשטעלט, ווי אין אַן אַכסניה, אויף זיין וואַנדערוועג צו זיין פאַרבענקטן היימלאַנד — ארץ־ישראל...

שמחת תורה

שמחת־תורה, שמחת־תורה! פריי און פריילעך איז היינט. דאָס גאַנצע שטעטל, גרויס און קליין, אַלט און יונג, שליסט זיך אָן, נאָך אַלע יום־טובים און פריידיקן בטחון פון דער תורה.

אַלע טראָגן די שבת־יום־טובדיקע מלבושים און גרייטן זיך צו גיין אין שול צו הקפות.

דער ערשטער האַלבער טאָג ווייזט זיך צו זיין אויסגעלייטערט. דאָס בלוי פון סוף זומער קוקט אַריין צו אונדז אין פענצטער, ווי מיט אַ לעצטן געזעגענונגס־שמייכל, און מיט אַ נאָך־זומערדיקער וואַרעמקייט, גלעט עס דעם לאַנגן ווייס־סערווירטן טיש, וואָס איז אָנגעשטעלט מיט כל מיני משקאות, קוכנס, קיכעלעך, טאָרטן, לעקאַך און אייער־בייגל. מען וואַרט אויף געסט. אַלע גאַסטעווען זיך. כמעט דאָס גאַנצע שטעטל איז פאַרבעטן איינער צום אַנדערן. דאָס איז דאָך די דריטע שמחה, וואָס דאָס שטעטל פראַוועט.

די ערשטע גרויסע שמחה איז אַ חתונה. ביי וועלכן שטאַנד זי זאָל נישט פאָרקומען איז דאָך אַ חוב צו קומען. אַלע זענען פאַרבעטן, ווי גלייכע מחותנים, טאַנצט מען אַ מצווה טענצל „לשמח חתן וכלה״ און עס גיט אַפילו דער אָרעמסטער גאַסט דרשה־געשאַנק.

די צווייטע שמחה — דאָס אָנקומען פון סטאָלינער רבין ר׳ ישראלקע, וואָס ווערט אויפגענומען מיט אַ גרויסן פאַראַדנעם קבלת־פנים. אַרום אַלע הייזער זאַמלען זיך רעדלעך נייגעריקע מענטשן, נישט נאָר חסידים, אַפילו מתנגדים, זענען גרייט אים אויפצונעמען מיט כבוד גדול. חצקאלס איינגעשפאַנטע טונקעלע אָדלערס טראָגן זיך צעגלעקלט איבער דער בריק אַנטקעגן די פאָליעסיער פעלדער מיט צעזונגענע חסידים. זיי

פאָרן באַגעגענען דעם הייליקן צדיק, דערלאַנגען אים שלום מיט ליבשאַפט און חשיבות. אין מיטן וועג מאַכט מען דערווייל אַ לחיים. זיי פאָרן אים אַנטקעגן מיט מנחמס אַ נייעם ניגון. דאָרט, ביים אַריינפאָר אין שטעטל, פאָרן זיך צענויף די צעזונגענע קאָטשן, מיט חסידים צענויפגעזאַמלטע פון דער גאַנצער דאָרפיש־שטעטלדיקער סביבה, אַ ריזיקער עולם נעמט אים אויף מיט כבוד און ליבשאַפט.

די דריטע שמחה איז דאָך שמחת־תורה. אין הייגטיקן שמחת־תורה־טאָג קומען זיך צענויף אַ סך משפחה־געסט, נישט נאָר פונעם שטעטל, און בעיקר — די פאַרבעטענע מחותנים. געוויינלעך פלעגן זיך אין די חול־המועד סוכות־טעג שליסן שידוכים דורך שדכנים. זענען חתן־כלה פאַרבעטן געוואָרן צו איינעם פון די מחותנים לכבוד שמחת תורה.

איצט איז די צייט פון הקפות. די הייזער זענען אויסגעליידיקט. די זויג־קינדער זאַטע, שלאָפן איבערגעדעקט אין די הענגענדיקע שטרויענע וויגעלעך.

די שול איז איבערגעפולט מיט יידן געהילטע אין טליתים. יונגע פרויען, מיידלעך און קינדער שטייען שורותווייז און וואַרטן אויף הקפות.

צעקלינגט זיך די מתיקותדיקע שטים פון משה בער דעם חזן, וואָס שטייט געווענדט צום ארון הקודש. דער ווידערקול טראָגט זיך איבערן ליידיקן מאַרק און פילט אָן דאָס שטעטל מיט התלהבותדיקן הייליקן ציטער... די אָזיערע, וואָס רינגלט אַרום דאָס שטעטל מיט איר פליוסק־גערויש, האָט איצט ווי שטיל־שטיל זיך איינגעהערט אין יידישן תפילה־ניגון. די לופט איז אָנגעפילט מיט דער צייטיקייט פון זיסע און ווייניקע עפל און באַרן, וואָס האָבן זיך געוויגט אויף די צעזונגענע שול־ניגונים, ווי אויף כוואַליעס. דער צווישן זומער און האַרבסט־טאָג האָט אַריינגע־קוקט אין האַלב קיילעכדיקן שול־פענצטער.

— ר' משה בער, מכבד בכבוד התורה! ר' אלתר מכבד בכבוד התורה! שטרעקן זיך וואַרעמע הענט צום גבאי, און פון הייליקן ארון־קודש, ווי ציטערדיקע קינדער, איינס נאָכן אַנדערן, ווערן אַרויסגענומען די ספרי תורות אָנגעטאָענע אין סאַמעטענע מענטעלעך, איבערגעענטפערט אין די אָרעמס, וואָס דריקן זיי צו מיט ציטער פון יראה צום האַרץ און עס

גייט אין ריי, אַקסל ביי אַקסל, פריער דער עלטערער דור, די זיידעס מיט די ווייסע בערד אין שטריימלעך, אין שוואַרץ באַגאַרטלטע לאַנגע קאַפּאָטעס, טראָגנדיק מיט שטאָלץ די הייליקייטן, מיט די זילבערנע קרוינען און גלעקעלעך, וואָס קלינגען אַריין אין קינדערשן כאָר.

די יונגע פרויען מיט די באַטיכלטע קעפּ מיט גאָטספאָרכטיקע, פרומע פּנימער און האַלב פאַרמאַכטע אויגן, טראָגן צו די ציטערדיקע פינגער זייערע צו דער תורה און טראָגן צוריק צו זייערע ליפּן...

נאָך אָט דער ערשטער ריי קומען די יונגעלייט און בחורימלעך מיט פלאַטערדיקע פּנימער און אָנגעצונדענע אויגן, וואָס זוכן נייגעריק אַרום צווישן עולם...

פוןביידע זייטן באַלעמער האָבן זיך יידן פלוצים צעטאַנצט אין קרייז, זינגענדיק כאָראַלע פסוקים. יונגע קאָקעטישע מיידלעך אין לופטיק־קורצע העלע קליידלעך דערנענטערן זיך רויטלענדיק, די בחורים קוקן זיך איבער מיט פלאַמיקע אויגן, ווי אין אַ שטילן ראָמאַנטישן שפּיל און דערלאַנגען ווי אין אַ העפלעך־פאַרנויג די תורה די קאַרשן־ליפּן, וואָס זויגן זיך איין איבעם ווייכן מענטעלע, און די שוואַרצע, און הימל־בלויע אויגן פון די שיינע יידישע טעכטער צעגלאַנצן זיך. באַלד ציִען זיי זיך צוריק צו דער מערב־זייט פון שול־אַרויסגאַנג, שמייכלענדיק שעמעוודיק.

אויך די מייסטער־טענצערס און פאָלקס־זינגערס פאַרשווייגן נישט. זיי טרעטן אַריין אין זייערע ראָלן. הערשעלע מיכאלס, אַ נידעריק רירעוודיקער ייד מיט שוואַרצע פלינק־באַוועגלעכע בלישטשענדיקע אויגלעך, שטעלט זיך אַוועק ביים ארון־קודש, פאַרטראַכט זיך אַ ווײַלע און הויבט אָן זינגען ווייך מיט זיין מיסטעריעזער שטים, אויפהייבנדיק די רעכטע האַנט, ווי מיט אַ טענה:

— און אַז מען וויל, קען מען דאָך פרעגן: טריי־לאַ?!

בלייבט דאָך פאָרט די ערשטע קשיה — טריי לא, לא, לא, לא!...

דערווייל שפּרינגט אַרויס פון ערגעץ־ווו דער ברייט־פּלייציקער חיים קוביער, ביידע הענט זיינע ביי די זייטן, די גראָבלעכע פיס מיט די ברייטע שטיוול־אָפּצאָסן הויבן זיך אָן באַוועגן. קודם פּאַמעלעך־פּאַמעלעך, אויף די שפּיץ פינגער, דערנאָך אַלץ האַסטיקער, פלינקער, לייכט

ווי אַן אינד, גייט ער אַ קאַזאַטשאָק, קומט אים אַנטקעגן סענדער, אַ צאַר־טער מיט אַ קמץ־שפּיציק פראַנצויזיש בערדעלע, און פאַרנויגנדיק דאָס איינגעפאַלן קינדיש אומשולדיק פנימל, טאַנצט ער אים אַנטקעגן, האַלטנ־דיק זיך מיט די הענט בייביידע זייטן און זינגענדיק זיין שטענדיקן פזמון:

בראָנפן איז טייער,
די מאָס איז קליין,
און נישט טרינקען
איז אויך נישט שיין.
טראַלאַ, לאַ, טראַלאַ, לאַ, לאַלאַ!

דער עולם אַרום פּאַטשט צו מיט די הענט, לאַכט אויפן קול און ס'זינגען מיט די שטיפערישע קונדסים, וואָס זענען איבעראַל פול. אויך מיידעלעך מיט קאָלירטע שלייפן פאַרפלאָכטן אין די צעפּעלעך, זינגען מיט, מיט צעבליטע רויזן־פנימלעך, וואָס שטראַלן אויף, ווי אין אַ זוניקן פרילינג.

ווען מען צעגייט זיך שוין פון די הקפות, בייט זיך פלוצים דאָס וועטער. אַ נאַסער ווינט האָט אָנגעטריבן געשוואָלענע וואָלקנס און אין דער פאַרטונקלטקייט האָט אַ שליידער געטאָן אַ קאַלטער געדיכטער רעגן מיט אַן אימפעט. אין דרויסן איז געוואָרן אַ טאַפּשעגדיקע בהלה־לויפעניש, אָבער נאָך אַלץ לאַכנדיק און זינגענדיק, פונקט ווי דער האַרבסט אַליין וואָלט אויך געוואָלט אָנטייל נעמען אין גרויסן יידישן יום־טוב.

דעם גאַנצן טאָג האָבן זיך נאָך אַרומגעדרייט בגילופנדיקע לחיים־טרינקער, וואַקלענדיק זיך פון קידוש צו קידוש.

און איבערן מאַרק, כאַטש בלאָטעס, שפּאַנט זיך חצקאל דער פישער געמיטלעך, אויסשרייענדיק פון מאָל צו מאָל: „צאַן קדושים!".

און קינדערלעך פון אַלע עקן ענטפערן אָפּ:

— מע־מע, מע־מע!...

חנוכה פרייד

באַלד נאָך סוכות האָבן מיר, קינדער, זיך קוים דערוואַרט אויפן ערשטן טאָג חנוכה.

אַ לויטערער, זוניק־פראָסטיקער ווינטער־טאָג. די הימלען גרוי־צעבלויטע, די לופט, אַ שניידיק פראָסטיק־קאַלטע, די ביימער אין די גויאישע סעדער — נאַקעטע ווייסע סקעלעטן מיט לאַנגע, שטרעקנדיקע טויטע צווייגן־הענט.

ענדלעך זענען מיר געוואָרן פריי פונעם ענג־פאַרשטיקטן חדר און פונעם שטרענגן רבין מיט זיינע קלעפּ. ווייסן מיר נישט, פאַר פרייד, וואָס פריער צו טאָן און וווּ אַהין פריער צו לויפן. זענען מיר טאַקע פול אין אַלע גאַסן. מיר לויפן מיט די צעקנעפּלטע, וואַטענע פּאַלטנס איבערן ווייספּוכיקן שניי. לייכט, ווי יונגע לאַשיקלעך, יאָגן מיר זיך איינער נאָכן אַנדערן אַהין, צו דער פאַרפרוירענער אַזיערע. מיר דראַפּען זיך באַרג־אַרויף און גליטשן זיך באַרג־אַראָפּ, גלייך און אין קרייז. מיר פאַלן און הייבן זיך אויף. דער פראָסט פאַרפּלאַמט אונדזערע בלייכע פּנימער און מיר אָטעמען אין זיך אַריין די ריין־קאַלטע לופט.

די פאַרפרוירענע אָזיערע נעמט אָן דעם הימל קאָליר, און זעט אויס, ווי אַ שאַרף גלאָז, אָבער צערונצלט אין זיגזאַגן פון דער קינדער־גליי־טשערייַ. גויאישע און יידישע קינדער פאַרשיכורט פון פרייהייט און ספּאָרט אויף דער פּראָסטיק־פאַרגליווערטער אָזיערע, די פּאַלעס צעכראַש־טשעט, די באַקן בלוטיק־רויט צעפּלאַמט, די אויגן ברענען מיט נצחון פון פרייהייט און פרייד־פאַרמעסט, יאָגן זיך אַזוי לאַנג, ביז די שקצים פאַלן אָן אויף אונדז. עס ווערט אַ געשלעג. די שקצים פייפן, סווישטשען און רופן זייערע הינט זיי אָנצורייצן אויף צו פאַרטרייבן אונדז. לויפט מען איבערן אייז און מען פאַלט, מען שטייט אויף און מען לויפט ווידער,

ביז מען קומט אויסגעהונגערטע אַהיים, ווו עס דערוואַרט אונדז אַ פרישע פרייד. די מאַמע דערלאַנגט אונדז ווייסע בייטעלעך און מיר לאָזן זיך אַרויס אויפצוקלייבן חנוכה־געלט.

נאָך דעם, וואָס דער טאַטע האָט געגעבן דעם ערשטן צוואַנציקער און די מאַמע אויך אַזוי פיל, לויפן מיר צו דער משפחה. דער זיידע זיצט אויף דער רויט־געבעטער שלאָף־באַנק, אַ סימן, אַז ער איז עפּעס נישט מיט אַלעמען. ווינטער, ווען ער איז קראַנק, זיצט ער אין ווייסע לאַנגע פּלודערן מיט אַ לאַנגן שוואַרצן קאַפּטאַן, אין לייב־פּוטער, איבער דער ווייסער באָרד ציט זיך פון מויל אַראָפּ אַ לאַנגע ציבוך־ליולקע און זיינע דינע ליפּן לאָזן הערן אַלע ווײַלע דעם ריטמישן פּאַף־פּאַף. ער קוקט אויף אונדז גוטמוטיק מיט אַ ביסל פאַררויכערטע אויגן.

— זיידע, חנוכה־געלט! — פּלאַצן מיר אַלע מיט אַ מאָל אַרויס.

האַלט דער זיידע מיט איין האַנט דעם הילצערנעם שמאָלן ציבוך, פון וועלכן עס פילט זיך דער רויכיקער טאַבאַק, און מיט דער אַנדערער נעמט ער אַרויס פון בוזים־קעשענע אַ פּאָר מטבעות און גיט אַ זאָג:

— צעטיילט אייך!

רוקן מיר זיך אָפּ און הויבן זיך אָן צו שאַרן געדיכט איבערן צימער שטופּנדיק זיך נעענטער צום עלטערן ברודער זיידל, וואָס האַלט די קאַסע. מיר חשבונען און חשבונען אויפן הויכן קול צו זיך אַליין מיט אַ געדיכטן גאַדעריי, ווי ס'וואָלט געפליוכעט אַ צעבער וואַסער, ביז די באַבעניו דערהערט אונדזער טומל און לויפט אַרויס פון קיך מיט די שקראַבעדיקע שיך. דערזעענדיק אונדז, צענעמט זי די לאַנגע אָדער־דיקע הענט און די גרויע, אַלטע אויגן צעשמייכלען זיך מיט תענוג און ליבשאַפט. כריפּענדיק מיט איר וואַרעמען אָטעם, הויבט זי אויף איר ברייטן פאַרטוך און ווישט אונדז אַלעמען אָפּ די פאַרפרוירענע נעזלעך, דערלאַנגט אונדז הייסע ציקאָריע מיט מילך און חנוכה־לאַטקעס. דערנאָך פּאַרעט זי זיך לאַנג ביי אירע קעשענעס און דערלאַנגט אונדז אַ זעקסער, פאַרשפּיליענדיק דערביי אונדזערע מענטעלעך.

מיר איילן זיך צום פעטער נחום. לאָזנדיק אָפּן די הויז־טיר, פאַלן מיר אַלע אַריין, ווי אַ דונער, און פּלאַצן אויס מיט אַ מאָל:

— פעטער נחום, חנוכה־געלט! — און עפענען אונדזערע בייטעלעך.

דער פעטער נחום, אַ ריינער, אַ שלאַנקער, מיט אַ גאָלדיק־בלאָנדער באָרד, הייסט זיך אונדז זעצן און קוקט אונדז לאַנג אָן מיט זיינע טיפע פאַטערלעך־קלוגע אויגן. ער רעדט צו אונדז ווייך מיט זיין שטילער הייזעריקער שטימע. ער דערלאַנגט יעדערן פון אונדז אַ האַלבן רובל. מיר ווערן שטאַרק איבערראַשט און לייגן פאָרזיכטיק די זילבערנע מטבע אין די בייטעלעך אַריין.

די מומע מרים לאה, אַ צעוואַקסענע מיטן דיקן גוידער איבערן ווייסן מאַרמאָר־האַלדז, אין טונקעלן פאַרוק איבער דער ליכטיק־שיינענדיקער צורה, קוקט אונדז אָן שטיפעריש און גיט דעם אַ פעטשל אין באַק, אַ צווייטן אַ קניפּעלע. דערנאָך נעמט זי אונדז אַרום און אויף איר שיינעם פנים שטראַלט אויף אַ מוטערלעך ליכט. זי רעדט עפּעס צו אונדז, נאָר מיר האָבן קיין צייט נישט און לויפן ווייטער.

לויפנדיק קומען מיר אָן צו מיכלען און לייטשיקן. איינער פון אונדז גליטשט זיך אויס און פאַלט. אַלע צעלויפן זיך. יענער שרייט, הויבט זיך אויף, לויפט נאָך אַן איינגעקאַטשעטער אין שניי, ווי אַ ווייסער בער.

צום סוף קומען מיר צום פעטער שמחה, אַ קליין דאַר יידעלע, מיט אַ טונקל־שיטער בערדעלע און מיט טיפע, קלוגע, אייביק שפּאַסנדיקע, צעשמייכלטע אויגן.

גליקלעכע קערן מיר זיך אום אַהיים. אין שטוב איז וואַרעם, ריין און געמיטלעך. אויפן טיש ליגן שוין אַלע חנוכה־שפּילעכלעך, וואָס דער טאַטע, דער שניצער און מאַלער, האָט אַליין אויסגעמייסטערוועט: די דריידעלעך, די דאַמקע און דער ה.

פון קיך טראָגט זיך דער וואַרעמער זיסער ריח פון געגנדזענע גריוון, שמאַלץ און לאַטקעס. מיר גייען אַריין אין אונדזער שלאָף־צימער און עס הויבט זיך אָן אַ ציילעניש, אַ רעכעניש, נאָך אַ מאָל און ווידער אַ מאָל, טעותים און פאַרריכטעניש, שרייען דערביי איבער איינער דעם אַנדערן. באַלד דערהערן מיר דעם טאַטנס רוף צו קומען שפּילן. טוען

מיר אָן די פּולע בייטלען אויף די העלדזער און לאָזן זיך צום טיש. דער טאַטע זיצט אויבן אָן און מיר אַלע אַרום אים.

אויף אַ גרויס ווייס פּאַפּיר, געצייכנט מיט קאָלירפולע בילדלעך, איז אין דער מיט, מיט שוואַרצער פאַרב געמאָלן אַ גרויסע „ה" און אַ גרויס הילצערן דריידל, וואָס אויף אַלע פיר זייטן זיינע די ראשי־תיבות פון „נס גדול היה שם".

אַלע שטעלן מיר אויס אַ באַנק פון עטלעכע קאָפּיקעס. דער טאַטע הויבט אָן שפּילן מיט יעדן באַזונדער לויט דער ריי. בעת מיר זענען אַריינגעטאָן מיט גרויס התלהבות אין שפּיל, קוקט ער אונדז אָן מיט אַ פאַרשנדיקן בליק אַרויסצוגעפינען אונדזערע קינדערשע פעיקייטן און מאַכנדיק זיך תמעוואַטע, הויבט ער אָן צו חשבונען אויפן קול זיינע וועגן:

„זאָל איך גיין אַהער? — וועט ער גיין אַהין. זאָל איך ווידער גיין אַהין? — וועט ער דאָך מיך שלאָגן".

דערווייל כאַפּן מיר זיך ביי אונדזערע טעותים, און כאָטש מען האָט אויסגענומען: „אָן חרטה און אָן דרייען" — דרייען דאָך אַלע און אַלע האָבן חרטה.

דערווייל האַלטן מיר אין איין געווינען און דער טאַטע אין איין פאַרשפּילן. די שטימונג איז אַ צעוואַרעמטע און די פרייד פון נצחון איבערן גרויסן טאַטן וואַקסט. מיר הויבן אָן פּלוצים גלויבן אין זיך, אין אונדזערע אייגענע כוחות און קוקן אויף אים, ווי גאַרנישט דער זעלבער טאַטע, וואָס שרייט, שטראָפט און שלאָגט אַפילו אַ מאָל מיט אַ שווער פאַרכמאַרעטן פּנים. איצט איז ער אָן אַנדערער טאַטע, אַן אויפגעראַמטער, אַ געמיטלעך־צעשמייכלטער. די קנייטשן פון זיין מוסרדיק פּנים אויס־געגלייכט מיט אַ צעלויכטענעם שמייכל אין די גרויסע צעבלויטע אומע־טיקע אויגן, וואָס קוקן אויף אונדז, דוכט זיך, דאָס ערשטע מאָל, ווי אויף גלייכע, גוטע קינדער. אַפילו דער גרויסער, פאַרטראַכטער טיף־ווינקל־דיקער גמרא־שטערן זיינער שמייכלט צו אונדז...

די בשותפותדיקע פרייד וואַקסט און שטייגט אַלץ העכער. מיר געווינען און שטייגן איבער דעם גרויסן טאַטן! אונדזערע בייטעלעך —

אַלץ פולער און געשוואָלענער. אונדזער קינדערשע פאַנטאַזיע ברענט און אַרבעט מעשים: אַזוי פיל געלט! וואָס קענען מיר נישט פאַרשאַפן זיך פאַר דעם?!

זיידל, דער עלטערער ברודער, וואָס באַמקעט שטענדיק מיטן מויל און פויקט מיט די הענט אין טיש, אויף וועלכן דער טאַטע שרייט, אַז דער טיש פאַרט אַוועק, וועט קויפן אַ פידעלע און שפּילן אויף אים. מיט יאָרן שפּעטער, איז ער טאַקע אויסגעוואַקסן אַ באַרימטער פידל־שפּילער. דער צווייטער ברודער וועט קויפן אַ סך פאַרבן און מאָלן. דער דריטער ברודער יויל גאָר קויפן אַ ביקס אויף ל״ג בעומר. ער וועט זיין בר־כוכבא, דער העלד, און וועט זיך פאַרמעסטן מיט אַלע שקצים און זיך אָפּרעכענען מיט זיי, הלמאי זיי שלאָגן אונדז.

— איך? איך וועל מיט מיין בייטעלע ווייט אַוועק, ווייט אַזש אויף יענער זייט שטעטל, ווו די ווייטקייט צויבערט, לאָקט און רופט אין פאַרטראַכטער בענקשאַפט...

דער קורצער ווינטער־טאָג, וואָס האָט זיך געשלייכט איבערן שטעטל מיט קאַלטע זון־שטראַלן און זיך געשפּילט אויפן שניי מיט אַן איבער־געקערטן רעגנבויגן, האָט אַוועקגעפויזעט הינטערוויילעכץ, און פון גרויע וואָלקנס האָבן זיך אָנגעהויבן שיטן ווייסע לייכטע שניי־פליטערלעך. ווי שמעטערלינגען האָבן זיי געשוועבט איבער דער ערד, קוים באַרירט זי. דערנאָך האָבן אָנגעהויבן פאַלן געדיכטע פלאַכטעס, ווי ווייסע בלומען און דעקאָרירט דאָס גאַנצע שטעטל, ווי מיט אַ פרידן־פאַן לכבוד חנוכה.

אין בלענדנדיקער ווייסקייט איז אַלץ אַרום געוויקלט אינעם ווינ־טער־אָוונט. די שטעטלדיקע הילצערנע הייזקעס האָבן זיך ווי אויסגע־ברייטערט און אָנגעטאָן ווייס־זילבערנע פוכיקע קוטשמעס.

הויכע הימלען, ווי פאַרקערטע בלויע קופּאָלן, אָנגעזייט מיט ציטערדיקע שטערן, וואָס ווינקען און דערציילן אין פייערדיקער באַוועגלעכקייט די לעגענדע פון זייער אייביקייט...

שווימט זיך שטיל צווישן די הימלען אַ רונדיקע לבנה, קוקט מלכותדיק אַראָפּ און זייט דורך דער פּראַסטיקער לופט אויף דער פאַרשנייטער וועלט בלויליכע זילבער־שטראַלן, וואָס שעמערירן ווי צאַרטע דימענטן.

פון אונטער באַשטיוולטע, גרויסע טריט פון די אײלנדיקע פאַרבײ־גייער, אײנגעהילטע אין וואַרעמע פעלצן און טיפע ווינטער־היטלען, צי אין גרויסע פאַטשיילעס, קנאַקט און טרישטשעט דער פאַרשטייפטער שניי.

הילצערנע שליטנס, געשפּאַנטע צו פערד, טראָגן זיך ווי די אָדלערס איבער די פאַרשנייטע וועגן, די אָנגעהאָנגענע גלעקלעך קלינגען אַריין אין דער דרויסנדיקער, ווינטער־מוזיק.

דעם זיידנס אַלטע גרויסע שטוב, וואָס ער האָט זי באַקומען אַלס נדן צו זײן חתונה האָבן מיט דער באָבען, איז איצט איבערפולט מיט דער גאַנצער גרויסער משפּחה: זין, טעכטער, שניר, איידעמס, אייניקלעך און אוראייניקלעך. לויט אַ מנהג, קומט מען זיך צונויפן יאָר־יערלעך פון די אַרומיקע פּראָווינצן, צום ראש פון דער משפּחה אויף חנוכה־לאַטקעס.

פריילעך און וואַרעם איז אין שטוב. דער גרויסער בליץ־לאָמפּ, וואָס באַלייכט די שטוב, צינדט אָן די ווייס־געקאַלכטע ווענט מיט אַ פּרימי־טיווער פּייערלעכקייט. די הייס־אויסגעהייצטע הרובע טראָגט אָנטקעגן די געפרוירענע אורחים איר היימישע וואַרעמקייט. די ריחות פון געבדזענע גריוון און געפרעגלטע לאַטקעס טראָגן זיך פון דער קיך און הילן אַלעמען איין מיט משפּחהדיקער שיכרות.

אויפן פענצטער שטייט דער מעשענער האַלב קיילעכדיקער חנוכה־לאָמפּ. צוויי לייבן געשניצטע ביי זיין זייט סימבאַליזירן די גבורה פון די העלדן פון פאָלק. די בליקן פון אַלע פאַרזאַמלטע, זענען געווענדט צו די צעצונדענע חנוכה־ליכטלעך, וואָס ברענען פלאַמעדיק, דערציילן און דערמאָנען דעם גרויסן און רייכן עבר פון אונדזער פאָלק, וואָס האָט אַ מאָל געלעבט אין זיין לאַנד און געקעמפט אויף זיין אייגענער ערד. אַ גרויסע פאַרטראַכטקייט באַהערשט דעם גרויסן משפּחה־עולם, וואָס רייסט זיך אויף אַ ווײלע אָפּ פון דערווירקלעכקייט.

ביי די זייטיקע שפּיל־טישלעך הויבן אָן די קינדער, די חדר־ייִנגלעך, דערציילן וועגן די מלחמות, וואָס דאָס פאָלק האָט געפירט, וועגן זיינע העלדן און וועגן די נסים ונפלאות פון אַ מאָל און וועגן די חנוכה־ליכטלעך, וואָס דאַרפן דאָס אייביק דערמאָנען.

אויפן טיש שטייט דער גרויסער, מעשענער סאַמאָוואַר, וואָס גלאַנצט אַנטקעגן בליץ־לאָמפּ און זעצט מיט קאָכיקער פּאַרע. די יונגע דיקלעך שטראַלנדיקע טעכטער דערלאַנגען צו די סערווירטע טישן געגדזענע גריוון און לאַטקעס.

דער פּאַטריאַרכאַלער זיידע זיצט אויבן אָן, ביי זיין זייט רוט די ברוין־שוואַרצע ציבוך־ליולקע, רחבותדיק געמיטלעך געשטימט.

די באָבע, אַ האַלב אויסגעבויגענע, ווי אַ ווערבע ביים טייך, אין איר שוואַרצן טשיפּיק באַהאָנגען מיט זיידענע לענטעס און באַזעצטע מיט פּאַרשידנפאַרביקע קרעלן, וואָס נעמען אַרום דעם גלאַט געשוירענעם קאָפּ, און גיבן איר צו אַ וויבערישן חן, גייט אום איבער דער שטוב אַ צע־שיינטע און צעחדוועט. זי וואַקסט אויס אין יעדן ווינקל, באַטראַכט אַלץ און אַלעמען. און וואַרפנדיק אַ זייטיקן בליק צום זיידן, שטופּט זי אַלע ווילע אַן אַנדער אייניקל אַ גריוו אין מויל אַריין.

פון דרויסן קוקט אַריין אַ ווייסע, געפּרוירענע נאַכט, ווי אַ גרויע זקנה, גלייך זי וואָלט געוואָלט דער באָבעס אַ חברטע, און צייכנט מתנות אויף די שויבן — אַ וואַלד מיט ביימער און בלומען לכבוד חנוכה.

פורים ביי דער באַבעניו

הינטער ווייטע, פאַרשנייטע פעלדער און וועלדער ליגט דאָס יידישע שטעטל לאַהישין, אַרומגערינגלט מיט אַ קראַנץ גויאישע דערפער — פויערים, פאַליעשוקעס, אָפּגעריסן פון ווייטע יידישע ישובים.

אָט איז אַ וואַרעמער ווינט געקומען און הסדיק אַריינגעווייעט אין צווישן ווינטער־זומער די בשורה: זיי קומען, זיי קומען, דער פורים — דער פרילינג...

האָרבנדיק זיך, ווי אַ זקנה, האָט דער פאַרוואָלקנטער הימל ערגעץ־ווו אַוועקגעצויגן אין זיינע קאַלטע מקומות אַריין און פון הינטער די טעלער־כאַנער וועלדער, האָט זיך אַרויסגעשלייכט אַ יונגער, ליכטיקער מערץ־טאָג און אין אַ זוניקער פריילעכקייט זיך באַגעגנט מיטן ראַנד פון שטעטל, ווי מיט אַן אַלטן האַרציקן פריינד. דאָס שטעטל, טייענדיק אין צע־בלישטשעטן זילבער־שניי, האָט געריפן, געצויגן, געלאַשטשעט צום אויפ־לויכטנדיקן פורים־טאָג.

דאָס שטעטל האָט אויפגעוואַכט. אַלץ און אַלע זענען אין דרויסן. עס שווימלט און גריבלט מיט יידן און יידישקייט. ווייבער אין טשיפּיקעס אין שטערן־טיכלעך אויף די קעפּ, מענער, אַלט און יונג, איילן אין די שולן צו הערן די מגילה.

דורך די צעעפנטע טירן און פענצטער שלאָגן די זיס־ווייניקע ריחות פון פרישע פורים־געבעקסן, פיל־פאַכיק געפלאָכטענע קוילעטשן באַשאָטענע מיט מאָן, זיסע המן־טאַשן, פלאָדנס, שטרודלען, האָניק־טייגלעך, מאַנדל־לעקעך, סך־הכל — יידיש ווייבערשע בריהשקייט...

גבאים און גבאיטעס מיט קיישלעך, אין ברייטע פאַרטוכער זאַמלען נדבות פאַר שטעטלדיקע אָרעמע־לייט, יתומים, קלייבער פאַר הכנסת־כלה ווערן פון יעדער בעל־הביתטע בהרהבהדיק אויפגענומען. מען

שיט אין די קוישן געבעקסן, מען שענקט זאַכן און מען גיט אויך געלט. דערצו לאָזן זיך נאָך פון שטוב צו שטוב משולחים פון כלערליי חברות, ישיבות, בתי־מדרשים, נשרפים, תומכי־עניים.

קינדער לויפן און איילן איבער אַלע גאַסן מיט ווייס־איבערגעדעקטע משלוח־מנותן, דאָס שיקן זיך שכנים און פריינד איינער דעם אַנדערן מתנות. פאַרשטעלטע פורים־שפּילער מיט געפּויק און געזאַנג וואַקסן אויס אין יעדער שטוב מיט זייערע מכירת־יוסף־שפּיל און טעאַטער־פאַרשטע־לונגען פון מגילת אסתר...

פאַמיליעס, גאַנצע משפּחות, יום־טובדיק אָנגעטאָן אין געמיטלעכער רחבותדיקער בעל־הביתישקייט, שפּאַצירן איבער די זייטיקע בריקלעך באַווואַקסענע מיט ווילדגראָז און ציִען צו זייערע פריינד נהנה זיין פון די פורים־סעודות.

אין געווירבל פון שנייאיקע בלאָטעס און יונג־אויפשטראַלנדיקע גראָזן טאַנצן חסידים מיט צעכראַשטשעטע, צעפלויגענע פּאָלעס און שטראַלנדיק־צעזונגענע פּנימער. האַפּערדיק רייסן זיך דורך מיט שמחה איבערן שטעטל די געזאַנגען: „שושנת יעקב, צהלה ושמחה", „ברוך מרדכי וארור המן!" און זענען מקיים די אור־אַלטע מסורה פון „והיית אך שמח".

דעם זיידן אהרן מרדכיס רחובותדיקע ירושה־שטוב, וואָס ער האָט באַקומען אין „נדן" צו דער חתונה מיט דער שיינהייט פון שטעטל — די באָבע ראָדל, איז די בכבודיקע בית־דין־שטוב פון זיין יאָרן־לאַנגער כסא־הרבנות און אויך די היים פון דער באָבע.

איז די שטוב נאָך לאַנגע שטורעמדיקע ווינטערן אויסגעקרימט געוואָרן, ווי דער באָבעס איינגעהויקערטע פּלייצע. די ווענט געדענקען נאָך דער באָבעס צעזונגענע זומערן, ווען איר געבענטשטע מוטערשאַפט האָט יעדן פרילינג געשענקט דעם זיידן, דעם רב פון שטעטל, אַ מתנה — אַ קינד.

וויגט זיך איצט דעם זיידנס איינגעבויגענער דאַך אין די בלויע פרילינג־ווינטלעך, ווי דער רוקן פון אַ וואַנדערדיקן קעמל. דערפאַר אָבער לויכטן די פענצטער־שייבלעך פון די איינגעקאָרטשעטע ווענט אין בלוי־

גאָלדיקן שימערדיקן, צעהעלטן ערב־פרילינג, שמייכלענדיק, ווי דער חסד פון דער באָבעס גוטע, לייכטנדיקע אויגן.

אין שטוב ביים זיידן יובלט דער פורים יום־טוב. צו אים, צום עלטסטן פון דער משפחה, איז זיך צענויפגעקומען די גרויסע משפחה דעם זיידנס. אַרום די גרויסע טישן, געדעקטע מיט דער באָבעס דאָרפּיש־אויסגענייטע ווייסע טישטוכער, זיצן אויף לאַנגע הילצערנע בענק דעם זיידנס דורות, בכבודיקע תושבים פון שטעטל: זין, טעכטער, שניר, אייניקלעך און אור־אייניקלעך — אַלע ווענדן זייערע בליקן מיט כבוד און דרך־ארץ צום זיידן.

אויבן אָן, אין אַ ווייכן פאָטעל זיצט דער זיידע, דער ירא־שמים, אין זיין שוואַרצער זיידענער קאַפּאָטע, אויפן קאָפּ דאָס רונד־שפּיציקע סייבלנע שטריימל. זיין ווייסע, זילבער־גרויע באָרד דערוועקט הדרת כבוד, דער בליק שטרענג און דאָך מילד.

ביים זיידנס רעכטער זייט שטייט די גרויסע ספרים־שאַנק מיט די גלעזערנע טירן. אין ווינקל — די לאַנגע ציבוך־ליולקע, אויף דער מזרח־וואַנט, איבער זיין קאָפּ — דער בלוי־זיידענער פרוכת מיטן גאָלד־געשטיקטן מגן־דוד, פאַרצויגן איבערן ארון קודש.

די ווייסע פענצטער־פאָרהענגלעך, דער זילבערנער חנוכה־לאָמפּ, די מזוזה אויפן טיר־אושאק, די זילבערנע בעכערס אויפן טיש, דער געלער מעשענער סאַמאָוואַר מיטן גרויסן בויך, וואָס איז ענלעך צו מאַרטאַ, דער באָבעס דאָרפישער וועשין, אַלץ גלאַנצט און שעמערירט מיט דער פרייד פון „ברוך מרדכי און ארור המן". די געלע פּאַרמעט־מגילה ליגט אַ צע־עפנטע אויפן טיש, ווי אַ טעסטאַמענט פון דער געבאָטענער שעה. אַלע־מענס אויגן זעענען אין שטומער אויפמערקזאַמקייט געווענדט אַהין־צו, צום ראש פון דער משפחה.

אין דער וואַרעמער שטוב פון געמיטלעכן פורים יום־טוב טראָגן זיך די געמישטע ריחות, בעיקר פון דעם ריזן משפחה־קוילעטש, וואָס צוליב זיין צעוואָקסנקייט ציט מען אים קוים אַרויס פון אויוון מיט צוויי לאָפּעטעס. עס שמעקן די זיסע המן־טאַשן, משה רבינוס פערדלעך, די געפילטע פיש, יויך מיט קרעפּלעך און צימעס.

מאַכט מען אַ לחיים, אַ כוסה, איינע און נאָך איר אַ צווייטע. מען קושט זיך און מען ווינטשט זיך „לשנה הבאה בירושלים!" די קינדער זינגען און טאַנצן. דער זיידע ברומט צו פאַרדביקעט אַ ניגון און שמייכלט דערהויבן.

די באָבע, ווי אַן אויסגעבויגענע ווערבע, שטראַלט אויסגעצירט אין נייעם טשיפּיק. דאָס שנירל פּערל אַרום איר געפּאַלדעוועטן האַלדז מיט מאַיעסטעטישן גלאַנץ. און זי אַליין קוקט מיט שטאָלץ און ליבשאַפט אויף אירע דורות, באַוועגט זיך שנעל, לויפט פון קיך אין שטוב און — צוריק, דריב, דריב מיט אירע נאָך באַוועגלעכע פיסעלעך... און דער געלער וואַנט־זייגער קלאַפּט צו צום טאַקט און איז ממשיך זיין אייביקן טיק־טאַק־גאַנג...

די טיר פון זיידנס שטוב רוט נישט. עס קלינגט מיט ברוכים הבאים. דאָס גאַנצע שטעטל שיקט דעם זיידן משלוח־מנות. די באָבע מיט דער יינגסטער טאָכטער — מיין מאַמע — פאַרנעמען זיך מיט אָפּנעמען די מתנות. בלויז די געשיקטע געלטער בלייבן ליגן ביים זיידן אויפן טיש. אַלץ אַנדערע ווערט ערגעץ צוריק געשיקט.

דורך דער געעפנטער טיר רייסן זיך אַריין בגילופנדיקע קלאַנגען. דאָס שטעטל וויגט זיך אין אַ קאַראַהאָד פון פרייד און געזאַנג.

פּלוצים פאַלט רעשיק אַריין אַ וואַקלדיקער, סענדער, נאָך אים אַ חברה:

— גוט יום־טוב, רבי!

— גוט יום־טוב, גוט יום־טוב, ברוכים הבאים! — גלייכט זיך אויס דער זיידע אין זיין פּאַטריאַרכאַליש־מאַיעסטעטישער גרויס. עס צעגלאַנצן זיך די זילבערנע בעכער:

— אַ גוטן פּורים, רבי!

— לחיים רבי!

— לחיים רבי!

— לחיים, לחיים, בשנה הבאה בירושלים!

— איי, איי, דער אויבערשטער זאָל העלפן ישועות ונחמות אויף יידן!

— כן יהי רצון אמן ואמן!

מ׳טרינקט, מ׳פּשטלט זיך, מ׳ברומקעט צו אַ ניגון, מ׳דערמאָנט דעם

בעל־שם־טוב, מ׳בעטנשט דעם נאָמען פון דעם סטאָלינער רבי — ר׳ ישׂ־ראלקע. מען זינגט דביקותדיק חסידישע ניגונים. סענדער איז טאַקע אין גאַנצן בגילופין.

סענדער, דער גרויסער עניו, דער באַליבטער אין שטעטל, וואָס האָט נישט פיינט דעם ביטערן טראָפּן, רוקט זיך אַרויס אין פראָנט פון טיש, דעם קאָפּ מיט דעם שפּיץ בערדעלע פאַרנייגט אין אַ זייט, פאַרציט התלהבותדיק זיין ניגון, צוקנאַקנדיק מיט צוויי פינגער: „שושנת יעקב, צהלה ושמחה״...

און אַזוי זינגענדיק, לאָזט ער זיך אַוועק איבער דער שטוב אין אַ טאַנץ. פלינק, לייכט, הייבט ער די פיס צום טאַקט, שווימט ממש ווי אַ פיש אין וואַסער... דער עולם איינער נאָכן אַנדערן, פאַרלאָזן די טישן, פלעכטן זיך הענט אין הענט, אַקסל דריקט זיך צו אַקסל און ס׳גייט אַ טאַנצנדיקער פורים־קאַראַהאָד פון צעפלאַטערטע בערד און פיאות, צע־לויכטענע פנימער — איין גרויס צונויפגעגאָסן ברידערלעך האַרץ מיט רחבת הדעת, מיט יראת שמים און עקסטאַז פון גלויבן און האָפענונג.

סענדערס לויטערע שטים קלינגט:

בראָנפן איז טייער,
די מאָס איז קליין,
און נישט טרינקען —
איז אויך נישט שיין!
טראַלאַ, טראַלאַ, לאַ, לאַ!

און אַלע אין כאָר:

— און נישט טרינקען איז אויך נישט שיין, טראַלאַ לאַ לאַ לאַ לאַ!

ציִען זיך צו מיר פון אַלע זייטן גלעטנדיקע הענט, מען צערטלט און מען קושט מיך. רייס איך זיך אַרויס פון די שטאַרקע הענט פון מיינע בערדיקע פעטערס, לויף צו מיינע מומעס און שפּיל זיך מיט זייערע האַלדז־בענדער, גאָלדענע בראָשן און בלישטשענדיקע שפּילקעס, וואָס זענען אַריינגעשטעקט אין זייערע בלאָנדע און שוואַרצע פאַרוקן. עס שמייכלען און ווינקען צו מיר פון וויטן דעם זיידנס אַלטע אויגן. טוט מיך די באָבע

מיט איין מאָל פּלוצים אַ כאַפּ אויף אירע לאַנגע, מאָגערע הענט און דרינגט מיך דורך מיט אירע גרויע און וואַרעמע אויגן, זי שעפּטשעט מיר אין פּנים אַריין בסוד מיט איר מויל, וואָס איז ליידיק פון ציין „משוגענע גרייזעלעך״, פאַר מיינע ווילדע קאַפּריזן רופט מען מיך אין דער משפחה: „משוגענע גרייזעלעך״.

רייסט זיך אַ פרייד און געלעכטער פון מיין קינדיש הערצל. וואַרף איך מיט מיין ווייסן, שעפּסן קעפּל, פּאַטש מיט די הענטלעך און מיט די פיסלעך, קלאַפּ הילכיק אין דער באָבעס אַלטן, הויכן קופערט. און בכדי איינצושטילן מיין צעברויזטן געפילדער שטופּט מיך די באָבע מיט אירע קנאָכיקע הענט האָניק־טייגלעך אין מויל אַריין. קוק איך אויף דער באָבעס צעקנייטשטן פּנים, וואָס איז פאַרעלטערט און געל, ווי דער פאַר־מעט פון דער מגילה...

שטיי איך שוין אַ פאַרטראַכטע, און איינגעהערטע אין דעם זיידנס מתיקותדיקער שטים, וואָס קייקלט זיך איבער דער שטוב, מיט אַזאַ מיס־טעריעזער ווייכקייט:

„ויהי בימי אחשורוש״...

ערב פסח

אָנגעהויבן וואַרטן אויפן פּסח האָבן מיר, קינדער, שוין שבועות צייט, מיט יעדן פרימאָרגן, וואָס איז אויפגעקומען, האָט די מאַמע אַראָפּגענומען צו ביסלעך פון יעדער פּרוכט, אָנגעשיט אין ברייטע קיילעכדיקע בוטלעס צוזאַמען מיט צוקער און, אַוועקרוקנדיק ווייט אויפן זיידנס פּסחדיקער ירושה־שאַפע געזאָגט: „זאָל שטיין אַ ביסעלע משקה אויף פּסח!".

סוף זומער, ווען עס האָבן געצייטיקט אַלע פּרוכטן אין די סעדער, האָט זי אָפּגעקויפט ביי פּאַווליוקן, צי ביי פּראַנעקן, די בעסטע עפּל, געמאַכט פון זיי אַ משקה און אַוועקשטעלנדיק אויף דעם זיידנס רויטער שאַפע, אַ זאָג געטאָן שטרענג: „קינדער, דאָס איז וויין אויף פּסח!".

חנוכה־צייט, ווען דער געשמאַקער ריח פון די גענדזענע גריוון האָט פאַרשמעקט די שטוב און אונדז געצויגן צו דער קיך, האָט די מאַמע ווידער אַ מאָל דערלאַנגט אַ קאָמאַנדע: נישט אַריינגיין אַהער מיט חמץ! מ'פרעגלט דאָך שמאַלץ אויף פּסח!

אויף מאָרגן, נאָך פּורים, האָט מען אין שטאָט אָנגעהויבן באַקן מצות.

ביידע האַלבע שטעט, פּינסק און קאַרלין, האָבן זיך געגרייט צו די ימים טובים גאַנץ באַזונדער, אָבער מערער מאָל האָבן זיי זיך פאַר־אייניקט און געוואָרן איין יידישע משפחה, בעיקר ביי אַ יום־טוב, אַ שמחה, הגם נוסח סטאָלין און קאַרלין האָבן נישט אַזוי געשטימט...

טאַטע־מאַמע, זייענדיק פאַרנומען מיטן ערב יום־טוב, האָבן אַראָפּ־גענומען דאָס אויג זייערס פון אונדז, קינדער. נו, זענען מיר דאָך פרייע פייגל! לויפן מיר פון פּינסק קיין קאַרלין און צוריק און וואַקסן אויס דאָ אין איין גאַס, דאָ אין אַן אַנדערער. פון דער סאַבאָרנער אויף דער בריסקער, אין די שמאַלע געסלעך פון אַלע בוליאַוושטשינעס צוריק מיט אַ מאַרש דורכן מאַרק. פאַלן מיר אַריין צווישן עמך, אין די בלאָטע־

געסלעך פון די לינישטשעס און צוריקוועגס שניידן מיר דורך אַלבערעכ־טאָווסקסע, אויף דער קאַרלינסקע שטויסן מיר זיך אָן מיט צעיאַכמעטע קינדער, וועלכע ציען ווי מיר, נאָר פון דעם אַנדערן עק שטאָט. ווערט אַ געשלעג, אַ היילִיקע קינדער־מלחמה, וואָס פאַרבייגייער רייסן פונ־אַנדער און עס פאַרענדיקט זיך מיט אַזעלכע זילזולים, אויסגעשרייען:

— פינסקער חזיר!

— קאַרלינער לעמישקע!

— לינישטשער חיה!

— קאַרלינער פאַרשטאָפּטע קעפּ!

ענדלעך כאַפּן מיר זיך אַריין צום מצה־בעקער, מיר העלפן שאָבן די ברעטער, די קאַטשאַלקעס, מיר גיסן וואַסער ביי דעם קנעטער, טרעטן נישט אָפּ פונעם רעדלער, פלאָנטערן זיך דעם שיבער אונטער די פיס און לייגן אַרויף כאָטש איין פינגער אויף די שווערע קערב געבאַקענע מצות, וואָס ווערן אַהיים אָפּגעשיקט צו די בעלי־בתים. מיר לויפן נאָך די מצה־וואַסער־טרעגער צום טייך, מיר שטייען שעהן לאַנג ביי דער אויסלאָג־פענצטער פון די נייע פסחדיקע כלים און ווו נישט?...

ערב פסח. פון גאַנץ פרי אָן האָט זיך אָנגעהויבן די ערב־פסחדיקע „עמיגראַציע”. די טיר רוט נישט. מ׳טראָגט אַריין און אַרויס. אַלץ איז איבערגעדרייט און אָפּגערוקט. מיר וואַנדערן פון איין ווינקל אין אַן אַנדערן. פון אומעטום טרייבט מען אונדז. דאָ נישט שטערן, אַהין נישט גיין, און מעשה שטן ווילט זיך אונדז נישט, גראָד דעם טאָג, אַרויסגיין פון שטוב.

דאָס גאַנצע חמצדיקע קיך־געשיר מיט דער געפּעס־גראַטקע פאַראויס איז שוין פון לאַנג נישטאָ. אויפן אָרט פון די טייג־מולטערס און לאָקשן־ברעטער שטייט שוין די נייע הילצערנע דיישקע מיט רויטן בוראַקאָוון פסח־ראָסל און דער גרויסער צעבער וואַסער מיטן לייוונטענעם דורכזייער.

אַרום די פסחדיקע פאַנען און סקאָוואָראָדעס איז שוין אויסגעקלעפּט מיט שיינע פּאַפּירענע קאָליר־שפּיצן, מיט אָנגעהאָנגענע ווייס־בלאַנקענ־דיקע האַנטוכלעך.

אויף די בענקלעך, שטולן און טישן, ליגן ברעטער פאַרשפּרייטע

מיט די אויסגענייטע טישטעכלעך, און מיט דער מאַמעס מיידלש אויסגע־האַפּטענעם טישטוך איז פאַרשפּרייט דער גרויסער טיש, וואָס זיינע פרענדז ציִען זיך ביז דער ריין געוואַשענער הילצערנער דיל. נאָר פון זינט די מאַמע האָט אַראָפּגענומען פון בוידעם די פּסחדיקע כלים, רירן מיר זיך נישט פון אָרט.

אין צענטער, ביי די שולן, זאַמלען זיך פרומע כשרע ווייבער און כשרן אין געקאָכט הייס וואַסער די חמצדיקע כלים אויף פּסח. אָבער די איינוווינער ביי די ברעגן פון טייך זענען פריי פון דעם.

איז טאַקע דער טאַטע פאַרנומען מיטן כשרן די נייע פּסחדיקע כלים ביים פרילינגס טייך. אָ! די מוטערל פּינאַ! אַך, ווי מיר קינדער האָבן זי ליב! וויפל פרייד ברענגט זי אונדז אַ גאַנץ יאָר! נאָכן לערנען אַנט־לויפן מיר צו איר מיט די גליטשערס, שוועבן איבער איר פאַרפרוירן־זילבערנעם רוקן מיט די ראָז־צעגליטע באַקן. אונטער די קלאַנגען פון יינגלש־צעשפּילטע האַרמאָשקעס פלעגן מיר שטיפעריש אויסטאַנצן כל־ערליי געטענץ. שליטנס געשפּאַנטע טראָגן זיך פון ווייטע ישובים מיט באַפּעלצטע אורחים, אַנגעטוענע אין פוטערנע היטלען מיט לאַנגע וואָלענע יואַליקעס, איבער די ווייס פאַרכשופטע און אויסגעריבענע שפּיגלדיקע שליאַכן, מיט גלעקל־געקלאַנג, וואָס האָט אָפּגעהילכט אין אונדזערע קינדערשע געמיטער מיט גרענעצלאָזער פרייד...

זומער האָבן שווימענדיקע פאַראַכאָדן געפייפט און געבראַכט פּאַסאַ־זשירן פון גאָר דער וועלט, באַגלייטנדיק די באַרלינעס מיט דער שפּע פון כל המינים פּראָדוקטן פאַר שטאָטישער באַפעלקערונג. אַ נעץ פון שטילע פישער־שיפלעך האָבן אָנגעפילט די גרינע ברעגעס פון דער צעשטראַלטער שטראָמיק־פריילעכער פּינאַ — אונדזער טייך. די שול־יוגנט פלעגט איבער אים מאַכן אויספלוגן קיין טערבען, קיין סטאָלין־האָראָדאָק און שטענדיק מיט אַן אָרקעסטער־באַגלייטונג.

שטייען מיר, קינדער, ביים טובלען און כשרן די כלים און זענען פול מיט התלהבות. דער פרילינג־טייך איז נאָר וואָס באַפרייט געוואָרן פון זיינע קייטן און קומט פריילעך אָן און נעמט אייליק שטראָמען פון ערגעץ

ווייטע האָריזאָנטן, זיך צונויפֿגעגאָסן מיט שכנהשע טייכן נאָכן דורכ־לויפֿן אונדזער שטעטל.

כאַפּן מיר טשייניקעס און פֿלעשער, טונקען זיי נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל אין טייך: בולי־בולי־בולי־בולי...

אין פֿייכטער לייכטקייט טראָגן מיר די כלים פֿון טאַטן צו דער מאַמען מלא־שמחהדיק.

די מאַמע מיט פֿאַרקאַטשעטע אַרבל, אינעם נייעם ברייטן פֿאַרטוך מיט איר רויט־צעגליט פּנים, כשרט שוין צום דריטן מאָל דעם אויוון, אין דעם אויסגעפּסחטן אויוון ווערן געקאָכט אַלע שפּייזן צו דער סדר־נאַכט.

קוקט אַריין דער יונגער פֿרילינג־טאָג מיט זוניק־ליכטיקע אויגן, ווי אַ באַגריסונג פֿון אַ יוגנט־פֿרייַנד, שפּרייט זיך וואַרעם אויס אין דער געמיטלעכער ערב־פּסחדיקייט און וואַרפֿנדיק שטראַלן־פֿינגער אויף די בעטן און ווענט, וועבט ער די לעגענדאַרע האַרמאָניע פֿון יידישן שלום־בית און יום־טוב שטימונגען.

די סדר נאַכט

די רויט פאַרגאַנגענע שקיעה פון יונג צעשטראַלטן אַפּריל־טאָג, האָט זיך צניעותדיק צעקושט מיטן געהייליקטן געמיט פונעם כשרן ערב פּסח און הכנעהדיק זיך אַוועקגעגליטשט איבער דער רחבותדיקער ווייטקייט פון דער צעשפּילטער אַזיערע.

אויף פּאַרנאַכטיק גרינע פרילינג־ווינטלעך זענען אָנגעקומען צעווייטע זיסע בשמים־ריחות פון צעבליטע גראָזן־בלומען — מתנות פון נאַטור־שפע.

לכבוד דער סדר־נאַכט האָט זיך די בלאַנקנדיקע זויבערקייט פון אונ־דזער פּסחדיקער שטוב מיט אירע צעשמעקטע מאכלים פון כריין, חרוסות, פיש און קניידלעך אויסגעמישט מיט די זיסע פעלד־ריחות און אויסגע־שפּרייט אין אונדזער קינדערשן געמיט אומגעדולדיקע פרייד פון יום־טובדיקער דערוואַרטונג.

די בשותפותדיקע טאַטע־מאַמע האָבן האָט אין ליבשאַפט מיט געמישטן געשמאַק דעקאָרירט דעם יום־טוב, פון אונדזער הילצערנער שטוב אין דער גויאישער גאַס. די מאַמע מיט איר ענערגיע, מיטן אַן אשת־חילדיקן עס־טעטישן חוש פאַר ווירטשאַפט און דער טאַטע מיט זיין פאַנטאַסטישן שניצער־ און מאַלער־טאַלאַנט.

קוקן טאַקע זייַנע הומש־ און תנ״ך־בילדער מיט זייערע געלע פאַרבן אַראָפּ פון די ווייס געקאַלכטע ווענט היסטאָריש אויסטערליש: דער בית־המקדש, בערג־קייטן, ווייסע נביאים און בענטשנדיקע כהנים. אַפילו דער וואַנט־זייגער טראָגט אַ פאַרביק־פאַנטאַסטישע קרוין. עס זענען אויס־געהאָנגען געשניצטע לייבן, הירשן און מזל־דגימס...

די מאַמע האָט אַרויסגענומען פון הויכן הילצערנעם געפאַרבטן קו־פערט איר מיידלש אויסשטייער: דעם גרויסן אויסגעהאַפטענעם טיש־סערוועט מיט די שווערע פרענדז, וואָס באַמבלען זיך טיף אַראָפּ.

פאַרשפּרייט, צוגעשפּיליעט און פאַרהאַנגען זענען שוין די קיך־וועגט מיט די אויסגעניטע שפּיץ־האַנטעכער, מיט פליישיקע, מילכיקע שטשיר־קעס און כלערליי פאַרביקע סערוועטקעלעך איבער די טישלעך און בענק און בעיקר די ווייס־געדרוכקעוועטע ליילעכער אויף די בעטן, וואָס די מאַמע האָט אין ליבשאַפט צום טאַטן אויסגעהאָפטן צוזאַמען מיטן תפילין־זעקעלע, נאָך פאַר זייער החתונה.

אַ שטילע, וואַרעמע פרילינג־נאַכט האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער אונדזער יידיש שטעטל און אָנשפּאַרנדיק זיך אין דעם גאַנעק פון אונדזער פסחדיקער שטוב, אַריינגעבליקט מיט צאַרטער לבנה־שיין דורך די פינקל־דיקע שויבן. און אָנשלאָגנדיק זיך אין דעם ווייסן בלענד פון יידישן יום־טוב האָט זי אין פייערלעכער אַנטציקונג אַרומגעוועבט די קאָנטורן מיט גרויען נאַכטיקן נעפּל, אַ מחיצה צווישן אונדז און דער גויאישער גאַס...

פונעם ווייס־סערווירטן טיש בלישטשען די לייכטער, די לעפל, גאָפּל, מעסערס, דעם זיידנס זילבערנער ירושה־בעכער מיט דער געלער טאַץ, דער וווּנדערלעכער גרויסער אליהו־הנביא־כוס, די פאַרפּירערישע כוסות מיט די ברייט־בייכיקע קאַראַפינען, וואָס זענען אויס מיט זייערע לאַנגע שמאָלע העלדזער, ווי די אָנגעבלאָזענע אינדיקעס פון די אַרומיקע פריי־צישע הויפן; דאָס ארץ־ישראלדיקע מצה־זעקעלע מיטן לויתן און אויבן אָן — דאָס ווייסע הסב־בעט מיטן טיולענעם איבערדעק — פאַרן טאַטן. אַלץ איז גרייט.

מיר, קינדער, פאַלן אַריין אין אַ התפעלותדיקער פאַרטראַכטקייט. אַרומגעוואַשענע, אויסגעצוואָגענע מיט גרויסע רויטע באַנדן אין די צעפּ־לעך, שטייען מיר אַלע און דערוואַרטן אויסגעפּוצטערהייט דעם טאַטן. מיר, מיידעלעך, אין די נייע קליידעלעך, און די ברידערלעך אין די נייע גאַר־ניטורלעך מיט די צו לאַנגע הייזעלעך און צו גרויסע דאַשיקעס פון די נייע היטעלעך, וואָס פאַלן אַריבער זייערע קליינע פּנימלעך, ווי רונדע טעלער.

— אַ גוט יום־טוב! — זינגט דער טאַטע אויס ברייט, חשיבותדיק, בעת ער קומט פון שול, אָנגעטאָן יום־טובדיק, אין דעם נייעם זיידענעם היטל מיטן שוואַרץ־ריפּסענעם קאַפּאָטע־מאַנטל.

אַן עכאָ פון הייליקער פרייד שלאָגט זיך אָפּ אין אונדזערע קינדערשע הערצער — אַ גוט יום־טוב!...

די מאַמע, אינעם נייעם פּאַרוק, אין העלן זומער־קלייד מיט איר קידוש־רינג, אַ באַהאַנגענע מיט צירונג און גלאַנציקע רובינען, הויבט אָן בענטשן ליכט לייכט אַרומנעמענדיק מיט די צאַרטע ווייסע הענט דעם לופטיקן רוים פון די בלישטשענדיקע לייכטער.

אַליין אַ ליכטיקע, אַ זויבערע מיט אַ צעהעלט צניעותדיק פּנים לייכט זי חסדיק, שעפּטשעט פרום אַ ברכה פאַר אַלץ און אַלעמען. די ברכה שוועבט דורך אירע ציטערדיקע ליפּן מיט שלוה, מיט שטילן טרויער און הייליקן גלויבן...

די געמישטע יערלעכע וויינען — טאַטע־מאַמעס בשותפותדיקע פּראָדוקציע, גלאַנצן שוין אין די פולע, ארבע כוסות. בעיקר דער וואונדערלעכער אליהו הנביא בעכער, וואָס ברענגט אונדז אַריין אין גרויס צערודערונג און דערוואַרטונג און הייסט אונדז אַלע ווילע קוקן צו דער טיר...

דער טאַטע, אין ווייסן קיטל, אין ווייסע זאָקן אויף די פיס, אין ווייס־געשטריקטן ארץ־ישראל־מיץ, מיטן ווייסן גאַרטל אויף די לענדן, הויבט זיך אויף פון דעם הסב־בעט, דעם בעכער ווין אין דער רעכטער האַנט און אויסגלייכנדיק זיך אין פולער הויך, נעמט מאַכן קידוש. באַקומט זיין יראת־שמימדיק פּנים אַן ערנסט־שטרענגן אָנבליק. די גרויסע, פאַרחלומטע אויגן האַלב צוגעמאַכט, דער האַלב־קיילעכדיקער שטערן אויפגעהויבן, די ברייטע שוואַרצע באָרד ציטערט אונטער. מיר אַלע אַרום טיש קוקן אויף אים מיט השיבות און מיט קנאה. דער טאַטע, אַזאַ גרויסער! און אין דער הייליקער שטילקייט פון פסחדיק צעגלאַנצטער שטוב צעקלינגט זיך זיין הזניש פרומע שטים: „סברי מרנן ורבנן ורבותי", ווי די פלעמלדיקע ליכט פלאַמען אונדזערע באַקן און ס'ברעגען די אויגן, וואָס רייסן זיך אין דער הויך אַרויף צום טאַטן, וואָס זעט אויס ווי נישט פון דער וועלט... אַ הייליקער נביא, וואָס פאַרמיטלט צווישן אונדז און דעם רבונו של עולם...

פון דעם זעלבן האַלבן כוס ווייַן, פון וועלכן דער טאַטע האָט קידוש געמאַכט, טוען מיר אַלע אַ קליינעם זופּ.

— רחץ! — זאָגט דער טאַטע אונטערזינגענדיק — אַלע וואַשן די הענט.

— כרפס! — און פאַרטיילט לויט דער ריי אַרום טיש, די פלאַנמעסיק אויסגעלייגטע שפּייזן איבערן מצה־זעקעלע: ציבעלע, חרוסות, איי מיט זאַלץ־וואַסער. און באַלד מיטן זעלבן גינון:

— יחץ! — און צעברעכט די מיטלסטע מצה אויף צוויי העלפטן, די ערשטע העלפט פאַרטיילט ער יעדן מיט כריין, די צווייטע העלפט, דעם אפיקומן, באַהאַלט ער אונטערן קישן, פון וועלכן דאָס ברודערל נעמט נישט אַראָפּ זיין גניבישן בליק.

אַ גאַנץ יאָר וואַרט דער ברודער אויף דעם גליקלעכן מאָמענט אַרויסצוציען שטילערהייט דעם אפיקומן, ער זאָל האָבן אַ רעכט אויסצופּועלן ביים טאַטן עפּעס זיינס אַ זייער וויכטיקע בקשה, מיט וועלכער דער טאַטע מוז זיך אויסקויפן פאַרן פאַרשוווּנדענעם אפיקומן.

צעחדוהטע און צעוואַרעמטע פון וויין און ליכט זיצן מיר אין דער ריי אַרום טיש אויסגעזעצט, לויטן עלטער, מיט די פּנימער צום אויבן אָן, ווו עס זיצן אונדז אַנטקעגן צוויי געשטאַלטן,ביידע אויפגעהייטערטע, אָבער פאַרשידן זענען זיי: דעם טאַטנס פּנים שטרענג, ווי אַ מוראדיקער גאָט, וואָס בליצט מיט מוסר־אויגן, ; דער מאַמעס פּנים אָפן, ליכטיק, וואַרעם, מיט אירע אייביק שמייכלענדיקע אויגן, וואָס נעמען אַרום מיט דער שטילער גוטסקייט און פאַרקלערטער זאָרגעוודיקייט. אונדזערע קינדערשע מחשבות פלאַטערן אַרום די ביידע צעלויכטענע נפשות, ווי פלאַטערלעך אַרום נאַכטיקע לאָמפּן...

ענדלעך נעמט דער טאַטע זאָגן די הגדה, און מיר אַלע זאָגן הויך נאָך: „עבדים היינו לפרעה במצרים״...

זינגענדיק און שאָקלענדיק רייסן מיר זיך פאַמעלעך אָפּ פון דערווירקלעכקייט און ס׳קומט אונדז פאָר, אַז אונדזער שטוב איז אַ ווייסע שוועבנדיקע שיף, דער טאַטע — דער קאַפּיטאַן און מיר אַלע הוידען זיך אויף די שוימיקע כוואַליעס פון אונדזער געשיכטע...

אין אונדזערע צעפלאַמטע פאַנטאַזיעס אַנטרינען מיר פון דער שקלאַפעריי, צוזאַמען מיט משה רבינו שפּאַלטן מיר ימים און וואַנדערן אין

זאַמדיקע מדבריות; מיר זענען שוין העט, העט אונטערן סאַמע ארץ כנען, שפּאַנען מיר אַ באַפרייט פאָלק אין אייגן לאַנד אַריין פון זבת חלב ודבש...

קוריאָזן פון משפחה־טרייער ליבשאַפט

דאָס נאָרמאַלע פרידלעכע לעבן, וואָס האָט זיך געצויגן אין דורות־לאַנגער שטילקייט, האָט געשאַפן ביים פרימיטיוון שטעטלדיקן פאָלק זיין שטייגער־לעבן, זיינע עפיזאָדן און געשעענישן, זיינע ווערסיעס און זיינע קוריאָזן, זיינע משלים און פאָרשטעלונגען, וואָס איז דער אָפּקלאַנג, דער נמשל, פון זייער אַרט שטייגער־לעבן, אי פיזיש, אי מאָראַלישן, אי עקאָנאָמישן.

איך געדענק ווייניק קנאה, שנאה, מחלוקות, פאַרפאַלגונגען צווישן שכנים, ווי אין אַנדערע ישובים... דערפאַר שוועבט מיר פאַר די אויגן דאָס וואַרעמע, נאַטירלעך האַרציקע, ריינע און גינציקע ליבשאַפט, וואָס האָט געפלאַטערט און באַשטראַלט די ווייטערע דורות...

אויב מען האָט געוואָלט וויסן ביי טאָג צי אַלטע שלאָפט — איז געווען אַ סימן אַזאַ: גייט דער מלמד משה בער איבער זיין שטוב אין זאָקן מיט אַ ספר אין האַנט, ווייסט מען שוין, אַז אַלטע שלאָפט...

צו יעדער ניי־געבוירן קינד האָט שלום שמואל יאַנקלס, אין ערשטן טאָג פון קימפעט, געגעבן זיין ווייב יענטע מירלען אַ קוש...

ווען יונה, דער בעל־עגלה, איז געקומען שפעט ביי נאַכט אַהיים פון זיינע נסיעות האָט געמעגט זיין ווי קאַלט האָט ער קיין מאָל נישט אַנגעקלאַפּט אין טיר, צי אין פענצטער, כדי נישט צו שטערן זיין ווייב, הנטשען, דעם שלאָף. ער פלעגט זיך אויסציען אויפן וואָגן און אין דער פרי, פלעגט אים זיין ווייב טרעפן שלאָפן אין וואָגן אויפן הויף.

אָבער ווען יונה, איר מאַן, איז נפטר געוואָרן, האָט זיין ווייב אַרויס־געצויגן פון אונטער זיך די וואַרעמע פערינע און קישן און שוין שטענדיק געשלאָפן אויף די האַרטע ברעטער. ווען מען האָט זי געפרעגט, פאַר וואָס זי פייניקט זיך אַזוי, האָט זי געענטפערט:

— אויב ער ליגט אין דרערד, טאָר איך פון מיין לעבן קיין הנאה נישט האָבן...

אַן אַלט פאָר האָט געוווינט נישט ווייט פון אונדז. ווי אַזוי זיי האָבן געהייסן, געדענק איך שוין נישט.

ווען די אַלטע פלעגט קראַנק ווערן, פלעגט ער מיט די דריבנע פיסעלעך לויפן גיך, גיך אין קיך אַריין, אויפשטעלן דעם סאַמאָוואַר און אין גרויס איילעניש אָנגיסן פאַר איר אַ גלאָז טיי מיט צוקער. מישנדיק די טיי, פלעגט ער זי בעטן מיט גרויס געטריישאַפט, אין אַזאַ לשון:

— טרינק, טרינק, אַ שד אין דיין טאַטן אַריין! טרינק טרינק, אַ שד אין דיין טאַטנס טאַטן אַריין און מיט דיין מאַמען פאַרבראָקט!

ווען די אַלטע רביצין איז געגאַנגען צום ברונעם שעפּן וואַסער זענען די שכנים אַרויסגעלאָפן און אַרויסגעכאַפּט פון אירע הענט דעם עמער און אַוועקגעטראָגן צו איר אין שטוב...

ווען אַ פרוי איז געגאַנגען שווער צו קינד האָבן שכנים געפּאַסט, ביז זי האָט געבוירן.

די הון

זומער. אַ וואַרעמער, העל צעלויכטענער יוני־טאָג. די גערטנער אַרום האָבן זיך צעבליט און שטייען אין זייער פולער פּראַכט. די לופט, אָן אָנ־געגעמע מיט זיס־וויניקע ריחות פון באַרן, עפּל, פלוימען און ווייַנשל, וואָס גייען אויף אין שוואַנגערדיקן געבורט. פון שורות בייטן איבער שוואַרצער פוכיקער ערד הייבן זיך אויף בלומען קעפּלעך, ווי קינדער פון מאַמעס שויס אַרויס און בליקן חנוודיק צו זוניקער בלויקייט אַרויף און מיט דעם רייץ פון זייער פיל־פאַרביקייט פאַרשפּרייטן זיי אַרום דעם זיסן אַראָמאַט פון זייער לופטיקן אָטעם.

איבער די באַזוניקטע שפּיצן ביימער אין גאָלדיקער בלויקייט שוועבן אַרום טויבן־פּאָרן און שפּילן זיך אין אַ קאַראַהאָד... ווייסע, אויסגעצ־דאַרטע בוישלען מיט לאַנגע העלדזער, טראָגן זיך פון יענער זייט טייך מיט די ווערים־שפּייז אין זייערע לאַנגע רויטע שנאָבלען פאַר זייערע קינדער און מיט די שוואַרצע פליגלען שוועבן זיי אין דער תכלת לופט איילנדיק צו זייערע פאַמיליע־נעסטן. באַלד הערן זיך שוין זייערע שנאָבל־קלאַפּערייען, וואָס זאָגן אָן דעם אַרום די שאַלנדיקע בשורה ווען זייער זאַטע, געהויבענע היימען אויף די שטרויענע דעכער...

אונטן, אין דער זאַמדיקער גאַס שפּילן זיך קינדער. פון חיים שמידס ברונעם טראָגן זיך הילכיקע געלעכטערס פון די שטיפעריקעס, וואָס פילן אָן דעם אַרום מיט יוגנט־פרייד.

אַ שטיל, פליסיק געזאַנג גייט אויף פון די שווימענדיקע פישער־שיפלעך איבער דער שפּיגלדיקער אָזיערע, אַרום וועלכער עס פיטערן זיך סטאַדעס געגנדז, קאַטשקעס מיט זייער שווימענדיקן קליינוואַרג. יונגע פרויען מיט טיכלעך אויף די קעפּ שטייען האַלב אין טייך און וואַשן זייער וועש. די פולבייכיקע קי פון פעלד דרייען צו זיי אַלע ווילע אויס די קעפּ

און פֿאַרגייען זיך אין א לאַנגן מור־ור־ו, ווי אַנזאָגנדיק וועגן דער שפע פון זייערע פולע אייטערס...

אַ פֿאַרטראַכטער און פֿאַרבענקטער קוקט דער פעלד־פֿאַסטוך צו די ווייטע האָריזאָנטן און פֿאַרציט אויף זיין מויל־האַרמאָשקע אַ פֿאַרבענקטע מעלאָדיע, וואָס גיסט זיך צענויף מיט די שטעטלדיקע קלאַנגען אין איין האַרמאָניע פון שיינקייט, פון פרידן און זיכערקייט.

ביי אונדזער שטוב ליגט די גרויע קאַץ און וואַרעמט זיך אַנטקעגן דער זון. אירע פיסלעך זענען פויל צעוואָרפן, צעכראַשטשעט מיטן בויך אַרויף און פיבטלענדיק מיט די גרינע קעצישע אויגן שלינגט זי פליגן. ווו נישט ווו, אַרום דער שטוביקער פריזבע, שאַרט זיך אַן איינזאַם הינדל, מאַכט מיט די פיסלעך אַ גריבל אין זאַמד און פּיקט אַרויס די געפונענע קערנער. הינטער דער שטוב קוואָקעט די ראַבע הון, די מאַמע פון צען הינדלעך, קוואָ, קוואָ, קוואָ!

די הינדלעך, צעשפּרייטע איבער הויפישע גערטנער, לויפן פון אַלע זייטן, זאַמלען זיך מיט זייערע געל ציטערדיקע גופימלעך, באַוואָקסענע מיט צאַרטע הערעלעך, ווי דין זיידענע פעדימלעך; לויפן, לויפן מיט די פּיטשימאָנטשיקע ראָזע פיסעלעך און מיטן צאַרטן פּישטשענדיקן ציף, ציף. רינגלען אַרום די מאַמע זייערע, וואָס קוואָקעט און רופט אויף הינער־לשון, פּיקט אומגעדולדיק און דרייט דעם קאָפּ אַלע ווייל׳ע אין אַן אַנדער זייט, צו אַן אַנדערער מאַמע־הון אַ פונאַנדערגעבלאָזענע, אַ צע־גליטע, די פעדערן אויסגעשטרעקט, ווי צאַרטע פינגער פון ליבשאַפט, פון איר הייס צעשטראַלטער מוטערשאַפט. זי צעשפּרייט אין שטומער באַ־גייסטערונג אירע ברייט־צעפּאַכטע פליגל, צערוקט ברייטער אירע געל פלאַטערדיקע פיסלעך און אין שטילער נחתדיקער הנאה שטייט זי אין הייליקער דערוואַרטונג....

שאַרט זיך דאָס קליינוואַרג פאַמעלעך אונטער איר, ניורען און טוליען זיך צו איר הייס־פעדערדיק לייב און וואָרקען, פּישטשען, גאָדערן, ווי קליינע זויגנדיקע קינדער, וואָס דרימלען ביי דער מאַמעס ברוסט...

מיין מאַמע אין ווייסן, ברייטן פאַרטעך, מיט דעם געפּרעסטן ווייסן טיכל אויפן בלאָנדן קאָפּ, מיטן ראָזן פרישן געזונטן פנים, האָט

זיך שוין אָפּגעפּאָרעט מיט דער קיך. דער פּאַרטיקער וואָרמעס פון פרישע אָזיערע־פישלעך און מילכיקער רעטשענער קאַשע, דאָס קיילעכדיק שוואַרץ־ראַזאָווע ברויט האָט די מאַמע שוין מיט דער הילצערנער לאָפּאַטע אַרויסגענומען פון אויוון און צעלייגט אויפן בעט אונטערשפּרייטנדיק ווייסע דאָרפישע לייוונטענע טישטעכער.

מיט אַ מאָל טוט זיך די מאַמע אַ כאַפּ:

— קינדער! — זאָגט זי צו אונדז — ווו איז די ווייסע הון? שוין עטלעכע טעג, אַז זי לייגט זיך נישט אויפן אַלטן אָרט. מען מוז שוין גיין נאָכשפּירן דער הון. זי איז געוואָרן אַזאַ לויפערקע איבער פרעמדע הויפן, אַז זי פאַרגעסט שוין אַהיים צו קומען.

נו, האָבן מיר, קינדער, זיך צעלאָזן איבער דער גאַס זוכן אונדזער הון, אונדזער ווייסע הון, וואָס איז געדיכט באַוואָקסן מיט שניי־ווייסע פעדערן, פאַרמאָגט ברייטע שטאַרק־צעוואָקסענע פליגל, ווען זי גיט מיט זיי אַ פאָכעדיקן פלי ווערט אַזש אַ ווינט אַרום און אַרום איר. זי האָט אַ הויכן שטאָלצן האַלדז און אַ בלוט־רויטן קאַם. די רויט־באַברעמטע אויגן זענען פול אָנגעגאָסן, גלאַנצן מיט ענערגיע, קראַפט און חוצ־פּהדיקער גיריקייט... לויפט זי לעצטנס אַרום איבער פרעמדע הויפן, פּיקט הינער איבער די קעפּ און עסט אויף זייערע חלקים שפּייז. חוץ דעם שפּילט זי זיך מיטן גרויסן גאַלעגוצקן האָן, וואָס אויף זיין קו־קו־ריקו כאַפּט זיך אויף די גאַנצע געגנט אַרום פון טיפן שלאָף. אונדזער הון איז צעווילדעוועט געוואָרן, אַ הולטאַיקע, וואָס לויפט אַרום אין דער פרעמד און לייגט ערגעץ ווו אַנדערש אירע אייער.

נאָכן אַריינלאָקן זי אין הויף שטייט די מאַמע, אין אַ זייט פּאַרטייעט און וואַרט. ווען זי האָט אויסגעפּיקט די אָנגעגרייטע צעשאָטענע קערנער אין ווילדער בורטשעניש, האָט זי שווייגנדיק אויפגעהויבן דעם טשובע־וואַטן קאָפּ און געגומען אים דרייען אין אַלע זייטן, ווי איינער זאָגט: נו, וווּהין גייט מען איצטער?... און אַ זאַטינקע האָט זי זיך גענומען אַרויסשאַרן פון הויף. אָבער די מאַמע נאָך איר. זי — לענגאויס דער גאַס, די מאַמע — נאָך איר! די הון איז שטיין געבליבן ביי אַ הויכער שוועל פון אַ גרויסן הויף מיט אַ רייכער טשאַטע פון אַ סך עופות, וואָס געהערט

צו דער רייכער גוט־באַזיצערינס שוועסטער — באַרבאַראַ. די מאַמע האָט זיך באַהאַלטן אונטערן געדיכטן באַרנבוים און איר נאָכגעקוקט.

די הון האָט זיך מיט די פליגל אונטערגעהויבן און אַריבערגעשפּרונגען די דראָנגענע הילצערנע שוועל, געבליבן שטיין אַ ווײַלע און אַ דרייַ געטאָן מיטן קעפּל, ווי געוואָלט אָפּרוען פונעם איבערגעלאָדענעם גע־מיט, וואָס טרייבט זי... זי ווייס, אַז אַלע מאָל איז ער דאָ!... און אָט, ווי אין אַלע נעכטנס, שטייט די גראָבע סטעפּאַ, וואָס אַרבעט דאָ אין דער גרויסער, אַלטער שטוב און שיט פונאַנדער אין מיטן הויף פון אַ זעקל די קערנער און פון די גרויסע שטייגן אַרום די קלאַדאָוקעס און שטאַלן שיטן זיך אַרויס פאַרשידן־ראַסיקע הינער. זיי לויפן הונגעריקע צום בערגל אָנגעשאָטענעם פּראָסע און ער, דער גאַלאַגוצקער האָן אירער, טראָגט זיך פון ערגעץ אויף זײַנע הויכע שטאַרקע פּיס אַליין מיטן שטאָלצן קאָפּ פאָראויס און אַ זיכערער מיט דער גאווה פון אַ יוסטן בעל־הבית, רוקט ער זיך אַריין אין דעם גאַנצן געזעמל פּיקנדיקע הינער...

אַ שטראַל פון יוגנטלעכער פרייד האָט אַ זעץ געטאָן אין אירע רונד־ווייכע, פאַרבענקטע הינער־אויגן. אינסטינקטיוו האָט זי זיך גענומען באַוועגן פאָראויס, פאָראויס צו דער קאָלעקטיווער הינער־חברותא און געהערט זייער הונגעריק גיריקן שנאָבל פּיקעריי, באַגלייט מיט אַ נער־וועזן ציטערדיקן: קאַ־קאַ־קאַ! פון די שטאַרקערע איבער די שוואַכערע הינער, וואָס האָבן זיי פּיקנדיק איבער די קעפּ געפּרוווט אַרויסשטויסן...

מיט פאַרזיכטיקער נייגעריקייט האָט די הון אויפגעהויבן העכער אַ ביסל דעם קאָפּ און פאַרשעריש נאָכגעבליקט נאָך די באַוועגונגען, פון איר יוגנטלעכן פאַרטנער... האָט זי אין אייפערדיקן אויפציטער דערזען, ווי דער שענסטער און פּרעכטיקסטער פון אַלע אירע חברים־הענער, האָט זיך הערשעריש אַרײַנגערוקט אינעם געדיכטן קרייז פון די שורות עסנדיקע הינער, דעם רויט פאַרוואָקסענעם קאָפּ מיטן בלוטיקן קאַם אַראָפּגעלאָזן נידעריק, דער צעוואָקסענער גוף זײַנער מיט די פאַרביקע פעדערן, ווי חתונה־לענטעס און די צעפּעכערטע טויזנטפאַרביקע פעדערן פון זיין עק, ווי ביי אַ פאַרביקער פּאַווע, האָבן זיך צעשטראַלט קעגן דעם צעבליטן זומער טאָג מיט פיבערדיקן רייץ, מיט שטום־רעדנדיקן כישוף און רוף...

און אַזוי איז ער עטלעכע מאָל אַרויסגעפלויגן פון דער שורה און אַריין אין אַ צווייטער, ביז כמעט אינעם גאַנצן אַרומיקן קרייז. איז ער אַרויס אַ זאַטער, ווי אַ צעטאַנצטער פון שמחה, אַ צערוישטער פון לוסט און בענקשאַפט נאָך זיין אינטימער פריינדין. ער האָט זיך אויסגעגלייכט, האָט זי דערזען, זי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, גלייך זי זעט אים נישט... נאָר גאַרנדיק אָנגעהויבן שטיל־שטיל צו גליען...

ער האָט זיך אָנגעהויבן דערווייטערן פון יענע הינער און איר אַנטקעגן גיין. דער האַלב־רונדער שטייפער קאַם האָט זיך אָנגעצונדן און די אויגן האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט גלאַנץ פון אַנטשטייענדיקער ווילנס־קראַפט....

זי האָט געגומען אָפּציען. צו אַלעם ערשט פּאַמעלעך, פּאַמעלעך. און ער נאָך איר ביז זי האָט אָנגעהויבן לויפן. ער נאָך מער צערייצט האָט איר געגומען נאָכיאָגן: קאַ־קאַ־קאַ! זע נאָר, דאָס צנועהלע, וואָס זי מאַכט זיך!... ענדלעך האָט ער זי מיט צערוישטן אויפברויז דעריאָגט... זי איז מאַכטלאָז געבליבן שטיין ווי פאַרחלשט: דעם עק אַראָפּגעלאָזט, דעם גוף נידעריק אויסגעשפּרייט, ווי מאַכנדיק פאַר אים אַ פּאַרטיקע נעסט פאַר זיין אַרויפשפרונג...

צעשיידנדיק זיך, איז יעדער אַוועק אויף זיין וועג. ער, דער גאָלע־גוצקער האָן, איז באַלד אויפגעשפרונגען אויפן הויכן פּלויט פונעם פאַר־צוימטן גאָרטן, זיך אויסגעגלייכט אין זיין גאַנצער מענערישער גבורה און דער בלוטיקער לעבנס־פולער קאַם אויפן קאָפּ האָט זיך קעגן דער זון צעשטראַלט, ווי אַ קרוין פון אַ הערשנדיקן פירשט. ביידע מעכטיקע פליגלען זיינע האָבן צוויי מאָל אַ פּאָכע און אַ קלאַפּ געטאָן און זיין צעקלונגענע הערשער־שטים האָט מאַיעסטעטיש אויסגעזונגען זיין פריידיקן נצחון קו־קו־רי־קו־ו־ו־ו!!!...

זי, די הון, האָט זיך פאַרשטעקט אין אַ ווייט פאַרווקטן ווינקל פון הויף, דורך אַ קוים אָנזעעוודיקן טונקעלן איינגאַנג, וואָס די מאַמע נאָכ־פאָלגנדיק איר, האָט זיך נאָך איר קוים אַריינגעשפּאַרט. אַריינקומענדיק טיפער אין שטאָל האָט די הון זיך אַרומגעקוקט און גענומען אויסזינגען אַ טרו־טרו־רו, אַזאַ זיס צאַרט שטיל געזאַנג. ווי פון טיפער זעלישקייט

אַ קלאַפּ געטאָן מיטן פליגל און אַריין נאָך טיפער. זי איז שטיין געבליבן און זיך צוגעהערט צי קיינער הערט זי נישט. אַ שפרונג געטאָן אויפן ערשטן טרעפּל און געבליבן שטיין אויפן לייטער איינגעבויגן זייטיק־קאָסע דאָס קעפּל אין דער הויך אַרויף און געטאָן נאָך אַ שפרונג איבער עטלעכע טרעפּלעך, שטיין געבליבן און פאַרטראַכט זיך...

וועגן וואָס טראַכט זי, די הון אונדזערע? צי טראַכט זי וועגן דעם יוונדערלעכסטן האָן, דעם חבר אירן? צי אפשר האָט זי זיך פאַרבענקט נאָך איר פאַרגאַנגענהייט אונטער איר מאַמעס פליגלען? צי צו די ערשטע יוגנט־טריט, ווען די מאַמע האָט איר פאַרלאָזט, געבליבן אַליין, איינזאַם... אך די לעבעדיקע יתומים! ווי מוראדיק טראַגיש די גאַנצע טשאַטע־משפחה אירע איז אומגעקומען. די שוועסטערלעך און ברידערלעך, ווו זענען זיי פאַרשוווּנדן?! אַ טייל פון שטשורעס צי טכוירן אויסגע־דישעט; צוויי האָבן קעץ אויפגעגעסן, דריי זענען אין ברונעם אַריינגע־פאַלן, אַנדערע זענען צעטרעטן געוואָרן, צוויי האָט מען געשחטן — געקאַכט פאַר משהלען אַ יאַיכעלע, און זי איז געבליבן אַליין אויף דער וועלט. פון די גערטנער האָט מען זי אַרויסגעטריבן, די עלטערע הינער האָבן זי צעבלוטיקט, ביז ס'האָט זיך אויף איר מיין גוטע מאַמע דער־באַרעמט און גענומען זי אונטער איר שוץ, גענומען איר געבן גערשטן, הירזש, שטיקלעך ברויט ביז זי איז אויסגעוואַקסן אַ גרויסע שיינע און געזונטע הון.

אַלע העגער שלאָגן זיך פאַר איר. זי איז די שענסטע און פלינקסטע הון אין שטעטל... זי האָט שוין אַפילו אויסגעפּירט אַ דור. האָט מען אירע הינדלעך צעכאַפּט אויף וווּנדער... און אויף אירע אייער זענען פאַראַן אַ סך בעלנים.

צו דער מאַמען, איר דערציערין, פילט זי אַ טיפע ליבשאַפט. פלוצים האָט די הון אַ דריי געטאָן דעם קאָפּ אירן אויף הינטן און זיך באַגעגנט מיט איר באַכשפירערין, מיט דער מאַמען. איז זי נישט אַנטלאָפן, נאָר זיך אויסגעדרייט מיטן פאַרנט צו דער מאַמען.ביידע האָבן זיך פּייערלעך אָנגעקוקט, ביידע מאַמעס — צוויי חברטעס!...

דער מאַמעס טיף בלויע אויגן האָבן זיך שטראַלנדיק צעשמייכלט ווי צו אַן אייגענער האַדוליע.

די הון ווידער אָנקוקנדיק דער מאַמען האָט זיך צעקוואָקעט, ווי אין אַ הייליקער תּפילה פון איר שטומער קינדיש־הינערשער־ליבשאַפט.

זי האָט זיך אויפגעהויבן מיט אַ מין צניעותדיקן שטאָלץ און אַ צע־זונגענע, ווי צו אַ הייליקער עבודה, אַרויפגעגאַנגען צום געבורט — לייגן אַן איי...

פנחס שוחטס שטוב

אַן אַרויסגערוקטע, מיט אַ משופּעדיק דעכל איבערן פּאָדערשטן וועד־ראַנדע־בריקל, איז פּנחסעס העל־ברוינע שטוב. זי איז געשטאַנען פּריילעך אין דער יידישער גאַס און מיט די ווייסע האַלב־פּאַררוקטע פּאָרהענגלעך חנעוודיק אַרויסגעקוקט דורך די פענצטער און באַטראַכט גוטמוטיק די דורכגייער.

פון איין זייט, ווי אַ יינגערע שוועסטער, האָט זיך הויך און ברייט אויפגעהויבן מיט אַ רחבותדיקער נייקייט מרדכי באָטאָווערס שטוב און פון דער צווייטער זייט — בערל דעם שניידערס. אַנטקעגנאיבער שמור־אַלקע דעם שוסטערס, און בעיקר — מנחם לעמקעס, וואָס אויף זיין בריקל האָט געשווינבלט און געגריבלט מיט לעבעדיקע שטיפערישע בלומען — מנחמס קינדערלעך.

פּנחס דעם שוחטס שטוב איז געווען מער אַ קהלשע, ווי אַ פּריוואַטע. תמיד האָט געררוישט דאָרט, ווי אין אַ בינשטאָק. די שטוב איז געווען אַפילו אין איר וואָכעדיקייט פול מיט שבת און יום טוב. פון אַלע זייטן האָט מען זיך אַהין געצויגן: סיי פון שטעטל, סיי פון דער אַרומיקער דאָרפישער סביבה. געקומען איז מען צו אים, ווי צו אַ שוחט און ווי צו אַן עלטסטן פון שטעטל, און בעיקר, ווי צום נעסט פון חסידות — די היים פון פּאָהאָסטער און סטאָלינער חסידים.

פּנחס, אַ קליינוווקסיקער, מיט אַ ביסל אַן אויסגעבויגענעם רוקן, אַ מילד, בלאַס, שמייכלענדיקן פּנים, אַרומגענומען ווי מיט אַ קראַנץ געדיכט־געקרייזלטע ווייסע פּיאות און נאָך ווייסער קורץ־, שיטער־וואַקסנדיק בערדל. נאָר אונטערן געקאַרבעטן שטערן האָבן אַרויסגעשיינט זיינע בלויע צעלויכטענע אויגן, מיט טיפער חכמה, ווירדיקער פּשטות און ברייט מענטשלעכער פריינדשאַפט...

זיין ווייב, דינה, די שוחסקע, ווי מען האָט זי גערופן אין שטעטל — אַ הויכע, ברייט־פּלייציקע און בייכיקע מיט אַן אייגנגעפאַלענער ברוסט איז געווען אַן אָנגעבלאָזענע, אַ כריפּליאַווע און הוסטנדיקע יידענע. איר גרויס פּנים איז געווען געל־געפּאַלדעוועט, אירע דינע ליפּן פאַרשטשימעט און די אויגן פאַרקוועטשט, אַז מער ווי אַ פּאָר דינע שפּעלטעלעך האָט מען נישט אַרויסגעזען. תמיד האָט זי זיך געהאַלטן אין איר פאַרמאַכטן אַלקיר און אַ פאַרשטיקטער קרעכץ ווי אַן עכאָ פלעגט פאַרבלאָנדזשען פון דאָרטן צום אויבן אָן ווו איר מאַן, פּנחס, איז געזעסן.

נאָר, אַז די טיר פון איר שלאָף־צימער פלעגט זיך אַ מאָל אַן עפן טאָן מיט פאַרדומפּענע ריחות פון זאַלבן און לייכעטץ, פלעגט זיך דינה באַווייזן און זיך נעמען שאַרן איבערן גרויסן, קוואַדראַטנעם עס־צימער, פלעגט זי בייז און קרענקלעך באַקוקן די שטוב, באַטראַכטנדיק אַלעמען מיט גלאַנציק־שמאָלע אויגן; די אַקסלען הויך געהויבן, דאָס שוואַרצע קאָפּ־טיכל פונאַנדערגעבונדן, דאָס פּנים אויסגעשטרעקט פאַראויס, ווי וועלנדיק אַריינזאַפּן וואָס מער לופט,ביידע הענט אין קולאַקעס אויף די באָקעס (זייטן), ווי וועלנדיק פעסט איינהאַלטן די אַסטמעדיקע לונגען זאָלן נישט צעפּלויגן ווערן — אין דעם טונקעלן פאַרקליבענעם קלייד פלעגט זי אַריינשאַרן זיך אין דער לאַנגער טונקעלער קיך, פייפנדיק אויף אַלע פאַרשטיקטע טענער...

אויב עס פלעגט איר ווערן אַ ביסל לייכטער דער אָטעם, פלעגט זי צוגיין צום רויטן הילצערנעם טיש, וואָס איז געשטאַנען באַדעקט מיטן דאַרפיש־לייוונטענעם טישטוך, עפענען אַ ספר, אַריינקוקן, צוגיין צום פענצטער און מיטן קלוגן פּנים אויפמערקזאַם אַרויסקוקן אין דרויסן. דערנאָך פלעגט זי זיך אויסדרייען מיטן פּנים צוריק, אַוועקזעצן זיך אויפן שכיץ בענקל, אָנהייבן רעדן, אויספרעגן זיך ביי דער טאָכטער יענטע, און ביי די אייניקלעך וועגן אַלץ, וואָס איר האָט אינטערעסירט. צום סוף פלעגט זי זיך ווענדן צו איר מאַן און אַ פרעג טאָן: — „הערסטע! ווען בענטשט מען היינטיקן פריטיק ליכט?“ און מיטן עגטפער אַריין צוריק אין איר אַלקיר.

אָבער מערסטנטייל האָבן די בראָנכיט־אַטאַקעס אָנגעהאַלטן זייער

לאַנג, דעמאָלט האָט זיך דינה די שוחטקע אַרויסגעשאַרט מיט די דינע אַלטע שטעק־שיך פון איר אַלקיר מיטן אויפגעהויבענעם טיכל אויפן שפּיץ קאָפּ און אין דעם ברייטן קלייד, ווי אַ צעלאָזענע קוואָקע אַרומגיין איבער דער שטוב און שעלטן דעם שדכן: „אַז אין אַלץ איז ער שולדיק! באַגראָבענע יאָרן זאָל ער דאָרטן האָבן, דער ימח שמוניק, דער שדכן, ווי ער האָט מיך באַגראָבן און באַשאָטן לעבעדיקערהייט און אַריינגע־בראַכט מיר אַהער אין שטעטל אַריין צום כף־הקלעניק"...

יענטע, פּנחסעס טאָכטער, אַ קליינע, אַ דאַרע — אַ הויפן ביינער מיט אַ קנאָכיק־הויטיק פּנים און רויע אומעטיקע האַרבסט־אויגן, מיט שאַרפע אויסדרוקספולע געזיכטס־שטריכן. אין די ווינטערן ווען די פּאָליע־סיער פרעסט האָבן אַ גוטן נעם געטאָן, איז זי געגאַנגען, ווי אַ לעבעדיקע באַוועגלעכע פערענע — אַ לייבל אויף אַ לייבל, בלוזע אויף קאָפּטע, קלייד אויף קלייד אין לאַנגע וואָלענע וואָליקעס אויף די פיס, פלעגט זי זיצן ביי דער הייסער הרובע און שרייען: „איך ווער דאָך דערפרוירן". אַפילו אין מיטן זומער זענען די וואָליקעס נישט אַראָפּ פון אירע פיס...

אָבער מיין מאַמע פלעגט זאָגן אויף איר: אַזאַ ציכטיקע ליכטיקע בעל־הביתטע, ווי יענטע, דאַרף מען זוכן, אין שטוב איז שטענדיק ריין און איר געבעקס אויף שבת איז אַזוי געראָטן און גרינג, כאָטש נעם און גיב אַ בלאָז — פליט עס מיטן ווינט!...

משה מאיר, יענטעס מאַן, וואָס האָט איבערגענומען די שחיטה פון זיין שווער פּנחס, איז אַ הויכער, אַ גלייכער און זייער אַ שיינער. אַ טראָט האָט ער געהאַט אַ לייכטן, אַ רויקן. זיין ברוין־ראָזלעך פּנים האָט באַצירט אַ קאַשטאַן־ברוינע באָרד און פּיאות. דער אויסדרוק פון זיינע געזיכט־שטריכן האָט געאָטעמט מיט פרישקייט, חכמה און לייכטער איראָניע אין די אויגן זענען געווען: טונקל־ברוינע, גרויסע, ווי צוויי גליאיקע קוילן. ביי פּנחסן זענען אַלע זין געווען שיינע, ווי אויך די טעכטער, אָבער ביי משה מאירן איז נאָר איין זון אין אים אַריינגעראָטן — יאָסל.

די טיר ביי פּנחס דעם שוחט רוט נישט: אַריין — אַרויס. ווען משה מאיר קומט פון זיינע פּריוואַטע קצבים, וואַרטן שוין אין שטוב ווייבער

מיט עופות. אַ גאַנצע וואָך ברענגט מען צו שחטן הינער, גענדז און קאַטשקעס בלויז פאַר אַלטע לייט און קראַנקע, צו קאָכן יאַיכלעך פאַר זיי. אָבער ערב שבת — פאַר אַלעמען. ישובניקעס פון די דערפער ברענגען קעלבער, ציגן, שעפסן און כלערליי עופות; בעיקר די יונגע, קליינע ציגעלעך. זיי פלעגט מען כמעט נישט בינדן, ווייסע לייכטינקע, ווי פון שוועבעדיקע שנייעלעך צוזאַמענגעוועבט, פלעגן זיי חנעוודיק מיט פוכיקע פנימלעך און דינע אויפשטייגנדיקע הערנערלעך, ווי קרויגען פון יונגע הירשעלעך אַרומלויפן איבער דער גרויסער טונקעלער קיך מיט אַ פאַר־ווירטן מע־מע־מע!...

שפעטער פלעגן זיי שוין ליגן אומשולדיק געשאָכטן...

חוץ דעם, זענען געווען קהלשע עניִים: חזנים, מלמדים, שמשים און סתם יורדים, וואָס אויך צו זיי האָט מען געדאַרפט צולייגן אַן אויער... אויסהערן און געבן עצות, בקשות פון סתם פריינד, עניִים וועגן קינדער, שידוכים, אלמנות, יתומים. אַלע מאָל פלעגן קומען אורחים, מגידים, שלוחים פון כלערליי חברות. מען פלעגט זיי מוזן איינאָרדענען צי אַליין אַרויסגיין מיט זיי איבערן שטעטל.

די רו פלעגט זיך איינשטעלן ביי פנחסן נאָר ווען דער הייליקער שבת איז געקומען. דעמאָלט איז דאָס גאַנצע געזינדל געווען פאַרזאַמלט אַרום דעם שבת־טיש, און דאָס קליין יידעלע איז אויסגעוואַקסן אין ליב־שאַפט און חשיבות ביים שבתדיקן טיש, ווייס און ליכטיק — דער גרעסטער און עלטסטער פאָטער פון דעם געבענטשטן הויז־געזינד — פון דער משפחה — פנחס דער שוחט.

אַלע שבת פאַר נאַכט פלעגן זיך די סטאָלינער חסידים זאַמלען צו שלוש־סעודות, ביי פנחסן אין שטוב. זיי פלעגן קומען פאַרשידן אין זייער אויסזען, אין זייער שטאַנד און לבוש. אַלע שלוהדיקע, פרום, שטיל־גלויביקע און זוכנדיקע ליבשאַפט. געווען זענען צווישן זיי לומדים, סופרים, בעלי־מנגנים, פשטל־ און חכמה־זאָגער און שטילע נאָכגייענדיקע צוהערער — עמך, אַרבעטער, קרעמער, רייזנדע און דאָרפסגייער.

פנחסעס שטוב איז שבתדיק אויפגערוימט. יענטע אין שבתדיקן קלייד, אין טונקעלן שייטל אויפן קאָפּ, דערלאַנגט צום טיש חלות, מען זאָל

זיך וואַשן און מאַכן אַ ברכה אויף אַ כזית, מען זאָל קענען בענטשן במזומן. די אַלטע דינה זיצט אין שבתדיקן קאַפּטל. אויפן קאָפּ דאָס געבלימלטע קאָפּ־טיכל, ביי זיך אויפן בעט, אַ באַרואיקטע, די פּיס אַראָפּ־געלאָזט אויף אַ קליין פוס־בענקעלע און לייענט פון אַ ברוין, פאַרגעלטן טייטש־חומש די סדרה פון דער וואָך. די אייניקלעך שפּילן זיך אין דרויסן מיט חברים און חברטעס.

לעמקע, פּנחסעס חבר באַוויזט זיך איבער דער שוועל. פּנחס הויבט זיך אויף פון זיין אויבן אָן און גייט אים אַנטקעגן. אים, דעם זיידן פון אַ שפּאַן ביסל אייניקלעך. לעמקע, אַ ייד העכער פון מיטעלן וווקס, אַ ברייט־פּלייציקער, אין אַ שוואַרצן, לאַנגן ריפּסענעם קאַפּטן מיט זיין שיינער ברייטער ברוינלעך זילבער־באָרד און איידעלן פּנים, ווערט גע־פירט פון פּנחסן אונטערן אָרעם צום טיש.

עס באַוויזט זיך משה בער מלמד אויך עפּעס העכער פון מיטעלן וווקס, אין אַ שוואַרץ־זיידענעם דענקאָוון היטל אויף אַ סאַמעטענער יאַר־מולקע. פון זיין לאַנגן אַלפּאַגענעם קאַפּטן זעען זיך אַרויס פון פאָרנט די ווייסע ציצית פון טלית קטן... און אונטער דער טונקל געקרייזלטער באָרד שעמערירט דער אויסגעלייגטער קאָלנער פון זיין ווייס העמד. זיינע גרויסע בלויע אויגן, פון אונטער דעם לומדישן געקאַרבטן טיף־ווינקלדיקן שטערן, גלאַנצן מיטן געמיט פון שבת־רו און פאַרטראַכטער דערהויבנקייט...

מנחם בעל מנגן, דער נאָענטסטער שכן, קומט אַריין שטיל און באַשיידן, ווי צו זיך אין שטוב. מנחם איז אַ בלאָנדער, אַ מיטלווקסיקער מיט אַן איידל בלאַס פּנים און בלויע שטילע אויגן, וואָס שמייכלען מיט שטילער חכמה, אַ מטופּל מיט אַ שטוב וווּנדערלעכע קינדער, ציט ער זיין היונה פון דאָרף. די גאַנצע וואָך איז ער נישט אין דער היים. ער פלעגט אַרומפאָרן צווישן די דערפער מיט סחורות פאַר גויאים. וואַנדערנדיק אַזוי איבער די פעלדער און וועלדער פלעגט ער פאַרפאַסן זיינע נגונים און אַריינוועבן אין זיי דעם אומעט פון פּאַליעסיער לאַנדשאַפט און די בענקשאַפט פון אַ וואָגלענדיקן ייד און מיט דער זיסער האַרציקייט פון זיין איידעלער נשמה און פאָלקסטימלעכן גלויבן פון דער יידישער אמונה...

אויף יעדן שבת פלעגט מנחם ברענגען זיינע חסידים אַ פרישן ניגון — אַ מתנה. צוערשט האָט ער דעם ניגון געבראַכט צום חסידישן טיש, ביי פּנחסן און ווען אַלע האָבן דעם ניגון אויפגעכאַפּט און נאָכגעזונגען, איז דער ניגון דערגאַנגען צום צענטער, צו די טישן פון סטאָלינער הויף, צום רבין ר׳ ישראלקען. אַזוי זענען מנחמס ניגונים געזונגען און אויס־געטאַנצט געוואָרן אין שטעט און שטעטלעך, איבער גאַנץ פּאָליעסיע, וואָ־לין, ווייסרוסלאַנד און פּוילן ביי חסידים־טישן און אויף יידישע חתונות.

ס׳איז אויך אַריינגעקומען חאַצקל ראָזענבערג, דער פישער. אַ יוסטער בעל־הבית מיט פיל הצלחה, גאָט האָט אים געבענטשט מיט שיינע, געראָ־טענע זין און טעכטער. אין זיין געמויערטער, גרויער שטוב, האָט געהערשט נחת פון קינדער און שפע פון פרנסה. חצקאל האָט געהאַלטן די אָזיערעס אין אַרענדע. ער און זיינע קינדער זענען געווען באַשעפטיקט מיט די טראַנספּאָרטן פיש. ער האָט אויך געהאַט אויף צעטיילן צדקה און העלפן אַלמנות און יתומים.

דער רבי פלעגט איינשטיין ביי חאַצקלען. אין שטעטל האָט מען דערציילט, אַז דער רבי, ר׳ ישראלקע, האָט איין מאָל געפרעגט חאַצקלס ווייב, חיהן: „וואָס פאַרלאַנגט איר?״ האָט חיה געענטפערט: „רבי! איך פאַרלאַנג איר זאָלט מיר בענטשן, אַז דאָס טישטוך פון מיין טיש זאָל קיין מאָל נישט אַראָפּגענומען ווערן...״.

עס קומען נאָך אַריין דער רויקער שלמה לעמקעס און אפרים לעמ־קעס, דער גרויסער און פולער מיט דער געדיכטער רויטער באָרד, מיט די קליינע אויגן פון אונטער די געדיכט־רויטע ברעמען, וואָס קוקן אַרויס, ווי פון אַ פייערדיקן וואַלד... און נאָך און נאָך יידן קומען ביז דער גאַנצער טיש ווערט באַזעצט מיט זיי.

ווערט וואַרעם. מען חכמהט זיך. עס פאַלט אַ וויץ. מען רעדט וועגן שבתדיקן דאַווענען, וועגן עמוד און וועגן עליות. אָבער באַלד קומט מען צום עיקר: דער רבי און סטאָלינער הויף. רעדט מען אַזוי לאַנג וועגן חידושים און מופתים ביז עס וואַקסט אויס אַ ניגון. אַ סטאָלינער ניגון און טאַקע מנחמס אַ ניגון. איינער הויבט אָן מיט אַן אָנגעשטעלטן טאָן און אַלע כאַפּן אונטער מיט התלהבות. ביז עס צערוקן זיך די בענק און

עס וואַקסט אויס אַ קאַראַהאָד. צו אַלעם ערשט, שטיל, ריטמיש, זינ־גענדיק צום טאַקט, זיך האַלטנדיק אַלע אין אײנעם פאַר די הענט. דערנאָך פאַרגייט זיך משה מאיר אין אַ זיסן טרילערל, פאַררייסנדיק דעם קאָפּ. כאַפּט אונטער משה בער אויף זיין טענאָר און מנחם נעמט אַליין איבער דאָס דיריגירן, מיט זיין ליריש־זיסן טאָן, אין שטילער פייפנדיקער מתיקות — און ווי אַן עלעקטרישער שטראָם ציִנדט אַלעמען אין וואַרע־מער התפעלות, צעפלאַמען זיך די הערצער — און האַנט אויף אַקסל, הענט אין הענט, שליסט זיך ענגער דער צעגויפגעגאָסענער קאַראַהאָד אין אַ הייסער כוואַליע פון חברשער און ברודערשער ליבשאַפט, מיט אמונה צום רבין און הייליקן גלויבן אין גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב...

ווינטער. שבת צו נאַכט, אין די לאַנגע אָוונטן, פלעגן חסידים פראַוועןbeyond בײַ פּנחסן אַ מלוה־מלכה.

דער דערציילער פון שטעטל

ווינטער. שבת צו נאַכט אין פּאַליעסיער שטעטל. פּראָסטיק־שטייפע לופט אין בלויען אָוונט פרעסט דאָס שטעטלדיקע געמיט. די אָזיערע אַרום שטעטלדיקע ראַנדן, ווי אַ זילבערנער לויתן־ריז... דער געדיכטער שניי, וואָס איז אַ גאַנצן טאָג געפאַלן, ווי וואַטענע פלאַכטעס, ליגט ערשט פאַרפרעסט אין נאַכטיק־פאַרגלאַנצטער שפּיגלדיקייט... שטערנדיקע הויכ־קייטן בייטן זייערע אויסטערלישע פאַרבן: פּורפּורדיק און גאָלדיק צע־בלויט זילבער.

שטייען די פאַראומערטע, צעפּייכטע הייזער מיט משופּעדיקע דעכער, ווי אין ווייסע פּוכיקע היטלען, מיט אייזיקע צעפּלעד, ווי פרענדז גלאָזיק צעגלאַנצט, און די שויב־פענצטער באַצירטע מיט באַזילבערטע לאַנדשאַפטן־בוימער, געוויקסן און בלומען... ווו נישט ווו שניידט דורך די לופט אַ צעקלונגענער גלעקל פון אַדורכגליטשנדיקן שליטן, מיט אַן איינגע־הילטן פאָרער.

נאָך הבדלה צעטרעטן זיך פון אַלע זייטן שווערע לעדערנע שטיול, טיפע וואָלענע וואַלאַקעס, קאַלאָשן, שיך, וואָס טאָפּטשען, גליטשן זיך אויף אייזיקע, שנייאיקע גאַסן און געסלעך, וואָס פירן צו פנחסעס דריי טרעפּלדיקן בריקל אַרויף: איינגעהילטע אין פעלצלעך, וואַטענע מאַנטלען, מיט אַריינגעצויגענע פּנימער אין הויכע קראַגנס, פאַלט מען אַריין צו פנחסן אין שטוב מיט די פאַרפרוירענע בערד ווי אין אַ בהלה:

— אַ גוטע וואָך! אַ גוטע וואָך! אַ גוטע וואָך!

די שבת־גויע האָט אין דער פרי אַראָפּגענומען די לייכטער און אָנגע־הייצט די ווינטערדיקע הרובע. איז אין שטוב אַ מחיהדיקע, ליבע וואַ־רעמקייט. דער צוועלפער־לאָמפּ אויפן טיש שטייט שוין אַן אָנגעצונדענער;

פון קיך טראָגט זיך אַ ווייניקער ריח פון אַ פרישן באָרשטש, וואָס יענטע גרייט לכבוד דער מלוה־מלכה.

נאָכן אָפּרייבן די פיס און נאָכן וואַשן די הענט און אויסשנייצן די רויטע, פאַרפרוירענע נעזער, שאַרט זיך יעדער אַריין און פאַרנעמט היימישלעך זיין אָרט ביים טיש.

מען הויבט אָן ווי שטענדיק פראַווען די מלוה־מלכה מיט אַ שטילן חסידישן ניגון, אַזוי אונטערברומענדיק פאַרטראַכטערהייט פאַר זיך, ביז עמיצער כאַפּט אונטער אין אַ דועט און ווי אויף פליגלען טראָגט ער זיך פונאַנדער פונעם טיש איבער דער גאַנצער שטוב און ס׳ווערט פול מיט בענקשאַפט, זיסער התלהבותדיקער דערהויבונג... אַ דערהויבונג פון דער אַנקומענדיקער בידנער וואָך, וואָס איז פול מיט שווערן יאָך, דאגות פרנסה, געזונט, צרות און רדיפות...

און אין וואַרעמער, אחדותדיקער ליבשאַפט, צוגעטוליעט ווי קינדער, זיצן אַלע אַרום גרויסן טיש שוין אין דער שפּעטער, נאַכטיקער שעה מיט צעפלאַמטע פּנימער און קנייטשנדיקע שטערנס און הערן געדולדיק זיך איין אין די לאַנגע שרעקלעכע מעשיות, וואָס ס׳זענען פאַרלאָפן ביי אַ געוויסער עדה יידן, וואָס מען האָט אויף זיי געמאַכט אַ בלבול און ווי איינער אַ ייד איז געלאָפן צום פריץ אָפּשרייען די גזירה, האָט ער פאַרבלאָנדזשעט אין וואַלד און באַגעגנט גזלנים, וואָס האָבן אים פאַר־שלעפּט, באַרויבט, צוגענומען דאָס געלט, וואָס ער האָט באַקומען הוצאות הדרך, נאָר טלית און תפילין — האָט ער נישט געוואָלט אָוועקגעבן. דער־ווייל האָבן די גזלנים דערזען פון ווייטן וועלף... א. אַ. וו. פּנחס דערציילט און די זיצנדיקע אַרום טיש ווערן אָנגעצונדן מיט נייגער און שרעק. זיי הויבן זיך אַזש אונטער פון זייערע ערטער און ברומען אונטער: נו, נו, און ווייטער? דערצייל, דערצייל ברודערקע, וואָס איז געווען ווייטער?!...

דער זייגער קלאַפּט שוין צען און עלף — צוועלף און פּנחס אַליין מיט אַ צעגליט פּנים און פאַרטראַכטע אויגן, מיט זיין צעצויגענער, ווייַ־כער שטים, ציט נאָך ווייטער אין גרעסערע סכנות אַריין און מיט מאָלער־רישע נאַטור־בילדער, מיט פאַנטאַסטישע, לעבעדיקע אילוסטראַציעס אין אַזאַ פאָרם, אַזש עס טראָגט די חסידים אין דער לופטן. זיי מוזן מאָרגן

אין דער פרי, גאַנץ באַגינען זיך פּעדערן, צו די פּרנסות, דער עיקר — די דאָרפסגייער. דאָך זיצן זיי צוגעשמידט און צו לעצט שרייען זיי אויס:

— אָבער וואָס איז דער סוף?!

— אַ נס איז געשען!

— סאַראַ נס? — צעגליען זיך אַלעמענס אויגן.

— אַ נס, וואָס די גאַנצע מעשה איז אַ ליגן! — ענטפערט פּנחס, אַ ברייט־צעשמייכלטער, ווי אין פולן נצחון...

דער אַמאָליקער, שעפּעריש־טאַלאַנטירטער דערציילער־פּאָעט, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קליינשטעטלדיקן יידן — אַ שוחט.

מנחם און לאה לעמקעס

צווישן די סטאָלינער חסידים פון שטעטל פּאָהאָסט זאַגאַראָדסקי, אין דער חברותא פון דעם טאַטנס ידידים און דער מאַמעס חברטעס, זענען די נאָענטסטע שכנים געווען, דער בעל מנגן פון שטעטל — מנחם לעמקעס און זיין ווייב, לאה.

עס שטייט מיר נאָך פאַר די אויגן זייער לאַנגע, שמאָלע, הילצערנע שטוב מיטן רוקן אַריינגערוקט אין הויף, נישט ווייט פונעם גרינעם גאָרטן. און כאָטש די שטוב האָט געהאַט דעם אויסזען פון אַלע שטעטל־דיקע שטיבער, וואָס די פאַראָרעמטע יידן האָבן אַ מאָל נאָך דער גרויסער שריפה מיט מי און מאַטערניש, ווידער אַ מאָל אויפגעבויט, געדענק איך זי פון די קינדער־יאָרן, ווי נישט קיין פאַרענדיקטע, ווי עס וואָלט איר עפּעס אויסגעפעלט; די ווענט און די סטעליע זענען לאַנג געשטאַנען טונקל־ברוינע, ווי רויע געהילץ. דערנאָך זענען זיי געשטאַנען אין גרויען פאַרטרינקטן ליים — אויסגעקלאַפּטע שורותווייז, מיט דין שמאָלע הילצערנע ליאַסקעלעך. שוין אַ סך שפּעטער זענען די ווענט געקאַלכט געוואָרן אויף ווייס, גרין, לויטן שטעטלדיקן סטיל. דערפאַר אָבער געדענק איך נישט, זי זאָל האָבן אַ הילצערנע דיל. פאַר די אויגן שטייט מיר שטענדיק אַ גרויסע טונקעלע מאַשין מיט צוויי זייטיקע ריזיקע רעדער, וואָס האָבן זיך געדרייט, געקלאַפּט און גערוישט. פון אויבן האָבן זיך געוויקלט קנוילן שעפּסן־וואָל און גויאים פון די אַרומיקע דערפער, מיט געפלאָכטענע פּאַסטאָלעס אויף די פיס, אין דריי־פערטלדיקע קוכאַייקעס (אַזאַ ווייסרוסיש דאָרפיש אויבער־מאַנטעלע) — אין זעלבן קאָליר פון דעם שפּינענדיקן וואָל, אָנגעטאָן אויף די לייוונטענע פּליודערן, מיט די לאַנגע, פאַרוואָקסענע בלאָנדע טשופּרינעס האָר, רעדן הויך, בעת זיי נעמען אַלע מאָל אַרויס די ליולקעס פון מויל, שפּייען זיי אויף דער ערד.

פון דער צווייטער זייט זענען געשטאַנען גראָב־הויטיקע, דיקע גויעס, מיט רויט־צעצונדענע פּנימער און ווייס־געוויקלטע לייוונטענע נאַמיטקעס אויף די קעפּ (דאָרפישע, אייגענע פּראָדוקציע) — אין געבלימלטע פאַר־מאַרשטשעטע קליידער. אַרום זיי, ווי אין אַ קרייז, האָבן זיך געדרייט מנחמס קליינע קינדער — מיינע חברטעס, וואָס האָבן אויסגעזען, ווי אַ באַזונדערע, צעלויכטענע וועלט...

אָפט מאָל פלעג איך מיט מיין קוטשעראַוון, ווייסן קעפּל און צו גרויסן בייכל זיך פאַרקלייבן אין אַ ווינקל און מיט אַ קאָסאָקן אויגל באַטראַכטן די שטוב. פלעגט זיך מיר אויסדוכטן, אַז די מאַשין איז אַרויסגעוואַקסן פון דער ערד און זי איז אַ טייל פון איר און אַז די גויאים וועלן באַלד אָנפאַלן אויף דעם טאַטן מנחמען, וועלן אים שלאָגן און ער, אַ בלאַסער, אַ שוואַכער, קלענער פון זיי, וועט זיך נישט קענען וועדן... וועלן די גויאים פונאַנדערנעמען די שטוב אויף אייגציקע בעל־קעס... דאַן פלעג איך זיך אָנבלאָזן און זעענדיק די קינדער האַלטן גרינע שיסעלעך מיט די גלייכע פאַרציעס מילכיקס, פלעג איך זיך פלוצלינג, אין מיין צעשראָקענער קינדערשער פאַנטאַזיע, צעכליפּען. האָבן זיך די עלטערע קינדער אַ כאַפּ געטאָן — אוי, זי וויינט דאָך — מאַמע! גיב איר אויך אַ ביסעלע הירזש מיט מילך! — האָבן זיי אַלע אין איינעם אַריינגעשריען צו לאהן אין קיך אַריין. עס האָט אָבער גאָרנישט גע־האָלפן: — ניין, ניין! — האָב איך זיך געצאַפּלט און אַרויסגעלאָפן מיט באַנומענע קולות.

— וואָס איז? — פרעגט די מאַמע — עמעץ האָט דיר געשלאָגן?

— ניין. — ענטפער איך.

— וואָס זשע וויינסטו? — פרעגט זי, ווישנדיק מיר דאָס נעזל מיט די אייגעלעך.

— אפשר אַ שגץ?

— ניין, ניין!

— אפשר אַ שיקסע?

— ניין, כ׳האָב מורא! — צאַפּל איך אין גאַנצן און שריי אַזוי לאַנג, ביז איך ווער אויף דער ערד אַנטשלאָפן...

*

מנחם, אַ בלאַסער, אַ בלאָנדער, מיט אַ צאַרט פּנים און בלויע ליכטיק־צעהעלטע אויגן, פון אַ יראת־שמים און בעל־בטחון. אַ טאַטע פון ניין קינדער. זיבן וווּנדערלעכע טעכטער; איינע שענער פון דער אַנדערער און צוויי זין. איז ער, מנחם, דער טאַטע, די גאַנצע וואָך געווען פאַר־וואָגלט איבער די שכנותדיקע פּאָליעסיער דערפער, צווישן גויאים, מפרנס צו זיין די שטוב קינדער. ער פלעגט שטיל, באַגינען, זיך אָװעקלאָזן מיט זיין קליין, מאָגער פערדל און וואָגן, מיט אַ ביסל גויאישע סחורות. מען האָט באַשיינפּערלעך געזען, ווי דער שוואַכער גוף זיינער ברעכט זיך אונטער צוליב דער שווערער פּרנסה, כדי באַשפּייזן זיין הויזגעזינד. און שטענדיק פלעגט מיט אים ממש אַ נס געשען: און דער יידישער שוואַכער גוף, מיט דער שטראַלנדיק־צעזונגענער נשמה, די גאַנצע וואָך זייענדיק צווישן פּויערים, איז אַהיים געקומען מיט אַ נייעם ניגון אויף שבת פאַר זיינע גוטע ברידער — די שטעטלדיקע חסידים. זיינע ניגונים, מנחמס, זענען געזונגען געוואָרן אין אַלע שטעט און שטעטלעך פון פּאָליעסיע. אין זיינע ניגונים איז פאַרוועבט געווען די זיסע בענק־שאַפט פון די רחבותן.

דאָס געזאַנג פון דער נאַטור האָט אין זיינעם אַ ניגון געקרעכצט מיט דעם שווערן געמיט פון זיין לעבן — אַ סימבאָל פון יעדער האָרע־פאַשנעם פאָלקס־מענטש, אָנגעפילט מיט פריידיקן בטחון...

*

די מאַמע פון די ניין געבענטשטע קינדער איז געווען נישט מער, ווי אַ קליינשטעטלדיקע יידענע, אַ מיטלוווּקסיקע, אַ ציכטיקע און גע־זעצטע אין איר באַנעמונג. זי האָט געהאַט אַ פול מאַטאָוון, בלאַסן פּנים, פון אונטער דעם ווייסן קאָפּטיכל האָבן אַרויסגעשיינט אַ פּאָר גרויסע, טונקעלע אויגן, וואָס האָבן געשטראַלט מיט חכמה און יידישן חן. עס

האָט אין איר געשפּרודלט אַ קוואַל פון ענערגיע און זעלטענע אַנט־שלאָסנקייט.

אירע געראָטענע קינדער האָט זי קיין מאָל נישט געלויבט אין די אויגן. אָבער הינטער זייערע פּלייצעס, געדענק איך, פלעגט זי, אָן ווער־טער, אַננעמען מיין מאַמען פאַר דער האַנט און אַ ווונק געבן מיט התפּעלות, ווייזנדיק ווי דבורהלע האָט קומענדיק פון פּינסק, אַזוי בריהש און פלינק אויסגעצירט די שטוב לכבוד יום־טוב...

איך געדענק זי כמעט שטענדיק אין די זומער־פאַרנאַכטן, אין עפּעס אַ טונקל, ווייך קלייד, מיט אַ הויכן קראַגן, וואָס האָט אַרומגעקרייזט איר טונקל צניעותדיקן געזיכט, אויף וועלכן עס האָט שטענדיק געשפּילט אַ באַהאַלטענער שמייכל פון שטילער גוטסקייט.

מיטן שאַטינעם שייטל אויף איר קאָפּ פלעגט זי, אין אַ לייכטער זומער־טוך, זיצן מיט מיין מוטער — ביי זיי, אָדער ביי אונדז אויפן גאַ־נעק — און שמועסן, זיך סודען צווישן זיך, וועגן פרעמדע ענינים. און מיר, קינדער, ווי א מחנה שטיפערישע פייגעלעך, פלעגן זיך זאָרגלאָז שפּילן אין עפּל און באַרן, אין יאָגעניש און כאַפּעניש און אין גרויסן טאַנצנדיקן קאַראַהאָד פלעגן מיר שוין מידערהייט, צוזאַמען מיטן אויס־גייענדיקן טאָג, אויסזינגען דאָס גרויסע, פרעכטיקע ליד פונעם בין־השמשות.

פייערדיק־גליענדיקער זונען־אונטערגאַנג צעוואַרפט אין דער הויך שטיקער האַלאָוועשקעס און צינדט אָן דאָס שטעטל מיט אַ פאַנטאַסטישער שריפה און לעשט זיך שפּיגלענדיק אין דער בין־השמשותדיקער אַזיערע.

פיבערדיקע, בלאַסע זונען־פלאַמען צעציטערן זיך אויף די מערבדיקע שייבלעך פון שטעטלדיקע הייזקעס, צעגלאַנצן זיך מיט דער פרייד פון מידע, שלעפעריקע קינדער און פויזן גנביש אַוועק אַהין, צו דער בריק, מקבל־פּנים זיין די פאַשענדיקע סטאַדעס קי, וועלכע קערן זיך צוריק אין שטעטל מיט פולע אייטערס מילך, ווי די שווערע לאָגלען און אין דער באַגלייטונג פון מחנות פעלד־עופות ציען זיי זיך אין מעקענדיקע שורות אויפן ברייטן שליאַך, וואָס פירט צום שטעטל און הויבן אויף אַ געדיכטן וואָלקן שטויב.

טונקל־פייכטער פאַרנאַכט שפּרייט זיך ברייט אויס איבערן שטעטל און פילט אָן דעם אַרום מיטן זאַפטיקן ריח פון שמעקנדיקן גראָז און בלומען.

דאָס קנאַקן פון דעם פּאַסטוכס בייטש, הילכט אָפּ אין דער לופט, זאָגט אונדז אָן וועגן די אָנקומענדיקע סטאַדעס.

מיר, קינדער, לויפן זיי אַנטקעגן מיט הילכיקע געשרייען; וואַרטן זיי אָפּ, ווי אונדזערס גלייכן, נעמען זיי אויף; יאָגן זיי נאָך אין ווילדן געיעג און מישן זיך אויס אין ווילדן כאַאָס, פון געשרייען, שטויב און געלעכטער, ביז אַ סך פון אונדז פאַלן און קייקלען זיך איבער. אָבער ווען די בהימות און שעפּסן גייען זיך פונאַנדער, יעדערער אין זיינע שטאַלן, הויבן מיר זיך אָן פּלאָנטערן אין די קאַראַהאָדן פון די קאָמאַרעס, מיר וואַרפן שאַראַבאַטקעס (אַ הילצערן שפּענדל שפּיל) — לויפן גאַלאָפּ צו די קאַשטאַנען־ביימער, טרייסלענדיק מיט די קעפּ, ווי פערד, וואָס קומען פון פּאַשע...

אַ גרויסער ברוין־הויטיקער זשוק קומט צו פליען פון ערגעץ. איך לויף אים אַנטקעגן. ער מאַכט אַרום מיין פולינקן קערפּערל עטלעכע קרייזן און פאַרטשעפּעט מיינע פלאַקס־ווייסע האָר, גראָבט זיך איין אין מיין קעפּל זשומענדיק. איך דערשרעק זיך, טופּע מיט די פיסלעך און פּאַטש און קלאַפּ מיט די הענטלעך אין די האָר, שרייענדיק פאַרצווייפלט: „אַ קיש, אַ קיש, אַ וואַן, אַ פּאַשאָל וואָן!!“.

און פּאַטשנדיק זיך איבערן קעפּל לויף איך מיט אַ געוויין איבער דער גאַס, טראָגנדיק דאָס צר־גרויסע בייכל פאַראויס; ווען איך בין אַרויף אויפן גאַנעק, ווו ס׳זענען געזעסן די מאַמע מיט לאהן, האָבן זיי אַזוי צאַרט פונאַנדערגענומען די צעגויפגעקרייזלטע האָר און מילד מיך געגלעט איבערן קעפּל, אַז ס׳איז באַלד פאַרשוווּנדן מיין קינדער־שרעק; ווען איך האָב זיך אויסגעצויגן אויף זייער בשותּפותדיקן שויס, אַ באַרו־איקטע, האָבן מיך אָנגעקוקט און דורכגענומען צוויי פּאָר גוטע אויגן: די גוטע בלויע אויגן פון מיין מאַמען און די גרויסע טונקל־ווייכע סאַמעט־אויגן פון דער חברטע אירער — לאה מנחמס, וואָס האָבן מיטן צאַרטן גלאַנץ פון זייער שטילער גוטסקייט מיך איינגעשיכורט אין זיסן קינדער־שלאָף.

דייטשע אָקופּאַציע

אין יאָר 1940 איז אויסגעבראָכן די סאָוויעטיש־דייטשע מלחמה. אומדערוואַרט איז דייטשלאַנד פלוצים באַפאַלן אַלע גרעסערע און קלע־נערע פּוילישע שטעט און שטעטער אויך רוסלאַנד. זי האָט אָקופּירט געביטן פון סאָוויעטן־לאַנד, אין מערב ווייסרוסלאַנד און אונדזערע פּאָליע־סיער געגנטן.

צווישן די ערשטע באַפאַלענע שטעטלעך איז געווען דאָס שטעטל לאַהישין (לאָגישין). באַלד איז דאָרט אויסגעפירט געוואָרן די ערשטע שחיטה איבער דער יידישער באַפעלקערונג.

מיט דריי טעג שפּעטער זענען די דייטשן אַריין אין פּאַהאָסט זאַ־גאָראָדסקי. דער הויפּט־שטאַב זייערער איז געשטאַנען אין לאַהישין. פון דאַנען זענען זייערע באַנדעס געשיקט געוואָרן צו אַלע ווייטערע שטעטלעך און דערפער, כדי צו פּאָגראָמעווען, ראַבירן און שענדן...

קיין פּאַהאָסט זענען מערסטנטייל געקומען פראָנט־זעלנער, צו אַלעם ערשטן, האָבן זיי אויסגעטראַכט אַ בלבול אויף יאָסל אַראָנטשיקס אַ זון, אַז ער זאָל האָבן איבערגעגעבן דעם פיינט סודות; האָבן זיי באַפוילן די איינוווינער פונעם גאַנצן שטעטל זיך אויפצוזאַמלען אין מיטן מאַרק — צו זען, ווי מען פאַרשמייסט דעם אומשולדיקן יידישן יונגערמאַן.

ווען די באַנדעס זענען אַוועק און קיין סטאַבילע מאַכט איז נאָך נישט געווען, האָבן זיך די גויאים געמאָלדן פרייוויליק צו דער מיליץ. געווען זענען דאָס די אונטערוועלטניקעס: יאָס פראַנעקס כוליגאַנעס, וואַצ־לעס בנים און ליוצעס שקצים. זיי האָבן גענומען פון שטעטל, וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט; די בהימות פון די שטאַלן, פעלצן, פּראָדוקטן און געהייסן האָט עס, פאַרן דייטשן פראָנט.

דערווייל איז אויסגעבראָכן אַ מהומה. קרעמער האָבן גענומען אויס־

באַהאַלטן זייערע סחורות. קיין פרישע איז נישט אָנגעקומען, ווייל דאָס שטעטל איז געווען אָפּגעריסן פון דער אויסערלעכער וועלט, האָבן גענומען שטייגן די פרייזן אומגעהויער.

די יידישע יוגנט האָט זיך צעטיילט: די יענעקע, וועלכע זענען געווען אַקטיוו ביי דער פריערדיקער, סאָוועטישער מאַכט, זענען אַוועק צוזאַמען מיט דעם צוריקציענדיקן מיליטער. די איבעריקע זענען איבערגעבליבן.

אַ גרויסע הילפלאָזיקייט האָט באַהערשט די יידישע באַפעלקערונג. באַנדעס דייטשע מחנות פלעגן באַפאַלן יידישע פרויען... ווען די יידישע מאַמעס פלעגן באַהאַלטן זייערע טעכטער, פלעגן זיי אַליין באַפאַלן ווערן און די באַנדיטן פלעגן אַליין אויסגעפינען די טעכטער און געצוווּנגען די מוטערס צוקוקן זיך צו זייערע שענדלעכע מעשים...

אָפט מאָל פלעגן זיי קומען אויסקלייבן די שענסטע מיידלעך, אַוועקנעמען זיי און קיינער האָט נישט געוווּסט, ווו זיי זענען אַהינגעקומען... עס פלעגט אַ מאָל קומען אַ גוי און אָנווייזן אויף וועלכן פעלד עס ליגט אַ טויטע פרוי.

זעקס וואָכן האָבן זיך אַזוי געצויגן די דאָזיקע שוידערלעכע גרוילן. דאָס יידישע שטעטל האָט שוין געבעטן גאָט, עס זאָל שוין קומען אַ וועלכע מאַכט עס זאָל נישט זיין, אַבי אַ סטאַבילע, אַ מער פאַראַנטוואָרטלעכע מאַכט. ווייל חוץ די פרויען־טראַגעדיעס, פלעגן זיי אויך מענער אַרויסנעמען פון די היימען און מען האָט זיי שוין מער נישט געזען...

ווען עס זענען דערגאַנגען קלאַנגען, אַז אויף די וועגן איז זייער אומרואיק, איז אין איינעם אַ טאָג אַריינגעקומען אַ פינסקער יונגערמאַן און מיט טרערן אין די אויגן האָט ער געבעטן, אַז יצחק לייב יונהס זאָל אים אָפּפירן צו דער סטאַנציע פאַראַכאָנסק. עס האָט נישט געהאָלפן דער פּראָטעסט פון די בני־בית. ער איז אַוועק און זיך מער נישט צוריקגעקערט. גויאים האָבן געזאָגט, אַז מען האָט אים געזען ליגן אויף אַ פעלד, אַ דערשאָסענעם, צוזאַמען מיט זיין פערד, און נאָך אַ ווערסיע איז פאַראַן, אַז ער איז אומגעקומען אין פינסקער געטאָ.

דערווייל האָט איין שרעקלעכע ידיעה געיאָגט די אַנדערע. עס האָט

זיך געשטאַרקט דער קלאַנג, אַז אין דער גאַנצער אַרומיקער פּראָווינץ האָט מען אויסגעהרגעט אַלע יידן.

היימישע גויאים האָבן געעצהט, אַז די שטעטלדיקע יידן זאָלן זיך אויסבאַהאַלטן, האָט מען זיי נישט געגלויבט.

דערווייל איז געקומען זיידל דער באָכקער און דערציילט מיט טרערן, אַז זיין ווייב און קינדער האָבן דייטשן אַרויסגעשלעפּט פון שטוב און זיי דערשאָסן. אַ פּחד איז באַפאַלן דער יידישער קהילה...

אויף דער זיבעטער וואָך פון זייער אַריינמאַרש, האָבן זיך באַוויזן צוויי דייטשע אָטריאַדן, פון צוויי זייטן — איינער דורך דער אָזיערע־בריק, פון פינסקער זייט, דער צווייטער — פון באַטאָור־לאַהישינער זייט. לויטן באַפעל, וואָס זיי האָבן געהאַט, האָט איין אָפּטיילונג געדאַרפט הרגענען די מענער און די צווייטע — אַ יעדן אַנדערן. האָבן זיי זיך צעשטעלט אויפן מאַרק מיט זייערע רויטע פערד און זיך באַראַטן צווישן זיך. האָט איין אָפּטיילונג זיך צוריקגעצויגן, געבליבן זענען נאָר פיר געפאַנצערטע דייטשן. אָנגעטאָן זענען זיי געווען פון קאָפּ ביז די פיס אין רויט־גרין גלאַנציקע שטאָלענע העלמען אויף די קעפּ. זיי זענען געווען די באַשטימטע תלינים אויסצופירן די עקזעקוציע.

די ערשטע הריגה

זונטיק פרי איז געקומען אַ באַפעל צו דער יידישער באַפעלקערונג, אַז מענער פון צוועלף יאָר אָן זאָלן זיך מעלדן אויפן מאַרק, כלומרשט צו דער אַרבעט.

פון אַלע זייטן האָבן זיך געצויגן צום מאַרק צוועלף־יעריקע יינגלעך, יונגע בחורים, טאַטעס פון קינדער און זיידעס פון אייניקלעך. דערצו זענען נאָך די דייטשן אַליין געלאָפן און אַרויסגעטריבן די פאַרשפּעטיקטע פון די היימען.

שלמה־שמואל יעקבס האָט זיך געבעטן ביי די קינדער און אייניקלעך, זיי זאָלן זיך באַהאַלטן ערגעץ־ווו אין די וועלדער אָדער אין אַנדערע פּלעצער. זיין איידעם ישראל יונהס, האָט ער באַהאַלטן אין שטאַל אויף די ווישקעס. אויף זיך האָט ער געזאָגט: — איך בין שוין אַלט, ווער וועט מיך נעמען? און זאָרגלאָז זיך אָוועקגעזעצט אויפן גאַנעק צו זען, וואָס דאָרט טוט זיך אין מאַרק. האָבן אים די דייטשן אויך פאַרשלעפּט מיט זיך.

אַלטער דאַלגאָפּיאַטי, דער מלמד, וואָס איז שוין געווען אַלט און קראַנק, האָט זיך באַהאַלטן ביי די מעסעראָוויטשעס אין גאָרטן, אונטער די מאַלינעס־קוסטן, האָט אַ גוי אים דערזען און אויסגעגעבן.

ווען דער מאַרק־פּלאַץ איז שוין געווען איבערפולט מיט יידן, אַרום זיי די דייטשן, די שטעטלדיקע מיעשטשאַנעס (גויאים בירגער) און דאָרפס־פּעבל, הינטער זיי — די צעשראָקענע ווייבער און קינדער, האָט דער עלטסטער דייטש דערלאַנגט אַ קאָמאַנדעווע צום יונגן, שיינעם רב ער זאָל אָנטאָן דעם טלית און האַלטן אַ דרשה פאַר די יידן, ווי אין שול. האָט דער רב אָנגעהויבן: — הייליקע ברידער יידן! היינט איז, ווייזט אויס, אונדזער גזר, לאָמיר אַלע זאָגן וידוי און מקבל באהבה זיין...

דערנאָך האָבן זיי געהייסן דעם רב טאַנצן, דעם מושלם בכל המעלות, דעם טאַטן פון צוויי שיינע קינדער.

שפּעטער האָט מען זיך גענומען צו אַלטער איטשקעס, דעם בכבודיקן בעל נאמנות און פלינקן שאַרפן קאָפּ, וואָס פּריצים און הויפן האָבן אים אָנגעטרויט אין אַלע זייערע אונטערנעמונגען; דעם ייִד, וואָס זיינע קינדער פון די ישיבות האָבן לייטישע שדוכים געטאָן; דעם אַלטערן, האָבן די באַרבאָרן געהייסן טאַנצן און זיך שטעלן פאַר זיי אויף די קני. אַזוי האָבן זיי געטאָן מיט אַלע זקנים, שמייסנדיק זיי מיט די בייטשן. און די גויאים האָבן זיך געקייקלט פון געלעכטער.

צום סוף האָט דער נאַצי אַ זאָג געטאָן מיט זיין גיפּטיק שטעכיק שמייכעלע: "וואָ איזט אייער גאָט? וואָרום שוויגט ער?".

נאָך דעם גאַנצן ספּעקטאַקל, האָט מען זיי אָוועקגעפירט צום נוראָטש־פעלד, הינטערן באָד; זיי, די אַלטע לייט, אויסגעזעצט אין אַ שורה און זיי אָפּגעשאָרן די בערד.

אַלטער באָטאָווער, דער רבי, וואָס האָט לאַנגע יאָרן געלערנט און דערצויגן כמעט אַלע שטעטלדיקע קינדער, שלמה־שמואל יאַנקלס, דער אַמביציעזער, דער ברייטפּלייציקער מאַן, דער געטרייער פאָטער און זיידע, וואָס אין די יונגע יאָרן איז זיין פּנים געווען אַרומגעקרייזט מיט דער בלאָנדער, שיינער באָרד און איצט זילבער־ווייס.

משה מאיר, דער שוחט, דעם אַלטן פּנחס דעם שוחטס איידעם, דער סאַטיריקער און פּסיכאָלאָג פון שטעטל, ער, דער חכם משה מאיר, האָט אויפגעהויבן זיין שטענדיק זינגענדיקן קול און האָט ביטער געוויינט,ביים צעשיידן זיך מיט זיין שיינער ברוין־זילבערנער באָרד.

שלום קרוגלי, דער פעסט־געבויטער און ענערגישער, מיט די פולע באַקן און טיף־אַריינגעזעצטע קלוגע אויגן. (וועגן אים האָט מען עס אין שטעטל דערציילט, אַז ביי יעדן קינדס געבורט, האָט ער זיין איידעלער געליבטער פרוי יענטע מירלען געגעבן אַ קוש)...

לייבע קרעטשמער, דער ריז, וואָס מיט זיינע דלאָניעס, האָט מען

געזאָגט, קען ער צעקוועטשן צוויי גויאים... אָדער אַ שטייגער: משה פלאַסקינער, ישראל יאַנקל דער קרעמער און אַזוי אַלע בכבודיקע זקנים פון שטעטל, לערנער, חסידים, און אויך הוליאַקעס אויף יידישע שמחות און ימים טובים...

בערקע נאָווידוואָרער; דעם אַלטן רבס איידעם — דער הויכער, מאַיעסטעטישער ייד, מיטן איידעלן פנים און גרויסע יידיש־פאַרחלומטע אויגן, דער משכיל און תלמיד חכם, דער טאַטע פון אַזעלכע וווּנדערלעך געראָטענע זין און טעכטער מיט זיין בכבודיקן נאָמען און יחוס איז אומגעקומען בעת דער צווייטער הריגה.

דערנאָך האָט מען זיי געטריבן, באַפוילן צו מאַרשירן צו דער בריק, אויף קאַמעניער וועג, צום אַלטן בית עולם.

אין אַ שעה אַרום האָבן זיך אין שטעטל דערהערט די יאָמערלעכע געשרייען: שמע ישראל! שמע ישראל! שמע ישראל! אַ לאַנגע צייט האָט געדויערט דאָס קנאַלנדיקע שיסעריי, וואָס האָט אויפגעריסן די לופט.

מיט אַ מאָל איז אַלץ פאַרשטומט געוואָרן. די מערדער האָבן אויסגעשאָסן די ערשטע הונדערט פינף און צוואַנציק יידן; די שטאַרקסטע, זאַפטיקסטע און חשובסטע איינוווינער פון שטעטל.

ביי דער אַקציע האָבן זיך גויאים זיך געבעטן ביי די דייטשן, אַז זיי זאָלן איבערלאָזן די בעלי־מלאכות, האָט מען זיי צייטווייליק באַפרייט פון טויט.

נאָך דער ערשטער הריגה, אין בערך אַ פּאָר חדשים שפּעטער, האָבן די דייטשן מאָביליזירט פינף און דרייסיק מאַן קיין האַנצעוויטש. דאָרט האָבן די אכזרים איינגעאָרדנט אַ צוואַנגס־לאַגער, פאַר דריי הונדערט מאַן. קיין יידישע איינוווינער זענען שוין דאָרט נישט געווען. נאָך דער אויסראָטונג, פון די אַרומיקע יידישע שטעטלעך האָבן די מענטשן־פרעסער צונויפגעזאַמלט די איבעריקע לעבנגעבליבענע און געבראַכט צו דער אַרבעט. די אויסגעמאַטערטע מענער האָט מען פאַרטיילט אין האָלץ־טאַרטאַקן, צו אויסגראָבונגען, שאָסייען א. אַ. וו.

די עלטערן פון די פאַרבליבענע משפחות האָבן געשיקט די לאַגער־ניקעס פעקלעך עסן און דאָס האָט זיי נאָך אויפגעהאַלטן ביים חיות.

איין מאָל האָט מען זיך דערוווּסט דורך אַ דייטש, אַז היינט האָט מען אומגעבראַכט די יידן פון שטעטל ליעלין, מאָרגן קומט די ריי אויף פּאָהאָסט און דערנאָך — האָט דער דייטש געזאָגט — וועט מען אייך אומברענגען.

וואָרטן האָט שוין נישט געהאָט קיין זין. האָבן זיי די לאַנ־גערניקעס געגעבן זייער אויפזעער געלט ער זאָל גיין פאַר זיי קויפן פּאַפּיראָסן און אַליין זענען זיי צעלאָפן און אַלע לאַגערניקעס נאָך זיי, אין די וועלדער אַריין.

די פּאָהאָסטער האָבן געצײלט קיין פּאָהאָסט צו באַפרייען זייערע משפּחות פון געטאָ. אָבער אויפן וועג האָבן זיי פאַרבלאָנדזשעט. פרעגן עמיצן האָבן זיי מורא געהאַט. זיי האָבן געדאַרפט גיין מיט די פּאַרטיזאַנער מוליע קאָזשושניק און יאָסל פעלדמאַן, יצחק באַדינויקערס זון, מיטן קירצסטן וועג אויף באָבריק, זענען זיי געגאַנגען דורך מאַלקאָוויטש אין באַרקער וואַלד. אַזוי אַרום זענען זיי אָנגעקומען שבת, געקומען זונטיק, נאָך דעם, ווי די באַרבאַרן האָבן שוין ליקווידירט די געטאָ.

געטאָ פּאָהאָסט

נאָך פּסח האָט דער דייטשער קאַניבאַל באַפוילן אַלע יידן פאַרלאָזן זייערע היימען און זיך אַריינציען אין געטאָ. דער אמתער חורבן האָט זיך ערשט אָנגעהויבן: שטעטלדיקע יידן, איינגעפונדעוועטע בעלי־הבתים פון דורות, מיט אייגענע הייזער און רייכעווירטשאַפטן: מילן, געשעפטן, מאַגאַזינען, וואַרשטאַטן, בהימות, פערד און הינער־צוכט, האָבן איצט געמוזט פאַרלאָזן זייער האָב און גוטס און אַריין אין געטאָ.

די דייטשע סאַדיסטן האָבן פאַרן געטאָ באַשטימט די ליניִשטשער גאַס, וואָס האָט זיך געצויגן פון דער אָזיערע ביז משה אהרון לייזערס שטוב. מען האָט זי אַרומגעצאַמט מיט שטעכיקע דראָט־פאַרצאַמונגען און אין אָט אַזאַ שמאָלן שטח האָט זיך געמוזט אַ גאַנץ שטעטל יידן אַריינ־קוועטשן. דערצו נאָך האָבן די מערדער פאַרשאָטן די צווייִ, פון די דרייִ, וואַסער־ברונעמער. איין ברונעם בלויז האָט געדאַרפט סטאַיען צו טרינקען, קאָכן און וואַשן פאַר אַלעמען.

אין די ווייניקע הייזער האָבן זיך געפונען פינף, זעקס, פאָהאָסטער משפחות, וואָס זענען געווען געבענטשט מיט פינף ביז צען קינדערלעך.

באַלד נאָך דער גזירה האָט געגומען פייניקן די פראַגע: וווּ טוט מען אַלץ אַהין? איין אויסוועג איז געווען: אַזוי ווי יעדע משפחה האָט געהאַט איר אייגענעם גוי, האָט זי זיך אים פאַרטרויט און צו אים אַריינגעטראָגן דאָס האָב און גוטס. יעדער גוי האָט גערן צוגענומען, פאַרשטייט זיך, בפרט ווען אַלע גויאים האָבן שוין ריכטיק געוווּסט, וואָס עס האָט פאַסירט מיט אַלע אַרומיקע יידן. זיי זענען זיכער געווען, אַז זיי וועלן בלייבן די לעצטע יורשים צו אַלץ...

עס איז אַרויס אַ באַפעל: דאָס גאַנצע שטעטל זאָל זיך תיכף פאַרזאַמלען אויפן מאַרק... דערנאָך האָט מען פאַרגעלייענט אַ צווייטן

באַפּעל: אין פאַרלויף פון אַ פּאָר שעה, זאָל יעדע משפּחה מיטנעמען פון איר היים, וואָס זי קאָן און אַריין אין געטאָ. נאָר ביי ווען ס'איז פאַראַן אַ קינד אונטער אַ יאָר זאָל מען עס איבערלאָזן אין שטוב. שפּעטער האָבן זיי די דאָזיקע קינדער דערשאָסן.

די פאַראָרדענונג האָט געלויטעט, אַז קיינער זאָל פון געטאָ אָן אַ דער־לויבעניש נישט אַרויס: ביז פאַר נאַכט מוזן אַלע זיין אויפן אָרט, ווען עמי־צער וועט פעלן, זענען די שכנים פאַראַנטוואָרטלעך, קיין שום שפּייז טאָר אין געטאָ ניט אַריינגעבראַכט ווערן, אויסער די הונגער־נאַרמע, וואָס איז באַשטימט געוואָרן. פאַרן אַריינשמוגלען ברויט אין געטאָ — טויט־שטראָף!

דער געטאָ האָט אויסגעוויילט אַ יודענראַט פון דריי פּערזאָן: לאָזער לוצקי, משהל יוזשוק און דער אַפּטייקער זעלמאַן. זיי האָבן דאָס געדאַרפט זיין די פאַרמיטלער צווישן דער מאַכט און דער באַפעלקערונג אויך — די אויספירער.

אַרבעטן האָט מען געמעגט גיין נאָר ווען אַ גוי האָט געפאָדערט און איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם, וואָס ער האָט גענומען. דער לוין פאַר דער אַרבעט האָט געהערט צו דער דייטשער קאַסע.

כאָטש די עקספּלואַטאַציע איז געווען זייער גרויס, האָט יעדער אייבער גערן געוואָלט אַרויסגיין פון דעם פינצטערן, פאַרשטיקטן געטאָ, ווו הונגער, שפּאָט, סאַדיזם, שלאָפלאָזיקייט, און דערנידעריקונג עלנט און בענקשאַפט האָט צוגענומען דעם מוט, געבראָכן דעם שטאָלץ פון אַ פרייען מענטש, און בפרט ווען די אַרבעט איז שטענדיק געווען אין גאָרטן צי אין פעלד, און אַפילו אין שטאַל, ביי די חזירים האָט מען זיך בעסער געפילט.

ביים געטאָ־טויער איז געוויינלעך געשטאַנען די געמישטע וואַך פון די אָרטיקע גויאים און אָקופּאַנט. באַליידיקונגען, דערנידעריקונגען, זענען גע־ווען דאָס טאָג־טעגלעכע ברויט אין געטאָ. אָפּט מאָל איז עס געקומען פון דער העכערער מאַכט; האָבן זיי אַרויסגערופן די מער חשובע בירגער און געגעבן זיי גראָב־אייזנס און געשיקט זיי אויסרייניקן די קלאָזעטן. אָדער מען האָט גענומען דעם אַלטן טוביה דעם שוסטער, אים אַרויס־געלאָזט דורכן געטאָ־טויער, אָנגעטאָן אויפן קאָפּ אַ נאַכט־טעפּל און

געהייסן אים אַזוי אַרומגיין איבערן שטעטל צען מאָל, ביז די שקצים זענען אים נאָכגעלאָפן און באַוואָרפן מיט שטיינער.

אַ מאָל, ווען מען איז צוריקגעקומען פון דער אַרבעט, האָבן זיי זיך צוגעטשעפּעט צו יאָסל ליפּעס, אַז ער האָט היינט שלעכט געאַרבעט, האָט מען אים אַרויסגעשלעפּט צו דער וואַך־שטוב און אַזוי לאַנג גע־שמיסן ביז ער איז געפֿאַלן אין חלשות. צוריק האָט מען אים געבראַכט אַ צעפּאַסעוועטן און אַ צעבלוטיקטן.

אַ מאָל האָבן זיי אויסגעקליבן די רייכסטע בעל־הבתים, אַוועקגעפירט זיי אין שול־שטיבל און געפּאָדערט זיי זאָלן זאָגן, ווו זיי האַלטן זייער גאָלד און גוטס. זיי האָבן געשוויגן. האָט מען זיי געשלאָגן. אָבער זיי האָבן ווייטער געשוויגן. ווען דאָס שלאָגן האָט נישט געהאָלפן, האָבן זיי געפירט זיי מיט לאָפּאַטעס אין די העגט צו דער מיל און געהייסן גראָבן פאַר זיך גריבער; ווער עס וועט נישט אויסזאָגן, דער וועט לעבעדיק באַגראָבן ווערן. דערנאָך האָט מען זיי צוריקגעבראַכט אין שטעטל און פאַרשפּאַרט אין שמואל־יאַנקלס געוועלב. געהאַלטן זיי דאָרט פאַרשפּאַרט צוויי מעת־לעת, פאַרפינצטערטע זיי צוריקגעבראַכט אין געטאָ אַריין. אַן אַנדערש מאָל האָבן די דייטשן באַפוילן, אַז אַלע זאָלן אַרויסגיין פון געטאָ, געפירט זיי אין שול אַריין, זיי פאַרשפּאַרט אויף אַ גאַנצן טאָג; ווען די קינדער, הונגעריקע און דורשטיקע, האָבן געוויינט, האָבן זיי אַריינגעשאָסן דורך די פענצטער און אין דער צייט האָבן זיי אין געטאָ געמאַכט אַן אָבלאַווע, געזוכט געווער און גאָלד און נישט געפונען. פאַרנאַכט, ביים ברענגען זיי צוריק, האָט מען זיי אַריינגעלאָזט לויט אַ צענויפגעשטעלטער רשימה. צען מאַן, שוואַכע און קאַליקעס, דערונטער שרה דער שטומערס גאַנצע משפּחה, האָבן זיי אַרויסגעצויגן.

קראַנק זיין אין געטאָ האָט מען בכלל נישט געטאָרט. אַ קראַנקן האָט מען באַלד דערשאָסן. ווען די יידן־ראַטלער האָבן געמוזט צושטעלן אַר־בעטער, האָבן זיי די קראַנקע באַהאַלטן און געשיקט אַנשטאָט זיי אַנדערע.

די גרעסטע קללה אין געטאָ איז געווען, ווען די מיליץ מיט די דייטשן פלעגן אַריינפאַלן שכורע. דאַן פלעגן זיי אויסקלייבן די שענסטע מיידלעך, פאַרשלעפּן זיי ערגעץ־ווו פאַרוואַלדיקן; צו מאָרגנס זענען זיי צוריק

געקומען מיט פאַרפינצטערטע פנימער און געוואַרט אויף זייער ווייטער־דיקן גורל...

אין איינעם אַ פאַרנאַכט, זענען דריי פּאַרטיזאַנער, אָנגעטאָן אין דייטשע שינעלן, צוגעריטן צום טויער פון געטאָ. די גויאישע מיליץ איז זיך געשטאַנען רואיק; די פּאַרטיזאַנער האָבן בליץ־שנעל אַלעמען געבונדן, אויפגעריסן דעם טויער און אַ באַפעל געטאָן: „אודירייטע קטאָ, גדיע מ״ (אַנטלויפט, ווו, ווער). איז דאָס געוואָרן אַ געלאָף מיט די קינדער אויף די הענט, ווער צו דער אַזיערע, ווער צו די אָפענע וועגן און ווער צו די וועלדער. אָבער די פרויען, אָן מאַנטלען, האָבן זיך דער־שראָקן פאַר דער קאַלטער נאַכט, פאַרן וואַלד און געהאַלטן, אַז דייטשן זענען באַהאַלטן אומעטום, האָבן זיי מורא באַקומען און זיך צוריקגעצויגן, בפרט נאָך, ווען די יידן־ראַטלער האָבן געעצהט זיך צוריקצוציען.

דאָס זענען געווען „דיאַדיאַ״ מישאָס פּאַרטיזאַנער.

ליקווידאַציע פון געטאָ

דעם צווייטן טאָג אלול, 1942 יאָר, שבת אין דער פרי, האָט מען דערהערט עפּעס אַ גערויש. מען איז אַרויס אויפן הויף. אַרום די דראָט־פּאַרצאַמונגען איז שוין געווען פאַרזאַמלט די גאַנצע מיליץ, די דייטשן און אַ מענגע גויאים. מען האָט אַלעמען באַפוילן אַרויסצוקומען פון די שטיבער. צו אַלעם ערשטן, האָט מען געפרעגט: ווו זענען די מענער, וועלכע זענען אַנטלאָפן פון דער אַרבעט, און איר באַהאַלט זיי אויס! אויב איר זאָגט נישט, ווו זיי זענען, וועט איר דערשאָסן ווערן!

אין אַ שעה שפּעטער האָבן זיי געזאָגט, אַז ווער עס האָט גאָלד זאַכן, אָדער צירונג, קען זיך אויסקויפן פון טויט. שפּעטער האָט מען ברייט צעעפנט דעם טויער און עס איז אַריינגעפאָרן אַ מאַשין. די דייטשן האָבן געכאַפּט יעדן, ווי ער גייט און שטייט און גענומען אַרויפוואַרפן אויפן אויטאָ, איינעם אויפן צווייטן, ווי געגנדז און ווען דער אויטאָ איז פול געוואָרן און אַרויס פון געטאָ אונטער יאָמערלעכע געוויינען און היסטעריעס, האָט מען גענומען טרייבן די פאַרבליבענע נאָכן אויטאָ, צו פוס, יאָגנדיק זיי מיט נאַהייקעס לענג אויס דער גרעבליע, איבער דער בריק, אַנטקעגן דער מיל, ווו עס איז געווען דער ברודער־קבר פון דער ערשטער הריגה.

אַרום געטאָ זענען געווען אויפגעשטעלט פּולעמיאָטן. ביים אַרויס־טרייבן פון געטאָ זענען פון איין זייט געשטאַנען די יידן־ראַטלער און פיר פאַרפאַנצערטע דייטשן, אָנגעטאָנענע פון קאָפּ ביז די פיס אין רויט־גרין שטאָלענע קאָסטיום־מאַסקעס און געוואַרט אויף זייערע קרבנות...

איצט פירט מען שוין די איבעריקע פאַרמשפּטע צום טויט. מען פירט די בלאַס־געלע סקעלעטן: מענער, ווייבער און קינדער; מען טרייבט, ווי בהימות צו דער שחיטה, מיט בייטשן; מען יאָגט מען זאָל

שנעל לויפן. ווער עס פאַלט ווערט באַלד דערשאָסן. מ׳טראָגט מידע קינ־דער אויף די הענט. לויפט מען אַזוי — די צעפּאַטלטע קעפּ פאָראויס, די ליפּן בלוי פאַרטריקנט, די פיס טראָגן קוים דעם אויסגעפּייניקטן גוף, נאָר די אויגן ברענען ווי פאַקלען, אויגן מיט געבעט, אויגן מיט צער און צאָרן, אויגן מיט בליקן פון יאוש און עלנט, מיט פאַרלאָרנקייט, אויגן פון צעטראָטענעם שטאָלץ און ווירדע, וואָס זוכן נקמה, נקמה!

נאָר טויט וואַרט און לויערט... די גויאישע מיליץ ביי די זייטן. אַ כמאַרע פון טויזנטער גויאים, פּאָליעשוקעס, האָבן נאָכגעיאָגט. אַ גע־דיכטער שטויב פון דער זאַמדיקער גרעבליע האָט זיך אויפגעהויבן, ווי אַ שוואַרצער וואָלקן און איינגעהילט די טרויער־פּראָצעסיע אין אַ שוואַר־צער חופּה... מען האָט שוין גאָרנישט געזען. אָבער געהערט האָט מען דעם געברום פון דעם דייטשן פאַרטיליקער: שנעלער, שנעלער, יודע שווייַן, צום דאָנער וועטער נאָכמאָלס!...

די מער געוואָגטע האָבן פּרובירט אַנטלויפן, האָט מען זיי נאָכגעיאָגט און דערשאָסן. ביז מען איז געקומען צום עקזעקוציע־פּלאַץ, איז דער גאַנצער שליאַך געווען פאַרזייט מיט טויטע.

די געבראַכטע מיט דער מאַשין קרבנות, אויסגעשטעלטע צו פיר אין אַ ריי, זענען שוין געווען נאַקעט אויסגעטאָן. אַנטקעגן, הינטערן בערגל, איז געווען שוין צוגעגרייט אַ לאַנגע, טיפע גרוב, אַרומגעשטעלט מיט פּולעמיאָטן־מיילער. פון די ערשטע קרבנות האָט זיך געסמט זעלמאַן דער אַפּטייקער. די גאַנצע צייט האָט ער ביי זיך געהאַלטן סם און האָט געזאָגט: „קיין לעבעדיקן וועלן זיי מיך נישט נעמען!"...

אַלע האָבן זיך ביי דער עקזעקוציע אויסגעטאָן נאַקעט. מענער, פרויען און קינדער. זייערע אָנטועכץ האָט מען געצוווּנגען אַוועקלייגן ביים ראַנד פון גרוב. פיר געפּאַנצערטע דייטשן האָבן אויסגעפירט די בלוטיקע דראַמע. מען האָט יעדן איינעם געצוווּנגען באַזונדער צוצוגיין צום גרוב. דער תלין האָט אַריינגעשאָסן יעדן איינעם די קויל פון הינטן, אין קאַרק אַריין, און דער קרבן איז מיטן פּנים אַריינגעפאַלן אין גרוב אַריין. די קינדער האָבן זיי געוואָרפן לעבעדיקערהייט — אַ שאָד — זאָגן זיי — אַ קויל. דעם צווייטן טראַנספּאָרט האָבן זיי געטריבן שנעלער זיך

אויסטאָן. פון די טיפענישן פון גרוב האָבן זיך געריסן די קולות פון די לעבעדיקע קינדער: מאַמע! מאַמע!...

די מאַמעס האָבן געליאַרעמט, געקלאַפּט מיט די פויסטן אין האַרצן און געריסן זיך די האָר פון קאָפּ. אַ טייל האָבן געענטפערט: „באַלד, מיין קינד, באַלד קום איך צו דיר!". דריי מאַמעס זענען אַראָפּ פון זינען. איינע האָט זיך הילכיק צעלאַכט און אַרויס מיט אַ טאַנץ. די אַנדערע האָט געוואָיעט ווי אַ הונט, אַרויסשטעקנדיק די צונג. די דריטע איז געפאַלן אויף די קני און מתפלל געווען, געגומען שפּרינגען אויף איין פוס און איז אַרויס פון דער שורה. באַלד האָט מען זיי ליקווידירט.

ישראל יונהס, דער שטילער צדיק, האָט נישט געוואָלט אויסטאָן דאָס העמד. ער האָט בשום אופן נישט געוואָלט בלייבן אין זיין נאַקעטקייט, כאָטש די מערדער האָבן אים געשלאָגן מכת רצח. עס האָבן אויך נישט געהאָלפן די טרערן פון זיין ווייב און קינדער, וואָס האָבן זיך ביי אים געבעטן, אַבי פּטור ווערן פון די שוידערלעכע ענויים...

מען האָט צוגעפירט אַ שורה זקנות, זיי האָבן אויסגעטאָן פון זיך די טשיפּקעס און טיכלעך, די ברייט פאַרמאַרשטשעטע קליידער און קאַפּטלעך. די צניעותדיקע לייבער, וואָס האָבן זיך תמיד אויסבאַהאַלטן פון מאַנסבילשע בליקן, זענען אַנטהילט געוואָרן און שטיין געבליבן אונטערן פרייען הימל. די אויסגעצויגענע בריסט — נידעריק אַראָפּגעלאָזן, די אויסגעטראָגענע בייכער — איינגעשרומפּן, די מאָגערע פיס — איינגעשנורעוועטע מיט צעבלויטע אָדערן, סמנים פון שווערע שוואַנגערשאַפטן... בלויז אין די צעאַקערטע זקנהשע פנימער, ווו עס האָט זיך געוועבט די לעגענדע פון באַבישער ליבשאַפט, האָט זיך אויסגעגאָסן בושה און שטומע טענה... די דינע ליפּן, אויף וועלכע ס'האָט תמיד גערוט די פרום־זאָגנדיקע ברכה צום רבונו של עולם האָבן איצט ציטערדיק געשעפּטשעט: „בידך אפקיד רוחי"...

אַנדערע האָבן געגוואַלדעוועט: טאַטע, טאַטע אין הימל; ווו ביזטו? פאַר וואָס באַצאָלסטו זיי נישט!... פנימער האָבן זיך אויסגעדרייט אַהין, צו דער אַנטקעגנדיקער גרוב, דער גרוב, פון דער ערשטער הריגה, און געשריען ווילד, טויב אָן ווערטער...

אהרון, משה פלאַסקינערס זון, וואָס די דייטשן האָבן אים אויסגע־נוצט ביז דער לעצטער מינוט און ער האָט געגלויבט, אַז אים וועט דער טויט אויסמיידן, איז געשטאַנען אַ פאַרצווייפלטער. ס'האָט אָבער אים אויך גאָרנישט געהאָלפן...

עס האָט אַ בלענד געטאָן מיט נאַקעטער מיידלשער שיינקייט; בלאָנד געלאָקטע און שוואַרצע מיידלשע קעפּ מיט געדיכטע לאַנגע צעפּ; הויך געקנאָספּעטע פּרילינג־ברוסטעלעך און ווייסע ליכטיקע קערפּערס האָבן געבלאַנקט אין אָפענעם פאַרנאַכט, ביים עשאַפאָט...

געוועז אַזעלכע, וואָס האָבן זיך געבעטן ביי די מערדער שענקען זיי דאָס לעבן. אַזוי האָט זיך געבעטן די יונגע שיינהייט אסתר לאהס, די יינגערע טאָכטער פייגעלע מיט איר אינטימער חברטע, יאָסל ליפּעס טאָכטער: „שיקט אונדז ווו איר ווילט, אָבער לאָזט אונדז לעבן!".

מיכליע חצקאלס איז געבליבן שטיין פאַר די מערדער אין איר פולער פּראַכט: אַ הויכע, אַ שלאַנקע מיט אַ ווייסן יאָדערדיקן קערפּער און הויכן ווייסן מאַרמאָר האַלדז; אַ קאָפּ שוואַרצע, געדיכטע האָר און גלאַטן, צאַרטן פּנים, מיט אַ פּאָר גרויסע, טונקל־שטראַלנדיקע אויגן מיט שטאָלץ און ווירדע — אַ געטין פון שיינקייט.

די מערדער זענען עפּעס צעטומלט און איבערראַשט געוואָרן. אַ ווײַלע האָבן זיי אָפּגעשטעלט אין פאַרלעגנהייט די עקזעקוציע. זי האָט געעפנט איר שיינעם מויל און גענומען ריידן צו זיי, אַפּעלירן צום געוויסן פון זין פון אַזאַ קולטורעל פאָלק, ווי דייטשן זענען. „איר האָט דאָך באַדאַרפט ווייזן דער וועלט אַן אַנדער ביישפּיל"... צום סוף האָט זי געזאָגט: „ווען אַפילו מען האָט אייך געשיקט אומברענגען אַזוי פיל אומשולדיקע מענטשן, — זענט איר דען נישט אַליין קינדער צו עלטערן?, האָט איר דען נישט אַליין ווייבער און קינדער?"...

די דייטשן האָבן זיך אין איר איינגעקוקט. טויזנטער צוקוקערס האָבן זיך מיט זייערע בליקן איינגעזויגן אין איר שיינקייט און געהערט, ווי עס רעדט און בלוטיקט אַ יידישע טאָכטער, אין אַנבליק פון אירע מער־דער, און האָבן געשוויגן. און אויך הימל און ערד האָבן געזען און געהערט און געשוויגן...

אַ ווײַלע האָט בײַ אַלעמען אויפגעלויכטן אַ פונק פון האָפענונג... די דײַטשן האָבן זיך פלוצים ווי פון אַ שווערן קאָשמאַר אויפגעכאַפּט. זיי האָבן זיך פרעגנדיק אָנגעקוקט איינער דעם צווייטן, און מיט איין מאָל האָבן זיך קוילן צעפּייפט און צעשווישטשעט. שגעון, פחד און הילפלאָזי־קייט האָט אַרומגעכאַפּט די אויפגעיאָגטע מחנה לעבעדיקע סקעלעטן. אַלע האָבן געציטערט אין גרויליקער דערוואַרטונג...

אין רבקה־אסתר לאהס האָט מען דריי מאָל געשאָסן. דערווייל האָבן זיך די עלטערן גענומען געזעגענען מיט די קינדער. די געוויינען און געוואַלדן האָבן געשפּאָלטן אַלע זיבן הימלען... נאָך דעם ווי רבקה האָט געזען, וואָס מען האָט געטאָן מיט איר טאַטן — ישראל יונהס, האָבן די מערדער געפרעגט איר מאַמען:

— וועמען הרגענען פריער, דיך, אָדער דײַנע קינדער?

— מיר! — האָט די אומגליקלעכע מוטער געזאָגט.

האָבן זיי פריער דערשאָסן די קינדער און דערנאָך זי אַרײַנגעשטופּט אין גרוב און דערשאָסן.

ווען מען האָט אַרויסגעטריבן פון געטאָ, האָט רבקה איבערגעטאָן איר פיר־יעריק טעכטערל, מאַרטעלע.

— מאַמע! פאַר וואָס טוסטו מיר אָן דאָס שבתדיקע קליידעלע? — האָט מאַרטעלע געפרעגט.

אַצינד, בײַ דער עקזעקוציע, בעט זיך מאַרטעלע:

— מאַמע! לאָמיר אַנטלויפן, מען וועט דאָך אונדז הרגענען!

— אַבער יענע יונגע לײַט, וואָס זענען אַנטלאָפן, האָט מען דער־שאָסן... — ענטפערט די מאַמע.

דערווייל האָבן זיי דערשאָסן פאַר רבקהס אויגן איר גאַנצע משפחה. איינער פון די פיר מערדער, איז צוגעגאַנגען צו רבקהן און גע־פרעגט:

— וועמען זאָל איך פריער דערשיסן, דיך, צי דײַן קינד?

זי האָט געשוויגן.

דער מערדער האָט אַרויסגעריסן דאָס קינד פון אירע הענט. עס האָט

נאָך באַוויזן אַ געשריי צו טאָן: מאַמע!... דערנאָך האָט זיך דערהערט דער שאָס, וואָס האָט אַ סוף געמאַכט צו איר יונג לעבן...

אין דעם מאָמענט האָט דער מערדער אַ כאַפּ געטאָן רבקהן פאַר די האָר און ס'האָט זיך ווידער דערהערט אַ שאָס. דער מערדער האָט אָבער נישט געטראָפן. ווען ער האָט דערזען, אַז זי לעבט נאָך, האָט ער ווידער אויסגעשאָסן — און ווידער אויף פּוסט. איצט זענען אים אויס־געגאַנגען די קוילן. ער האָט גענומען ווידער אָנלאָדן דעם רעוואָלווער. זי איז נאָך אַלץ געשטאַנען נאַקעט און געוואַרט אויפן טויט.

צום דריטן מאָל האָט די קויל אויפגעריסן די אויבערשטע הויט פון קאָפּ און דאָס גראָבע פלייש פון אַקסל. זי איז געפאַלן אין גרוב אַריין מיטן פּנים אַראָפּ. זי האָט געפילט, אַז זי לעבט און נישט געגלויבט אין דעם. עס האָט זי גענומען שטיקן. עס האָט זיך ווידער דערהערט אַ שאָס און נאָך אַ שאָס. אויף איר האָבן גענומען פאַלן טויטע גופים. זי האָט זיך מיט אַלע כוחות באַמיט נישט דערשטיקט צו ווערן, זיך גענומען ראַטשקעווען און אַרויסקריכן פון אונטער די טויטע גופים. אירע כוחות האָבן זי פאַרלאָזט. פּלוצלינג האָט זי דערפילט, ווי עמיץ הויבט זי אויף, האָט זי ווידער גענומען קריכן אַרויף. ווידער האָבן איר האַלב־טויטע מענטשן אַראָפּגעשלעפּט און אומגעוואָרפן אויף אַ באַרג לעבעדיקע מתים, וועלכע האָבן זיך געראַנגלט, געקאַרטשעט, און געקלאַמערט קאָנוווּלסיוו אין זייערע לעצטע מינוטן, טרינקענדיק זיך אין אַ פייערדיקן ים פון מענטשן־בלוט, וואָס שטראָמט פון איינעם צום אַנדערן, וואָס שפּריצט אַרויף, ווי אַ פאָנטאַן, שפּרייט זיך ביי די ראַנדן פון גרוב און וויל זינקען אין די אָדערן פון די ערד־טיפענישן...

אָבער די צעשאָסענע לייבער האָבן זיך געקנוילט נאַקעט ווי ווערים, איינקלעפּנדיק און אָפּרייסנדיק זיך איינער פון אַנדערן, מיט אַ געכאָרכל, אין גסיסה־אַנגסטן, מיט צעעפנטע מיילער און צעקרימטע פּנימער, מיט צעלעכערטע פּיאַטעס און אויסגעבויגענע פיס און צעשפּרייטע הענט. זיי האָבן געפּויזעט אויף די בייכער, ווי רויטע ראַקעס מיט אָפן צעשאָסענע בייכער און אַראָפּפאַלנדיקע קעפּ... אָט האָט זיך פּלוצלינג אויפגעהויבן אַ באַוואַקסענער קאָפּ מיט צעעפנטע גרויסע אויגן און האָט אַרויס־

געלאָזט אַ מעכטיקן לייבן־געברום און איז צוריק געפאַלן אין אַ רויטן ים בלוט. אַנדערע האָבן נאָך געזשיפּעט און באַוועגט מיט די ליפּן...

אין אַ זייט איז געלעגן אַ פּנים פון אַ גוטן אַלטיטשקן, וואָס האָט געקוקט צום הימל מיט אַ פּאָר ווייכע יידישע אויגן, ווי ער וואָלט גע־האַלטן אין מיטן בענטשן...

אַ כאָרכל פון שטיקנדיקע אָטעמס האָט זיך דערהערט — פון זיך טרינקענדיקע אין אַ ים פון בלוט, בלוט פון זקנים, פון טאַטעס, מאַמעס, פון בליענדיקע כלות, פון אומשולדיקע קינדער, בלוט, בלוט, בלוט — — —

נישט אַלע זענען טויט געווען. ס'זענען אויך געווען לייכט פאַרוווּנ־דעטע. אַ סך זענען אָפּגעגאַנגען מיט בלוט. און אַ סך זענען דערשטיקט געוואָרן אונטערן באַרג מתים. דאָס אַלץ האָט מען ערשט דערזען אין באַגינען.

די מערדער, אָפּגעטאָן זייערס — אויסגעהרגעט אַ גאַנץ שטעטל יידן — זענען אַוועק.

אַרויס לעבעדיקע פון גרוב זענען די פאָלגנדע פּערזאָנען: רבקה אסתר לאהס, יודעס ירוחמס, פויגל שמואל מאירס, הינדע די באַדינויקער, מיכליע חצקאלס, און נאָך אַ פרוי מיט אַ קינד. יודעס און הינדע זענען געווען פאַרוווּנדעט אין פוס און אין האַנט, פויגל אין האַנט, מיכליע — אין רוקן. גיין האָט זי נישט געקענט, האָבן זיי זי ביי דער האַנט אַרויסגעצויגן פון גרוב. מער האָט מען נישט געקענט העלפן. זי האָט געוואָלט אַנטלויפן, זיך געבעטן און געבעטן, אָבער ווער האָט איר געקענט העלפן?

חוץ מיכליען האָבן זיך פון גרוב אַרויסגעראַטשקעוועט אויף די ביי־כער אַ סך קרבנות, וועלכע האָבן נאָך געלעבט און זיך געקלאַמערט אין דער האָפענונג ערגעץ־ווו זיך אויסצובאַהאַלטן. די קרבנות האָבן זיך פאַרשאַרט קילאָמעטערס ווייט, איבערלאָזנדיק הינטער זיך סמנים בלוט, פון זייערע ווונדן.

פון אַלע נאָענטע דערפער זענען זיך צעגויפגעלאָפן הינט, בילנדיק נאָכגעשמעקט און געלעקט די שליאַדעס בלוט, פון די קרבנות.

ביים ראַנד פון גרוב איז געזעסן די פרוי און געהאַלטן אויף

די העגט איר קינד פון איין און אַ האַלב יאָר, עס צוגעטוליעט שטאַרק, שטאַרק צו זיך, געערדט צו אים, צו זיך, צו דעם גרוב, צו די אָפענע פעלדער. פלוצלינג האָט זי זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט און געגומען מיטן קינד האַסטיק לויפן אַהיים, קיין פּאַהאָסט. מער האָט מען איר שוין אין ערגעץ נישט געזען...

הוץ זיי זענען פון גרוב אַרויס אָן אַ שיעור קינדער, פון פאַרשיידענעם עלטער; פון דריי ביז צען־יעריקע יתומים אין זייער נאַקעטקייט, באַ־שפּריצטע און באַגאָסענע מיט בלוט, זענען זיי אומגעלאָפן איבערן פעלד און געשריען: מאַמע! מאַמע! מאַמע! אַצינד זענען זיי, די קינדערלעך, פרייע און ווילן בלויז עסן און טרינקען. אסתרקע שרייט: „מאַמאַ! מילכעלע, מילכעלע!". משהלע קנאַקט מיט די ציינדעלעך: „פּאַפּאַ! פּאַפּאַ!", פּאַר וועלן אויסטרינקען אָן אייעלע פלעגט די מאַמע צוזאָגן אשרקען קויפן אַ פערדל. איצטער שרייט דאָס קינד און פאַרגייט זיך: „מאַמאַ! עסע איילע!"...

חוץ דעם לויפן די קינדער איצט צו דער אָזיערע. די אָזיערע איז דאָך געווען זייער גרעסטער, גרעסטער חלום, שטיין און קוקן אויף די קליינע פישעלעך און זשאַבקעלעך, באָדן זיך, אוי, באָדן!...

אַ מאָל פלעגן מאַמעס אַרומלויפן צעשראָקענע איבערן שטעטל זוכן די קינדער, צי זענען זיי חלילה נישט אַוועק אַליין צו דער אָזיערע זיך באָדן? איצטער זענען די געפּאַרבטע יתומימלעך פריי... לויפן זיי צום טייך, וואַרפן זיך אין זייערע כוואַליעס און, אַז אַ כוואַליע וועט דאָס קינד פאַרשלינגען, ווער וועט נאָך אים וויינען?!...

הינדע האָט געזאָגט, אַז זי האָט דאָ נישט ווייט אַ באַקאַנטן גוי, וואָס זייערע זאַכן ליגן ביי אים באַהאַלטן, האָט זי געבעטן מען זאָל איר העלפן צוהינקען אַהין. זיי אַלע: רבקה, פויגל, יודעס און הינדע זענען געקומען צום גוי. האָט ער אַ קוק געטאָן אויף זיי און געזאָגט: אַז באַר הינדען וועט ער אַריינלאָזן אין שטוב. זענען זיי אַוועק.

אויף מאָרגן אין דער פרי האָט דער זעלבער גוי הינדען דערהרגעט און זי אַרויסגעוואָרפן אויף דער גאַס.

יודעס מיט פויגלען זענען אַוועק צו די באַגדאַנאָוקער פעלדער.

רבקה האָט זיך באַהאַלטן אין די געשניטענע קאָרן־פעלדער און פון דאָרט אַלץ געזען. רבקה איז שטום געבליבן. זי האָט פאַרלאָרן איר לשון. נאָר שטומערהייט האָט זי געטראַכט, אַז ס'איז איר אַלץ איינס. זי האָט געהאַלטן אין איין קוקן צום גרוב און האָט געוואַרט אויפן טויט. נישט געווען מער וווהין צו גיין; נישט געווען צוליב וועמען צו לעבן; זי האָט נאָר אַרומגעזוכט צווישן די לעבעדיקע קינדער איר טעכטערל מערקעלען און האָט געגלויבט, אַז אפשר וועט זי נאָך אַרויס פון גרוב אַ לעבעדיקע... ווען די קינדערלעך זענען אַלע ווײַלע געקומען, זי אַרומגערינגלט און געשריען, גערופן: „מאַמע! מאַמע!"...

מיכליע האָט כסדר געקרעכצט און וואָס אַ מאָל שטילער, שטילער, געבעטן אַ ביסעלע וואַסער.

אויף צומאָרגנס ביי טאָג זענען אָנגעקומען די מערדער, צוזאַמען מיט גויאים, און מיט לאָפּאַטעס אין די הענט האָבן זיי אויפגעשאַרט אַלע פאַרכאַרטשקעוועטע קרבנות, וואָס האָבן שוואַך געקרעכצט. צענויפגעזאַמלט די לעבעדיק איבערגעבליבענע קינדערלעך און אַלע פאַרשיט אין גרוב.

מיכליען האָט דערהרגעט אַן אייגענער גוי. ער האָט אַוועקגעדרייט זיין פנים נישט צו קוקן איר אין די אויגן און זי דערהרגעט.

ווען די תלינים זענען אַוועק, האָט זיך די גרוב געהויבן דריי מעת לעת נאָכאַנאַנד און דאָס זאַמד איז געווען דורכגענעצט פונעם בלוט.

צווישן אייגענע

ביי טאָג האָט זיך רבקה באַהאַלטן אין די פעלדער. ביי נאַכט האָט זי זיך געדרייט לעבן גרוב. אין דער גרויזאַמער, נאַכטיקער שטילקייט האָט זי נישט געוווּסט, צי הערט זי דעם גערויש פון דער אַזיערע, צי דעם גערויש פון די פאַרפייניקטע, וואָס ראַנגלען זיך אין גרוב אין זייערע לעצטע מינוטן... אָט האָט זיך איר געדוכט, שווימט אַ פליעסקענדיקע כוואַליע, וואָס קלאַפּט זיך אָפּ אָן ברעג מיט אַ לייכטן, פּוכיקן שוים, און אָט האָט זיך איר געדוכט, ווי עמיץ וואָלט געשטיקט זיך, געטרונקען זיך און רופט נאָך הילף. פלעגט זי ווילד לויפן אַרום גרוב, זיך אַוועקלייגן און זיך איינהערן מיטן אויער, ווי אַ ווילד־זידנדיקער גערויש זשומעט פון אונטער דעם רויטן זאַמד, לעבעדיקע אָטעמס שלאָגן נאָך ווי אין שטיקנ־דיקע גאַזן... געוואָלט האָט זי שרייען, בעטן, רעדן צו זיי, צו אירע טייערע, זיי זאָלן איר אַריינציען צו זיך... נאָר אין איר פאַרשטומטקייט האָט זיך פון איר אַרויסגעריסן בלויז אַ ווילד געשריי, אַ ווילדער קוויטש, אַ שטייגער דאָס קול פון אַ וואָיענדיקן הונט בעת אַ שריפה... האָט זי אין האַרצן געיאָמערט אויף איר בראָך מיט אַ קול פון אַ ווילד־געוואָרענער חיה... אַזוי אַ יאָמערדיק האָט זיך אויף דעם אָפּגערופן פון ערגעץ אַן אמתער הונט, וואָס האָט אין זיין הינטישער אינטואיציע דערפילט זיינס אַ גלייכן. האָט ער גענומען האָוקען און וואָיען, לויפן אין איר ריכטונג. דער הונט איז צו איר נאָענט צוגעקומען און גענומען אַרומשמעקן דאָס אָרט מיט די ריחות פון בלוט, און זי מאָדנע אָנגעקוקט, ווי אייבער זאָגט: — ווער ביזטו, נאַקעטער מענטש? איינגעטונקען אין בלוט און בלאָטע און רעדסט אויף מיין לשון?!...

דערנאָך האָט דער ברוינער, גרויסער הונט אויפגעהויבן זיינע גרויסע, קיילעכדיקע, פייכטע אויגן און אָנגעקוקט זי מיט מענטשלעכן טרויער....

ער איז צוגעגאַנגען, געטאָן איר אַ לעק און זיך אויסגעצויגן ביי אירע פיס. ס׳איז איר לייכטער געוואָרן. זי האָט שוין געהאַט ווער עס זאָל איר העלפן יאָמערן... באַגינען האָט זי אים מיט אַ שטומען זשעסט געהייסן, ער זאָל אַוועקגיין, האָט ער איר געפאָלגט. ביי נאַכט איז ער צוריקגעקומען, דער פריינד אירער, אין איר גרויסן עלנט און איז געזעסן ביי אירע פיס ווי אַ טייערער שומר...

דערווייל האָט זי באַמערקט, אַז די גרוב הויבט זיך, באַוועגט זיך. האָט זי אַרויסגעלאָזן איר אוממענטשלעך געוויין און ער — נאָך איר, און אַזוי, אין זייער געמיינזאַמער קלאָגעניש, האָט זי פּלוצים באַמערקט פון רויטן זאַמד, אין מיטן גרוב עפּעס אַרויסשטעקן, ווי אַ פינגער. איז זי צוגעלאָפן אַרומגעכאַפּט דעם אויסגעדאַרטן פינגער, גענומען אים קושן און גערעדט צו אים אין דער מחשבה: טאַטע! טאַטעלע! נעם מיך צו, טייערער טאַטעלע!... און האָט זיך דערמאָנט, אַז ווען די דייטשן האָבן באַפוילן צו פאַרלאָזן די היימען און אַריין אין געטאָ, האָט דער טאַטע אירער באַהאַלטן זיינע הייליקע ספרים אויפן בוידעם און האָט זיי אַ סך מאָל געקושט, ווידער גענומען אין די הענט און געקושט און געוויינט. עס איז שוין געווען שפּעט, אַלע זענען אַוועק אין געטאָ, האָט דער טאַטע אירער דריי מאָל זיך אומגעקערט און געקושט די ווענט פון זיין שטוב, די ווענט פון זיין פּראַצע און שווייס — האָט זי ווידער און ווידער דעם פינגער געקושט און באַגאָסן מיט טרערן. באַלד איז איר פאַרגעקומען, אַז דאָס איז דער מאַמעס פינגער — מאַמעלע! נעם מיך צו דיר, איך וויל נישט מער לעבן! מאַמעלע! ווו איז מיין קינד?...

איר צעהיצטע פאַנטאַזיע האָט איר אויך אונטערגעזאָגט, אַז דאָס איז דער פינגער פון אירע ברידער, אירע שוועסטער! זי האָט געפּרוווט דעם פינגער אַרויסהויבן, אוממעגלעך! אַ קאַלטער, אַ פרעמדער ביין! ביין, טראַכט זי, דאָס איז דער פינגער פון אַלעמענס הענט, וואָס גיט אַ צייכן מען זאָל זיי געדענקען... דו מוזט לעבן, עס זאָל בלייבן „ווער" ס׳זאָל דערציילן דער וועלט, עס זאָל נישט פאַרשוויגן ווערן, מען זאָל נעמען נקמה, נקמה!...

אויפן דריטן טאָג האָבן די פּאַסטוכער באַמערקט רבקהן, האָבן זיי

גענומען אָפּשפּעטן פון איר נאַקעטקייט און באַוואָרפן זי מיט שטיינער. איז זי אַוועק פון דאָרט און איז אַריין אין אַ הויף און אַראָפּגענומען פון פלויט אַ רעדנע און פאַרדעקט איר נאַקעטקייט. האָבן די הינט זיך צעבילן און זי באַפאַלן און זיך געריסן זי צו בייסן. אָבער זי האָט נישט געפילט זייערע ציין... הערנדיק די בילעריי איז די גויע אַרויס, און צוגענומען די שמאַטע און זי פאַרטריבן.

איז זי אַוועק אין קאַמענער דאָרף, אין הויף פונעם גוי קרושעווסקי, פון קאַנאַטאָפּ. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אונטער אַ בוים, איז דער גוי אַרויס פון זיין שטוב און צוגעוואָרפן איר אַ שטיקל ברויט. זי האָט נישט געגעסן. דריי טעג אַזוי האָט ער איר צוגעוואָרפן און זי האָט נישט געגעסן. איין מאָל האָט זי מיט גראָז באַנעצט אירע ליפּן; זי האָט דערזען אַ בוים מיט ראַבינעס האָט זי מיטן זאָפט באַשמירט אירע ליפּן. פּלוצלינג האָט זי דערפילט הונגער. זיצנדיק אַזוי אונטערן בוים איז דורכגעגאַנגען דער מיליציאַנער אַדאַם קרושעווסקי, דער, וועלכער האָט מיט איר צוזאַמען געלערנט אין פאָלקס־שול. ער איז צו איר צוגעגאַנגען, געמאַכט אַ העפלעכע מינע און געזאָגט:

— קום צו מיר, איך וועל דיר אָנטאָן, נאָר קום באַווייז מיר, וווּ עס ליגט אייער גוטס?

דערווייל האָט ער זי אַריינגעפירט צו זיך אין הויף און פאַרשלאָסן אין שטאַל אויף צוויי שלעסער. אין שטאַל האָט זי דערפילט אונטער זיך ווייכע היי, האָט זי געוואָלט זיך אַ ביסל צולייגן, אָבער די ווונדן, וואָס האָבן געברענט און געבראָטן האָבן איר נישט דערמעגלעכט. קיין אָרט האָט זי זיך נישט געפונען. נאָר צום גרוב ציט עס איר. אָט, אָט, דוכט זיך איר, טאַפּט זי אָן דעם טאַטן, די מאַמען; זי שפּאַרט אָן דעם צעבלו־טיקטן אַקסל און וויל זאָגן: ס׳ברענט! און קאָן נישט רעדן. זאָגט זי צו איר ברודער שטיל אין דער מחשבה: — גיי, זוך אויף מיין מיידעלע, מערקעלען!...

אין דעם הערט זי פון הויף אַ שטים, און עס דאַכט זיך, אויף יידיש. מ׳קלאַפּט ביי אַדאַמען אין טיר און מ׳שרייט: „אָטוואָרי סעיטשאַס זשע!" (עפן גיכער).

צו איר גוטן גוי פון אַמאָל, גוטקאָווסקי קאַנאַטאָפּער, זענען געקומען היימישע פּאַרטיזאַנער, ווי שטענדיק, נעמען שפּייז. דער גוי פלעגט זיי העלפן מיט וואָס נאָר ער האָט געקענט, האָט ער איצט זיי אָנגעוויזן אויף אַדאַמען און זיי געזאָגט, אַז ער האָט פאַרכאַפּט זייערע אַ שוועס־טער, און אַז מאָרגן פרי וועט ער זי זיכער איבערגעבן די דייטשן. די פּאַרטיזאַנער זענען געקומען צו לויפן און געפאָדערט ער זאָל די מינוט אַרויסלאָזן וועמען ער האָט פאַרכאַפּט! יענער האָט געלייקנט און געזאָגט, אַז ביי אים איז קיינער נישטאָ.

— ווער איז ביי דיר אין שטאַל? — האָבן די פּאַרטיזאַנער געפרעגט.

— חזירים — האָט ער געענטפערט.

און ווידער הערט זי רעדן יידיש. אַזוי ווי אין שטאַל איז געלעגן ביים טויער אַ דראָנג, האָט זי אים פאַמעלעך אַרויסגעשאָרט פון שטאַל. דער פּאַרטיזאַן, וואָס איז געשטאַנען אויף שמירה אין הויף, בעת אַנדערע צוויי האָבן געריסן אַדאַמס טירן, האָט באַמערקט דעם באַוועגלעכן דראָנג. האָט ער צוגערופן די אַנדערע און צוזאַמען אויסגעהאַקט צוויי ברעטער און זי דערזען. זיי האָבן זי אַרויסגעצויגן דורך דער לאָך, געכאַפּט זי אויף די אַקסלען און — אַנטלאָפן.

רבקה איז אַריין אין אַ טיפער קאַנאַווע וואַסער און זיך טיף פאַר־שטעקט. די פּאַרטיזאַנער — אין אַ ביסל אַ ווייטערן שטאַל. ווען עס האָט גענומען טונקלען, האָבן זיי זי מיטגענומען מיט זיך אין באַגדאַנאָווקער וואַלד. דאָרט האָבן זיי זי אָפּגערייניקט פון דער בלאָטע און פונעם פאַרטריקנטן בלוט.

דאָס איז געווען אַ גרופּע יידישע פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן געזוכט אַנטלאָפענע, ניצול־געוואָרענע יידן.

געווען זענען דאָס די פּאַרטיזאַנער: אברהמל, יאָסל, שלום פעלדמאַן און סאָסניק. רבקה איז געזעסן אַליין אין וואַלד און זיך נישט גערירט פון אָרט. זי האָט נאָך אַלץ נישט געקענט רעדן. געווען שטום. די ווונדן האָבן נאָך אַלץ געברענט און געבראָטן. ביי נאַכט האָט זי פון ווייטן דערזען אַ פּאָר פייערדיקע אויגן זיך דערנענטערן און זיך נישט דער־

שראַקן. זי איז נאָך אַלץ געווען אין פאַרשטיינערטן צושטאַנד. ס'איז איר אַלץ איינס געווען. עס האָט איר געצויגן צום גרוב. ווען דער וואָלף מיט די פייערדיקע אויגן איז צוגעקומען נעענטער צו איר, האָט ער אַרומגעשמעקט איר מאָגערן, נאַקעטן, אויסגעדאַרטן קערפּער, אַרויסגע־לאָזט אַ שרעקלעכן ברום און אַנטלאָפן.

די פּאַרטיזאַנער, אַוועקגייענדיק אין אַן אַנדער וואַלד, האָבן זיי באַ־געגנט די אַנטלאָפענע פון האַנצעוויטשער לאַגער, צווישן זיי איז געווען קיווע שלום „קרוגלעס". דערהערנדיק וועגן רבקהן, האָט קיווע זיך געגנוי אויסגעפרעגט, וואָס מיט איר איז געשען.

איז קיווע מיט די פּאַרטיזאַנער אַוועק צו איר אין וואַלד. ער האָט זי באַלד דערקענט און מיטגענומען מיט זיך. פון דאַן האָט זיך אָנגעהויבן איר וועג אין דער פּאַרטיזאַנקע — וואַנדערנדיק מיט זיי פון וואַלד צו וואַלד. זי האָט צו ביסלעך אָנגעהויבן רעדן, זיך אָפּהאַקנדיק ביי יעדן וואָרט. זיי פלעגן זיך אויפשטעלן קאַמופלאַזשירטע ביידלעך, באַדעקט מיט געדיכטע צווייגן, אויסצובאַהאַלטן זיך פון די קעלטן און פון מוסרדיקע אויגן, דאָך פלעגן די גויאים זיי אַלע מאָל אַנטדעקן און אויסגעבן די דייטשן. דערווייל האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז רבקהס ברודער, משה, לעבט.

קיווע איז די גאַנצע צייט געווען זייער שפּייזער. קענענדיק די אַלע וועגן, איז ער געגאַנגען אין די אַרומיקע דערפער און כוטאָרן (איינציקע פעלד־־הייזער) —און האָט געבראַכט שפּייז־פּראָדוקטן. אַלע מאָל זענען צוגעקומען פרישע חברים. ביי נאַכט פלעגן זיי גיין איבער די פעלדער אויפקלייבן די צעשאָטענע קאַרטאָפל. ווען עס האָבן זיך אויסגעלאָזט די קאַרטאָפל אין פעלד, האָבן זיי זיך דערוווסט פון אַ גויאישער פאַר־שאָטענער גרוב קאַרטאָפל און אים אויסגעליידיקט. שווער און ביטער איז געווען מיט די בלויזע הענט צוצוקומען צו די קאַרטאָפל דורך דער פאַרפרוירענער ערד, דאָך פלעגן זיי אַרויסשאַרן יעדע קאַרטאָפל אַזוי פאָרזיכטיק — דער גוי זאָל חלילה נישט דערקענען.

ביי נאַכט פלעגן זיי צעלייגן אַ שטיל פייער און זיי געבראָטן. וואָסער האָבן זיי געפונען אויף יענער זייט וואַלד, וווהין ס'האָט געפירט

אַ בלאָטע־וועג, אָבער געגאַנגען אַהין זענען זיי נאָר ביי נאַכט. איין מאָל איז איינגעפאַלן לאָזער לוצקין צו גיין באַגינען נאָך וואַסער. רבקה איז געזעסן אויף וואַך, ביי אַ קליין פייערל, ווען אַלע זענען געשלאָפן. פּלוצ־לינג דערזעט זי פון ווייטן: גויאים און דייטשן. האָט זי מיט אַ געשריי אַלעמען אויפגעוועקט און זיי זענען זיך צעלאָפן. רבקה אַליין האָט זיך באַהאַלטן הינטער אַן אַלטן שטאָם און אַלץ צוגעזען. די דייטשן האָבן געכאַפּט לאָזערן און געפּאָרשט — וואָס ער טוט דאָ? ווי קומט ער אַהער און מיט וועמען ער געפינט זיך דאָ? אויב ער וועט אויסזאָגן, לאָזן זיי אים לעבן. האָט ער זיי אַלץ דערציילט. זיי האָבן אַ ווונק געטאָן צו די גויאים און יענע האָבן צוגעלייגט האָלץ צום קליין פייערל. ס'האָט זיך צעפלאַקערט אַ העלישער פייער. דאַן האָבן זיי געכאַפּט לאָזערן, זיין זון דוד און משה זלמנס זון שלום שטשאַרין. זיי גע־בונדן און לעבעדיקערהייט אַריינגעוואָרפן אין פייער. די געוואַלדן זייערע האָבן שוידערלעך אָפּגעהילכט איבערן גאַנצן וואַלד. די מערדער זענען אַוועק. איבערן וואַלד האָט זיך צעשפּרייט דער געסמאַל פון געברענטן מענטשן־פלייש.

ביי נאַכט זענען די פּאַרטיזאַנער צוגעגאַנגען צום שייטער־הויפן, צענויפגעקליבן די ביינער און זיי געבראַכט צו קבורה.

די קעלט האָט זיך געשטאַרקט. אַלע זענען זיי געווען נאַקעטע און באָרוועסע. רבקהס ברודער איז שוין דאַן געווען מיט זיי. לייגט פּאָר קיווע, מען זאָל גיין קיין פּאַהאָסט און אַרויסבאַקומען רבקהס זאַכן. „סיי ווי וועלן מיר די קעלט נישט איבערלעבן", זאָגט ער. גערעדט און געטאָן. זיי זענען אַלע דריי אַוועק. דער וועג איז געווען פול מיט סכנות. צוויי מעת לעת האָבן זיי געוואַנדערט, ביי טאָג האָבן זיי זיך ערגעץ פאַרשטעקט, ווו נאָר מען האָט געקאָנט, און ביי נאַכט — ווייטער גע־וואַנדערט. דורכן באַטאָוער וועג האָבן זיי זיך אַרויפבאַקומען אויפן באַרג — אַנטקעגן רבקהס שטוב.

איבער דער ברייט פון דער גאַס האָבן אַלע דריי געפּויזעט אויפן בויך: פּריער קיווע, נאָך אים רבקה און איר ברודער משה. קעגן איבער, ווו די וואַך שטייט, האָבן זיי דערהערט אַ שאָס, אָבער זיי האָבן זיך

נישט אָפּגעשטעלט. זיי זענען אַריין אין שייער פונעם דיאַק. דאָרט האָבן באַדאַרפט ליגן אירע זאַכן. אָבער זיי זענען געווען פאַרלייגט מיט היי. נישט קענענדיק זיך קיין עצה געבן, האָבן זיי געמוזט נעכטיקן אין שייער.

אין דער פרי האָט דער דיאַק דערזען רבקהן און האָט זיך דער־שראָקן און זיך גענומען צלמען; איז אַריין אין שטוב, דערציילט דעם ווייב. זיין ווייב האָט געזאָגט, אַז זי גייט שוין מסרן. איז קיווע אויפ־געשפרונגען און געזאָגט, אַז ער וועט אַלץ פאַרברענען! ער האָט זיי נאָך געדראָט מיט גאַנצע באַטאַליאָנען פּאַרטיזאַנער, וואָס שטייען אַרום.

דעם טאָג האָבן זיי שוין געמוזט איבערזיצן אין שייער. אַרום צען אַוונט, אָנגעטאָנענע אין שטיוול, קורטקעס און פעלצלעך און מיטנעמענדיק מיט זיך, פאַר די חברים, פאַרשיידענע קליידונג, האָבן זיי זיך צוריקגע־צויגן אין וואַלד אַריין.

קוקנדיק אויף זיי, האָט ראובהלע מלכהס און לייבקע סטאַשאַנער אויך זיך אָוועקגעלאָזט קיין פּאָהאָסט. זייערע זאַכן זענען געלעגן ביים גלח — דעם גרויסן יידן־פריינד. ער האָט זיי אויפגענומען מיט פריינד־שאַפט און מיט וואַרעמע ברכות. צוריקגעקערט אין וואַלד אַריין האָבן זיי זיך מיט כל טוב.

דערווייל איז זיך די פּאַרטיזאַנער משפחה צעוואַקסן מיט די צעלאָ־פּענע פון האַנצעוויטשער לאַגער. זיי איז אָבער נאָך גוט, זיי זענען אָנגעטאָן נאָך אין זייערע היימישע, וואַרעמע בגדים; זיי האָבן נאָך זייערעביידלעך, צעלייגן ביי נאַכט פייער און גרייטן זייער מאָלצייט — קאַרטאָפל מיט וואַסער. אַ מאָל ברענגט קיווע גריפּן, ברויט און שטיקער פעטס. זיי האָבן זיך איינגעאָרדנט מיט אַ גוט פאַרבויטן בונקער.

זיצנדיק אַזוי אין זייער הייל, האָבן זיי דערהערט טריט. מען האָט זיי געפונען. צוויי זענען שטיין געבליבן מיט רעוואָלווערן אין די הענט.

— די הענט אין דער הויך! — האָבן זיי אַ באַפעל געטאָן.

— ווער זענט איר?

— מיר זענען יידן — האָבן די פּאַרטיזאַנער געענטפערט.

— ווי קומען צו אייך די פעלצן, די שטיוול, און הויזן? קיין געווער

האָט איר נישט, הייסט עס, אַז איר באַראַבעוועט די פויערים! זעגט איר נישט מער, ווי רויבער! איז גיט אָפּ אַלץ!

מען האָט פון זיי אַלץ אַרונטערגעצויגן און זיי געוואָרנט, אַז פיר און צוואַנציק קילאָמעטער אַרום זאָל זייער פוס נישט געדאַכט ווערן...

זיי האָבן אַלץ געהאַפּט צו טרעפן די גרויסע אַטריאַדן פּאַרטיזאַנער. צום סוף האָבן זיי דערהערט, אַז אַלע אָרגאַניזירטע פּאַרטיזאַנער שיקן אַרויס זייערע יידן צו זיי. איז ווידער שלעכט געוואָרן. זיי האָבן שוין געהאַט גאָר אַ גרויסן עולם יידן, איז די כסנה געוואָרן נאָך גרעסער, זיי האָבן זיך געמוזט אָרגאַניזירן.

דוד באַבראָוו איז געוואָרן זייער ערשטער קאָמאַנדיר. די גרופּע האָט זיך גערופן: „שטשאָרס גרופּע”. נאָך אַ גרופּע איז געווען אויפן נאָמען פון ל. קאַגאַנאָוויטש. אין דער אויסשפּיר־גרופּע איז געווען לייבל באַבראָוו, מוליע, שלום, אברהמל מאַלייטשיק און פעלדמאַן.

שפּעטער האָבן זיך אַלע פּאַרטיזאַנער פּאַראייניקט אונטערן נאָמען קאָמאַנדיר — סאַרנע.

רבקה איז געווען די עלטסטע קעכין און האָט געהאַט אַ פּאָר שיק־סעס צו הילף. ס'איז אויסגעבראָכן אַ טיפוס־עפּידעמיע, האָבן די סאָוויעטן אַרונטערגעלאָזט מיט אַ פּאַראַשוט אַ גוטע דאָקטאָרין מיטן נאָמען געניאַ איוואַנאָוונאַ. דערווייל האָט מען אויף די פּאַרטיזאַנער געמאַכט אַן אַבלאַווע. רבקה איז געלעגן קראַנק. מיט דער בעטל האָט מען זי געמוזט טראָגן דורך די טיפע, סוכאָווער בלאָטעס אין אַן אַנדער וואַלד אַריין.

צו יענער צייט האָבן זיי שוין געהאַט גענוג געווער. און האָבן שוין פאַרנומען וויכטיקע פּאָזיציעס. רבקה איז צום צווייטן מאָל קראַנק געוואָרן. האָט מען זי אַריינגעטראָגן אין אַ ווייטן גויאישן שטיבל. פון ווינקל האָט מען צוגענומען די מאַטקע באָסקע, נעבן איר אַוועקגעזעצט די דאָקטאָרין און פאַרן שוועל געשטעלט צוויי פּאַרטיזאַנער אויף וואַך.

די דייטשן האָבן זיך דערנענטערט, די פּאַרטיזאַנער, נאָך אַ קאַמף, האָבן די דייטשן פּאַרטריבן.

די לאַגע איז געווען זייער ערנסט. מען האָט געהאַט גרויסע פּאַר־

לוסטן. אַ סך קעמפּער זענען געפאַלן. דערנאָך האָט מען זיך אומ־געקערט צו רבקהן. זי איז אָבער געווען שטאַרק קראַנק. פון גרויס געטריישאַפט האָט דער עלטסטער קאָמאַנדיר געזוכט אַלע וועגן, זי צו ברענגען צום געזונט. די דאָקטאָרין האָט געזאָגט, אַז איר צו־שטאַנד איז זייער אַן ערנסטער, אָבער עס איז פאַראַן אַ מעדיצין פאַר איר און פאַרשאַפן קען מען זי בלויז אין שטאָט לוניניעץ. און דאָרט האָט זיך געפונען דער דייטשער שטאַב.

דער קאָמאַנדיר איז באַשטאַנען אויף דעם, אַז די מעדיצין מוז מען פאַרשאַפן. האָט מוליע קאָזשושניק מיטגענומען אַ שיקסע, וואָס האָט פער־זענלעך געקענט דעם אַפּטייקערס ווייב. ער האָט זיך אויפגעזעצט אויפן פערד, אַריינגעריטן צום אַפּטייקער און געפאָדערט די רפואה. ווען יענער האָט זיך אָפּגעזאָגט, האָט מוליע דערלאַנגט אַ געשריי:

— מיר זענען פאַרטיזאַנער און דו מוזט עס געבן!

ער האָט עס טאַקע באַלד געגעבן. מוליע האָט באַצאָלט און צוריק אָוועקגעריטן מיט אַזאַ גאַלאָפּ, אַז דאָס פערד האָט אַזש געשוימט.

*

אינעם גאַנצן פאַרשאָלטענעם גרויזאַמען אומגליק, איז רבקהן צוגע־קומען אַ נייע קללה: די קללה פון ווערים. אייגנטלעך, האָט זיך דער אומגליק געדאַרפט אָנהויבן אַ סך פריער. באַלד ווי דער אָקופּאַנט האָט זיך נאָר באַוויזן, מיט דער ערשטער שחיטה, ווען אָנשטאָט ברויט האָט מען געשלונגען טרערן, פּיין און פחד, דערנאָך, ווען מען האָט פאַרשפּאַרט אַ גאַנץ שטעטל יידן ביי שוידערלעכע געטאָ־באַדינגונגען, אָן היגיענישע מיטלען, אָן לופט, אָן שפּייז, אָן געזונט און לעבן. דאָך האָט זיך די קללה — לייז און ווייסע ווערים, באַוויזן ביי איר ערשט נאָכן גרוב; ווען איר גוף און נשמה זענען אין גאַנצן רואינירט געוואָרן, האָבן די ווערים באַקומען איבער איר די שליטה.

פון דער אָפענער ווונד ביים אַקסל האָבן זיך ביי רבקהן באַוויזן ווייסע קליינע ווערים. האָט זי זיי אַראָפּגעשאַרט, אין אַ שעה אַרום —

ווידער ווערים. זי באַווייזט זיך נישט אַרומצוקוקן, ווידער — ווערים. זיי קומען אַרויס פון אינעווייניק, פון דער ווונד און צעשפרייטן זיך אומעטום, פון איר קאָפּ־ווונד קומען אַרויס לייז. איר חרובער גוף איז געוואָרן אַ נעסט פאַר לייז און ווערים.

געשען איז עס, ווען זי האָט פאַרלאָרן דאָס לשון, ווען איר נשמה האָט אַרויסגעוויינט אָן אַ קול, דאַן האָט זי דערזען דעם ערשטן ווייסן וואָרעם אויף זיך, ווי דאָס וואָלט געווען דער סימבאָל פון איר פאַר־שטומטקייט. אָבער וואָס ווייטער האָבן זיי זיך געמערט. און מיט קנאה האָט זי געטראַכט וועגן יענע אין גרוב, בעסער צו ליגן אין גרוב מיט אַלעמען גלייך, איידער אַרומגיין אויף אַ ליכטיקער וועלט, אַ פאַר־קראָכענע, אַ פאַרוואָרלאָזטע, מיט אָפענע און פאַרטריקנטע ווונדן; אַ פאַרשעמטע, אַ שטומע, אַ נאַקעטע, אַ פאַרשטויסענע, פון אַלץ און אַלעמען, ווי ס'זאָגט דעם דיכטערס קללה:

„עס זאָל אייך דאָס לעבן פאַרמיאוסט ווערן,
און איר זאָלט דעם טויט אויף זיך בעטן,
נאָר גאָט זאָל אייך ביידע נישט געבן!".

היינט געפינט זיך רבקה — אַ זויבערע, אַ ליכטיקע מאַמע פון צוויי טייערע, געראָטענע זין — אין ישראל, צוזאַמען מיט איר איידעלן מאַן, דעם געוו. פּאַרטיזאַן, אברהם יאָסעלעווסקי.

פאַרטיזאַנער דערציילן

מוליע קאַזשושניק:

אַנטלויפנדיק פון האַנצעוויטשער שקלאַפן־לאַגער, האָבן מיר געאײַלט אַהיים קיין פּאָהאָסט, אַרויסצוראַטעווען פון געטאָ אונדזערע משפחות. מיר האָבן אָבער פאַרבלאָנדזשעט און פאַרשפּעטיקט. די דײַטשע רוצחים האָבן זיי דערמאָרדעט איידער מיר זענען אָנגעקומען.

די אַנטלאָפענע פון מײַן גרופּע זענען געווען: יאָסל און שלום פעלד־מאַן, משהל, זעליק אַלייניק און נאָך אַנדערע פינף. זענען מיר אַלע אַוועק אין פּאָהאָסטער וואַלד. דאָרט האָבן מיר געטראָפן די אַנטלאָפענע פון פּאָהאָסטער שחיטה: דוד און לייבל באָבראָוו, אברהם פעלדמאַן, פּאָ־שטשיצקי און דער סטאָליער אהרון שיפּמאַן. ווען עס זענען צוגעקומען נאָך האַנצעוויטשער און פּאָהאָסטער, זענען מיר אַוועק אין באַגדאַנאָווקער וואַלד. געפירט האָט אונדז אברהמל פעלדמאַן, וואָס האָט געקענט דעם וועג.

דאָרט האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז אין פּאָהאָסטער וואַלד באַהאַלטן זיך אויס: מנשה באָבראָווס פרוי מיט אירע צוויי טעכטער און נאָך פינף פּערזאָן; פיר פון זיי פּאָהאָסטער ייִנגלעך. ביז מיר זענען געקומען צו זיי, האָט אַ באָבריקער גוי זיי אויסגעליפערט צו די דײַטשן. בלויז ברוך און יצחק יוזשוק און אשר גאָלדמאַן, איז געלונגען צו אַנטלויפן.

אין פּלאָטניצער וואַלד זענען געווען באַהאַלטן: לאָזער לוצקי, מוליע שטשארין, מאיר ציפּערשטיין, הערמאַן סענדער, מוליע לוצקי. מוליע און סענדער זענען געווען פאַרוווּנדעטע. גייענדיק אַזוי דערזעען מיר איינעם פויזן אויף אַלע פיר. איך קום צו נענטער, דערזע איך מײַן קוזין מוליע. ער האָט אונדז דערציילט וועגן די פאַרברענטע אין יענעם וואַלד,

ווו די פּאַרטיזאַנערין רבקה האָט דאָס אַלץ צוגעזען. נישט האָבנדיק קיין ברירה, האָב איך אים גענומען אויף מיינע אַקסלען און אַזוי אים אָפּגעטראָגן ביי אַ 25 קילאָמעטער. אויפן וועג ביי אַ גוי, האָבן מיר באַקומען אַ ביסל שטשעפּאָווע מאַסטי, מיט וועלכער עס איז שפּעטער געלונגען אויסצוהיילן די ווונד.

מיר האָבן באַשלאָסן צו נעמען נקמה. קיין געווער האָבן מיר נישט געהאַט, האָבן מיר זיך פאַרבונדן מיט באַקאַנטע גויאים, האָבן די גוטע גויאים אונדז פאַרשאַפט אַ ביסל געווער. די ערשטע נקמה איז געווען אויף יענעם גוי, וואָס האָט דערהרגעט די מאַמע מיטביידע טעכטער.

שבת ביי נאַכט זענען מיר אַריין אין באַגדאַנאָווקער דאָרף און ביי אַ גוי גענומען צוויי שליטנס און צוויי פערד און אַוועק אין באַכקער דאָרף. אין יענעם דאָרף האָט געוווינט „דער גוי", דאָרט האָבן מיר זיך דערוווסט, אַז דער גוי געפינט זיך איצט אין הויף שישיצק, ביי זיינעם אַ שוואָגער און מאָרגן קומט פאַר זיין חתונה. זענען מיר אַוועק צו אים, אָנגעקלאַפּט אין טיר:

— ווער איז?

— פּאַרטיזאַנער — ענטפערן מיר.

מיר קומען אַריין. די שטוב איז ווייס געקאַלכט. לענג אויס זענען אויסגעשטעלט הילצערנע טישן און בענק און עס איז וואַרעם, אַ גן־עדן. אויף די טישן — פון כל טוב. אין ווינקל זיצן און שלאָפן די מוזיקאַנטן, אָנגעפּרעסענע, באַזויפענע, מיט רויטע פאַרשוויצטע פנימער. ווען מיר זענען אַריין, זענען אין דרויסן אויף וואַך געבליבן שטיין: קלמן ברעוודא, לייבל און אברהמל באַבראָוו און נאָך עטלעכע פּאַרטיזאַנער. צו אַלעם ערשטן האָבן מיר פון די טישן אַלץ צוגענומען, דאַן פון יעדן אַראָפּ־געצויגן די שטיוול און צום בעל־דבר אַליין געזאָגט:

— קום, ווייז אונדז דעם וועג קיין פּלאַטניצע!

רופט זיך אָפּ זיין שוואָגער:

— איך וועל אייך גיין ווייזן!

— ניין, — זאָג איך — ער זאָל ווייזן! — און ווענד זיך צו אים:

— טו זיך אָן און קום!

אַלע האָבן זיך אַריינגעזעצט אין די שליטנס און איך — הינטער אים.

דורכפּאַרנדיק שישיצק, ביי אַ הונדערט מעטער פון שטוב, האָט דער גוי אָנגעהויבן אַרונטערלאָזן זיינע פיס פון שליטן.

— זיץ גלייך! — זאָג איך צו אים.

אין דעם האָב איך אים אָנגעכאַפּט פאַר דער פּלייצע און קאָלנער. די צווייטע האַנט מיינע האָט אַרויסגעכאַפּט פון שליטן אַ האַק און אים צעממתט אויף שטיקער. מיר האָבן אים אויסגעטאָן אַלע זאַכן, אויסגעשאָסן צוויי מאָל אין דער לופטן און אַוועק.

אויף צו מאָרגנס האָט די גאַנצע געגנט געוווּסט, אַז פאַרן פירן די דייטשן צו יידן, האָט מען אים באַצאָלט.

די צווייטע נקמה איז געווען פאַר די פאַרברענטע אין וואַלד. יענעם גוי האָבן מיר אַ האַלב יאָר צייט נאָכשפּיאָנירט און נישט געקאָנט אים באַקומען. אין אַ געוויסן אָוונט קומען מיר אַריין אין דאָרף באַגדאַנאַווקע, ווו מיר דערוויסן זיך, אַז ער געפינט זיך אין עק דאָרף. מיר האָבן געוואַרט ביז ס'האָט אָנגעהויבן טונקלען. דאַן זענען צו אים אַריין: אברהמל פעלדמאַן און זעליק אָלייניק. דער גוי האָט זיי דערקענט און זיך געוואָרפן אויף זיי מיט אַ היי־גאָפּל און פאַרוווּנדעט אברהמלען אין אויער און איז אַנטלאָפן. אָלייניק האָט אים נאָכגעשאָסן און געטראָפן אין הינטער־חלק. די דייטשן האָבן אים אין שפּיטאָל אויסגעהיילט.

צום דריטן מאָל זענען מיר געווען אַ גרופּע פון פיר: אַ בחור, אַ קצב פון דאָרף צוצעוויטש, מיטן נאָמען אַשעראָווסקי, אברהם קאַליוואַטש, אברהמל פעלדמאַן און איך. מיר האָבן אָנגעקלאַפּט אין טיר. מען האָט נישט געעפנט. אַ צווייטן מאָל — ווידער נישט געעפנט. האָבן מיר שוין דאָס מאָל אויפגעבראָכן די טיר. אין דעם האָט דער גוי דערלאַנגט אַ געשריי צו זיין ווייב: „גיב די האַק!" און זיך געוואָרפן מיט אַן אייזערנער גבורה אויף אַשעראָווסקין און זיך געכאַפּט פאַר דער ביקס. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן ראַנגלען, געפאַלן אויף דער ערד, זיך געבאָרעט און געקייקלט איינער אויפן אַנדערן, ביז אהרון האָט אַרויסגעכאַפּט זיין באַגנעט און פון הינטן אים אַריינגעזעצט אין פּלייצע, איין מאָל און אַ צווייטן מאָל...

מיט דעם האָט זיך פאַרענדיקט דער דריטער נקמה־אַקט.

אַ דאַנק די דאָזיקע העלדישע נקמה־אַקטן, איז אַ פּחד געפאַלן אויף די גויאים פאַר די יידישע פּאַרטיזאַנער און מער קיין אָנפאַלן אויף יידן זענען שוין אין אונדזערע געגנטן נישט געווען.

אברהמל פעלדמאַן:

נאָך דער ערשטער פּאָהאָסטער שחיטה בין איך מיט נאָך דריי אַנטלאָפן צו אַ באַקאַנטן גוי אין דאָרף באַגדאַנאָווקע. דער גוי דערציילט אונדז, אַז דאָ האָט מען שוין אויסגעהרגעט אַלע יידן, פּונקט ווי אין שטעטל לאַהישין און אין דאָרף טשוכאָוו. בין איך צוריק אַוועק קיין פּאָהאָסט און פאַרבייגעגאַנגען די פרישע קברים פון מיין משפּחה. צוריק־וועגס האָב איך געטראָפן מיין טאַטן און ברודער.

באַלד זענען מיר, די פינף און דרייסיק מאַן מאָביליזירט געוואָרן אין צוואַנגס־לאַגער האַנצעוויטש. דאָרט האָב איך געאַרבעט צוויי חדשים ביי דער ווערמאַכט. איך האָב געדאַרפט באַזאָרגן די אַרבעטער מיט סאַ־כאַרין. ווען די ווערמאַכט איז אַוועק, בין איך געגאַנגען אַרבעטן ביים פּאָליציי־קאָמיסאַר. דאָ האָבן מיר, איך און מאיר קיווּעס, געהאַט די געלעגנהייט זיך צו דערוויסן אַלע נייעסן.

דערווייל האָט מען מיך געשיקט אין שטעטל איך זאָל ברענגען פּאָדעשווע. איז אין שטעטל געוואָרן אַ שמחה, מען האָט מיך שוין אין שטעטל געהאַלטן פאַר אַ טויטן. צוריקוועגס האָבן די משפּחות געשיקט מיט מיר בריוו און פּעקלעך שפּייז פאַר די פאַרשקלאַפטע פּאָהאָסטער.

ביי דעם זעלבן דייטש, האָב איך געאַרבעט נאָך פינף חדשים. אַזוי ווי אין שטעטל איז דאַן געווען נישט קיין שלעכטער קאָמענדאַנט, האָבן מיינע ביידע מומעס אינטערוועניערט, אַז ער זאָל מיר פאָדערן אַלס אַר־בעטער אין רודניער טערפּענטין־פאַבריק. פאַרן פּרייז פון מיין גאָלדענעם זייגער און גוטן קאָסטיום, בין איך פון דאָרט באַפרייט געוואָרן.

אין אַ וואָך אַרום האָב איך זיך דאָרט אָנגעטראָפן אויף אַן אַקציע. מען האָט פאַרשפּאַרט אין שול די ווייבער און געפאָדערט געלט. דער־ווייל האָבן די דייטשן דערשאָסן אויפן גאָרטן מיין טייערע באָבע. אין

אַ פּאָר טעג אַרום איז אַנטשטאַנען דער געטאָ. ביי שמואל מאירן אין שטוב האָבן שוין געוווינט ניינציק מענטשן.

שבת, איין טאָג פון דער געטאָ־ליקווידאַציע, בין איך גראַדע געווען מיט יידן, מיט וועלכע מיר האָבן געאַרבעט ביי סענדערן אין שטוב. איך האָב זיך דאָרט באַהאַלטן אין קלאַדאָווקע. נאָך דער שחיטה זענען מיר ביי נאַכט אַריבערגעשווימען די אַזיערע און אַריין צו אַ באַקאַנטן גוי. דער גוי האָט אונדז געגעבן עסן, אָנגעטאָן אונדז אין רובאַשקעס און מיר זענען אַוועק אין וואַלד. מיר האָבן געזען, ווי מען האָט געהרגעט דריי מענטשן. מען האָט אויך אונדז געפרעגט, ווער מיר זענען, האָבן מיר געענטפערט — יידן.

מיר זענען שוין פינף מאַן: איך, שמואל און לייבל באַבראָוו, אהרון שיפמאַן און מיין שותף.

די זעלבע גויאים האָבן אונדז דערציילט, אַז די יידן זענען אַנטלאָפן פון לאַגער, זיי דרייען זיך דאָ אַרום אין וואַלד. גייען מיר זיי זוכן. גייענדיק ביים ברעג טייך, הערן מיר אַ פייף, גייען מיר נאָכן ווידערקול. ערשט מיר טרעפן אָן דוד באָבראָוון. דערציילט ער אונדז, אַז מיט אים זענען דאָ צוואַנציק מאַן אַנטלאָפענע פון געטאָ, דערונטער אויך ווייבער מיט קינדער. מיר האָבן זיי געגעבן פון די שפייז, באַקומענע פון די גויאים. שפּעטער האָבן מיר אויך באַגעגנט מוליען און שלומען.

שוין דריי חדשים, אַז מיר געפינען זיך אין וואַלד. דער שניי האָט אַלץ אַזוי פאַרדעקט, אַז מען דערקענט אַפילו נישט, ווו מיר זענען.

איין מאָל האָבן מיר דערהערט אַ גערויש פון פוס־טריט. אַלע זענען מיר זיך צעלאָפן. איך מיט אהרונען זענען זיי געגאַנגען אַנטקעגן און אָנגעטראָפן פאַרטיזאַנער. זיי האָבן נישט געגלויבט, אַז אין דער דאָזיקער ווילדעניש, אין אַזאַ ווייטער וואַלד־טיפעניש, געפינען זיך מענטשן. די פאַרטיזאַנער זענען אַוועק צו זייערע אָפיצירן און דערציילט. יענע האָבן נישט געגלויבט און געקומען זען. זייערע עלטסטע האָבן געשיקט נאָך מיר רופן. איך האָב זיי געזאָגט, אַז איך בין אַ ייד און שטאַם פון דער געגנט און אַ דאַנק דעם, קען איך טאָפּאָגראַפיש זייער גוט די סביבה.

דאַן האָבן זיי אויסגעקליבן דריי הונדערט מענטשן, צווישן יעדע

פינף — איין ייד, ווי אַ וועג־ווייזער. לויט דער פֿאַראָרדענונג, האָבן מיר געדאַרפט אָנפאַלן אויף פּאָהאָסט. זענען מיר אַוועק. דאָרט איז אָבער געווען אַזוי פיל בלאָטעס און זומפּן — איינגעזונקען צו ווערן. נישט קענענדיק זיך אַהין דערקלייבן, זענען מיר אַריין אין דאָרף קאָמין, עס אויסגעליידיקט און זיך אומגעקערט מיט כל טוב...

דער גענעראַל האָט געהייסן קלעשטשאָוו. (אין יאָר 1945 איז ער געווען סעקרעטאַר פון „אָבקאָם" פון דער פּאַרטיי אין פּינסק).

אין אַ פּאָר טעג אַרום, זענען די פּאַרטיזאַנער אַוועק און האָבן איי־בערגעלאָזט אַ שריפטלעכע מעלדונג, אַז דוד באַבראָוו זאָל זיין קאָמאַנדיר און איך — זיין פּאַרטרעטער. זענען מיר אַזוי אַרום געוואָרן אַ זעלבסט־שטענדיקער אָטריאַד. שפּעטער האָבן זיי אַריינגעשיקט זייערן אַ קאָמאַנדיר. מיר זענען אַוועק אין ראַזוויעדקע (אויסשפּיר). נאַטשאַלניק — דוד און קאָמאַנדיר פון „זוואָד" — לייבל באַבראָוו, מיין ברודער און לייבל פעלדמאַן.

די משפּחה פון יוזעף רושעווסקי האָב איך, מיט דער דערלויבעניש פון קאָמאַנדיר, דערשאָסן פאַרן אָנשיקן די דייטשן אויף יידן.

מען האָט אונדז באַפוילן, מען זאָל ברענגען די גויאים, וועלכע האָבן מיטגעאַרבעט מיט די דייטשן. האָבן מיר געבראַכט: מיכאַ גאַליפּע, יאַקאָוו, דעם צערקאָוון סטאַראָסטע און האַווריליאַ דעם הינקענדיקן. מען האָט זיי אויסגעפאָרשט און געהייסן מיר און מוליע קאָזשושניק זיי דערשיסן. מיר האָבן אויסגעפירט דעם אורטייל.

ווען דער קאָמאַנדיר מיט די פּאַרטיזאַנער זענען אַוועק אויספירן אַן אויפגאַבע — אויפצורייסן אַ באַן ביים שונא, איז מען אונדז געקו־מען זאָגן, אַז אַ לולינער גוי גיט אונדז אויס די דייטשן. האָב איך גענומען מיינע אַ פּאָר באַגלייטער און אַריין צו אים דורך דער הינטער־טיר, געוויזן אים דעם רעוואָלווער, געבונדן אים און געבראַכט אים אין וואַלד צו אונדז. די דייטשן האָבן געוואַרט אויף אים, ער זאָל זיי פירן אין וואַלד צו אונדז. אַז דער גוי איז נישט געקומען, זענען זיי אַוועק. דערנאָך זענען מיר מיט אים געגאַנגען איבערן דאָרף און יעדן אים

געצייגט. שפעטער האָט אים, קרולעוועצקי, דער באַראַנאָוויטשער, דער־שאָסן אין וואַלד.

שיינדל בערקעס, די פּאַרטיזאַנערין:

אין פּאַהאָסטער געטאָ איז געווען איר גאַנצע משפחה: זי מיטן מאַן און צוויי־יעריקן זונעלע; אירע טאַטע־מאַמע, שוועסטער מיט זייערע משפחות. די גאַנצע טראַגישע עפּאָכע פון היטלעריזם האָבן זיי דורכגע־מאַכט. דער טאַטע אירער האָט הייליק געגלויבט אין אַ נס פון גאָט, אַז זיי וועלן אַלע אַרויס בשלום און אַז אויף די באַציסטן וועט קומען אַ מפּלה. אַ טבע האָט שיינדל געהאַט, שטענדיק צו שטיין אין פענצטער און אַרויסקוקן. דאָס האַרץ האָט איר געזאָגט, אַז עס מוז געשען עפּעס שרעקלעכס...

אין דעם טאָג, אין וועלכן די פּאַרטיזאַנער פון דיאַדיאַ מישאַ האָבן געבונדן די מיליץ, צעעפנט דעם געטאָ און אַ באַפעל געטאָן: אַנטלויפט!, איז שיינדלס מאַן, דוד באַבראָוו, אַרויס צו דיאַדיאַ מישאַ און גערעדט מיט אים און, אַז ער האָט געהערט, אַז מען דאַרף אַנטלויפן, ווייל דאָ וועט מען אַלעמען דערהרגענען, איז ער אַריין זאָגן שיינדלען, אַז מען דאַרף אַנטלויפן.

— ווי קען איך איבערלאָזן מיינע אַלטע טאַטע־מאַמע?!....

ווען די דייטשן האָבן באַפוילן אַריין אין געטאָ, האָבן זיי געהייסן די קריסטן, צייטווייליק, פּאַרלאָזן זייערע הייזער פונעם געטאָ־פּלאַץ און פּאַרנעמען די יידישע היימען. איצט וווינען זעקס משפחות אין איין חדר, ביי מיכאַלן אין שטוב.

אָט האָט שיינדל שטייענדיק ביים פענצטער פּלוצלינג דערזען אַ פולן געטאָ מיט מיליץ און דייטשן, אין עפּעס מאָדנע בלעטער־גרינע, גלאַנציקע קאָסטיומען. איז זי צוגעלאָפן צום טאַטן און געזאָגט:

— טאַטע! דער געטאָ איז פּאַרגרינט געוואָרן! דייטשן, גויאים!

דער טאַטע איז געוואָרן ווייס ווי קאַלך און האָט זיך פּלוצלינג אָפּגערופן אַנטוישט:

— ס׳איז גאָרנישט, הכל הבל...

אַ מאַשין איז אַריינגעפאָרן אין געטאָ אַריין און געפירט אַלץ טיפער אין געטאָ, אַרויפצו צו דער אָזיערע. אַנטלויפן איז שוין איצטער צו שפעט. האָב איך אויפגעעפנט אַ קעלער און אַהין אַריינגעשטופּט מיין מאַן, פאַרמאַכט און פון אויבן אַוועקגעשטעלט אַ באַנק. אַליין בין איך געבליבן שטיין אין גאַנצן אַ פאַרלאָרענע...

אַרום און אַרום חורבן, בהלה און אין דעם פינצטערן אומגליק פון טרערן און פאַרלאָרנקייט קומט צו לויפן שרה פורמאַן, מיט צוויי קליינע קינדער און בעט מ׳זאָל גיין מיט איר זיך באַהאַלטן. קיינער ענטפערט איר נישט. טוט זי מיר אַ נעם פאַר דער האַנט — קום שנעלער מיט מיר! האָבן מיר, איך מיט מיין קליין ייִנגעלע און זי, באַהאַלטן זיך אין אַ גרוב, ביי מיכאַלן אויפן הויף. דערווייל האָט מען שוין אַלעמען אַרויסגעפירט...

די ערשטע נאַכט נאָך דער הריגה. מיר זענען לעבעדיק געבליבענע איין און צוואַנציק פערזאָן: פרויען, מענער און קינדער. מיר האָבן געפרוווט אַנטלויפן, אָבער באַמערקט פון וייטן אויפן בריק די וואַך פון דער מיליץ. האָבן מיר זיך פאַמעלעך צוריקגעצויגן און אַלע צוזאַמען זיך אַריינגעקוועטשט אין דעם קליינעם גריבל, ווו איך מיט שרהן זענען פריער געווען.

אין דער פרי האָט זיך מיין קליין, צוויי־יאָריק זונעלע, צעוויינט, ער וויל טרינקען! עס האָט נישט געהאָלפן קיין צערטלען און שושקענ־דיקן איינשטילן אים. ער האָט אָן אויפהער געוויינט. האָבן זיך מיינע אומגליקלעכע שכנים אויפגעבונטעוועט — זיי מוזן אים דערהרגענען!...

די מאַמע האָט אָבער קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט, בכדי די צוואַנציק לעבנגעבליבענע זאָלן איר קינד נישט דערהרגענען און איר בן יחידל זאָל נישט אויסגעבן די באַהאַלטענע, האָט זי געלאָזן פון זיך די „וואַסער" און געגעבן דעם קינד צו טרינקען... האָט ער זיך איינגעשטילט.

צו מאָרגנס, ווען דאָס גאַנצע געטאָ איז געשטאַנען צעפּראַלט, אויס־געליידיקט פון אַלע פאַרשפּאַרטע, פון אַלע אויסגעשאָכטענע יידן, איז

געקומען זייערס אַ הייליק באַגלייבטע נקבה, וואָס האָט געאַרבעט ביי די ס.ס.־לייט און אָנגעהויבן באַראַבעווען דאָס פאַרבליבענע האָב און גוטס פון די פאַרטיליקטע און פאַרטריבענע. זי האָט דערהערט דאָס שוואַכע אונטערערדישע קול, פונעם וויינענדיקן קינד. איז די גויע אַוועק און געמאָלדן די דייטשן. באַלד איז צוריקגעקומען די עקספּעדיציע, אַ באַגלייטע פון אַ גרויסן שפּיר־הונט און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ גייעניש און אַ זוכעניש מיט עלעקטרישע לעמפּלעך, פאַרויס איבערן גאַנצן געטאָ־שטח, פון שטוב צו שטוב, פון הויף צו הויף, איז מען געגאַנגען און אַפילו אַריינגעלויכטן אין קעלער, ווו דוד באַבראָוו איז געלעגן ווייט פאַררוקט. זיי האָבן אים נישט באַמערקט. אין דער גרויסער שטילקייט, וואָס דאָ האָט געהערשט, האָבן זיי נישט באַמערקט, נישט געגלויבט, אַז דאָ געפינען זיך נאָך לעבעדיקע יידן, האָבן זיי פאַרלאָזט די ליידיקע געטאָ־תפיסה און אַוועק.

אויף דער צווייטער נאַכט האָבן מיר גענומען אונדזערע קליינע קינדער אויף די הענט און זענען אַוועק אין באַגדאַנאָווקער וואַלד. ווייל ביי אונדז זענען געווען קליינע קינדער, האָבן די רעשט מורא געהאַט זיין מיט אונדז צוזאַמען, האָבן זיי אונדז פאַרלאָזט און אַוועק ווייטער.

דוד האָט ערגעץ אין אַ זייטיקן דאָרף געקריגן פאַרן קינד אַ ביסל מילך מיט אַ שטיקל ברויט, און אַליין איז ער אַוועק זוכן פּאַרטיזאַנער. זענען מיר ווידער געבליבן אַליין אין ווילדן וואַלד. אין צוויי מעת־לעת אַרום, האָט זיך דוד צוריקגעקערט מיט דער בשורה, אַז ער האָט געפונען פּאַרטיזאַנער. האָט ער אונדז מיטגענומען און פון דאַן אָן האָט זיך אָנגעהויבן דער ווילדער געיעג, וואָס הייסט לעבן אין די וועלדער צווישן גויאים רוצחים, אַנטיסעמיטן און חיות...

אין אונדזער קריסטלעכן אָטריאַד, האָט מיין מאַן דוד גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל ביי שווערע העלדישע אָפּעראַציעס קעגן די דייטשע רוצחים; איך האָב זייער שווער געאַרבעט אין די וואַלד־וואַנדערנדיקעווירטשאַפטן: געוואַשן וועש, געשלעפּט גרויסע עמערס וואַסער פון ווייטע שטרעקעס, געמאָלקן בהימות, געקאָכט אין קיך, געוואַשן טעפּ

און שווערע קעסלען, אויסשטייענדיק דערביי אַלערליי אַנטיסעמיטישע אָנגריפן; פאַרבאַהאַלטענע און אָפענע שטעך־ווערטלעך...

איין מאָל האָט זיך איינער פון די ראַזוויעדטשיקעס (אויסשפירער) אויפגעשטעלט און אין אַ האַפּערדיקן טאָן אָפּגעהאַלטן אַזאַ מין דרשה: „אין אַלץ זענען שולדיק די זשידעס; צוליב זיי איז דער גאַנצער אומגליק אויף דער וועלט; זיי האָבן דאָס שטילערהייט געאַרבעט מיט די היטלעריסטן און אָנגערייצט אויף אונדז זייער מיליטער; פון אונדז זענען זיי רייך געוואָרן; פון אונדזער מיליטער דרייען זיי זיך אַרויס און איצטער זוכן זיי אונדזערע אָטריאַדן! היטלער האָט נאָך פון זיי צופיל איבערגעלאָזט; וואָלט איך געווען ביי דער מאַכט, וואָלט איך זיי אַלעמען אויסגעשניטן ביז איינעם"... אַ ווילדער פחד איז אויף מיר אָנגעפאַלן... דוד האָט געפּרוווט זאָגן אַ פּאָר ווערטער, האָט ער זיך גלייך אָפּגערופן: „ניין, וועגן דיר רעד איך דאָך נישט; דו ביזט דאָך איינער פון אונדז, נישט קיין ייד, אַן אונדזעריקער"... מיך האָט מען דערנאָך אויסבאַהאַלטן אין אַ דאָרף ביי אַ היימישן גוטן גוי, מיט עסן און שלאָפן מיטן קינד.

אַ האַלב יאָר פאַר דער באַפרייאונג, האָט מען פונאַנדערגעלאָזט די יידישע פּאַרטיזאַנער אָפּטיילונגען, אויפן נאָמען פון ל. קאַגאַנאָוויטש, זענען אַלע אַריין אין די אַנדערע פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן.

אין יאָר 1944, דריי מאָנאַטן פאַר דער באַפרייאונג, איז דוד קראַנק געוואָרן אויף אַ בויך־טיפוס, אָפּגעלעגן זיבעצן טעג און איז געשטאָרבן. דאַן האָט מען מיך מיטן קינד צוגענומען פון גוי צו די פּאַרטיזאַנער.

*

דוד באָבראָוו איז געבוירן געוואָרן אין פּינסק, אין יאָר 1911. זיין בילדונג האָט ער באַקומען אין תרבות־שול און אין דער פּוילישער גימנאַזיע. אין פּוילישן מיליטער האָט ער זיך דערדינט צום ראַנג פון אַרטילעריע־פּלוטאָנאָוון. אָנפירנדיק אין פּאַהאָסט זאַגאָראָדסקי דעם טאַר־טאָק פון זיין טאַטן, וואַרפט ער זיך גלייכצייטיק מיט זיין גאַנצן יוגנט־לעכן ברען אין געזעלשאַפטלעכן, פּאָליטישן און קולטורעלן לעבן פון זיין שטעטעלע. ער איז פּאָרזיצער פון גמילת חסדים קאַסע, נאַטשאַלניק

פון פייער־לעשער־קאָמאַנדע און פאָרזיצער פון דער ביבליאָטעק פון דער אַלגעמיינער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

ביי די סאָוויעטן ווערט ער אַרעסטירט צוליב זיין סאָציאַלן מצב און אויך אַלס פוילישער אונטער־אָפיציר. די סאָוויעטן באַווייזן אים נישט מיטנעמען מיט זיך בעת זייער איילִיקן אָפּטרעטן און די דייטשן באַ־פרייען אים. ער אָריענטירט זיך גלייך אין דער לאַגע און רופט אַלע יידן אין די וועלדער אַריין. שטענדיק פלעגט ער זאָגן: „די וועלדער קען מען נישט פאַרצאַמען מיט שטעכל־דראָטן און ביי אַלע באַדינגונגען, ווי שווער זיי זאָלן נישט זיין, וועט זיך כאָטש אַ טייל ראַטעווען".

אָט אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט אונדזער בלוטיקער גאַנג...

ניגונים פון מיין היים

א.

אַ, ניגונים ליב־האַרציקע! טרעגער פון קדושה, ליבשאַפט און שיינקייט; אין אייער מעלאָדיע זענען פאַרשפונען די הייליקע טענער פון דורות־לאַנגן פאָלקס־שאַפן. דער צעשפּילטער אַקאָרד פון פרייד און לייד, פון צער און נחמה פון דער פאָלקס־נשמה; די ניגונים געטבלטע — אין שבת־יום־טוב פון טאַטע־מאַמע היימען, אין יידישע שטעט און שטעט־לעך און מיט דער לעגענדע פון יידישע מאַסן — מיליאָנען, וואָס זענען שוין מער נישטאָ...

...און ניגונים, וואָס פאַרנעפּלען און פאַרפלאָנטערן, מיך דער קיי־לעכדיקער יתומה, אין וואָלקנס פון טריבער פאַרלאָרנקייט... ניגונים, מיטן עמוד האש, וואָס באַלייכטן און צינדן אָן מיינע עלנטע טעג מיט דער טיפער בענקשאַפט און ברענענדיקן ווילן צו זען היימישע בילדער און הערן די אָפּקלאַנגען פון זייערע ניגונים!...

ב.

— „תנו רבנן", און נאָך אַ מאָל: „ת־נ־ו ר־ב־נן"; און „אמר אביי" — צעזינגען זיך די האַלב־מיסטישע שטימען פון דער ישיבה אַרויס און דער אָפּקלאַנג פון די בחורים־גמרא־לערנער — גייט זיך פונאַנדער איבער די יידישלעך־שמאָלע, קאָרלינער געסלעך מיט אַלטער אמונה...

ג.

נאָר די סטאָלינער חסידישע שולכל איז איצט פול מיט יום־טוב און שבת; דער רבי איז געקומען, דער רבי איז שוין דאָ! היגע חסידים העלפן שוין אויפנעמען דעם גוואַלדיקן עולם פון אַלע צונויפגעפאָרענע פּראָווינצער שטעטלעך, זענען זינגענדיק אַריינגעפאַלן אין שול־געסל און טאַנצנדיק זיך אַריינגעצויגן אינעווייניק, געבן דעם רבין שלום!...

דער רבי שפּאַצירט שוין מיטן אַלטן לאַהישינער שוחט — מיין זיידן אהרון מרדכי — אונטערן אָרעם פירט ער אים צום אויבנאָן. דער־ווייל טאַנצט מען די ערשטע רקודימלעך מיט מנחם דעם פּאָהאָסטערס ניגון...

אויפן הויף קאָכט זיך פיש. איבער גרויסע קופּערנע פאַנען מיט ציבעלעס־פאַרברוינטע קאַרפּן, אין שאַרפן פעפער און זאַלץ הויבט זיך אויף אַ געדיכטער רויך, וואָס וואַליעט איבער די שכנהשע דעכער.

אַרום די קאָכעדיקע פאַנען זיצן חסידים מיט פאַרשאַרצטע פּאָלעס פון די לאַנגע, פאַרגלאַנצטע קאַפּאָטעס, פאַרשטעקט אין די שוואַרצע גאַרטלען און גיבן אַכטונג, אַז חוץ זיי, די חסידים, זאָלן קיין ווייבער נישט צוקומען... פון צייט צו צייט כאַפּט זיך אַרויס פון שול אַן אַנדער חסיד און לייגט צו נאָך אַ שייטל האָלץ. און אינעווייניק אין שול טאַנצן חסידים יונג און אַלט, אָרעם און רייך אין איינגעשלאָסענע קאַראַהאָדן, מיט באַגייסטערונג און ליבשאַפט...

ד.

שאַט, שאַט, ביי דער גרויסער, אַלטער מתנגדישער שטאָט־שול איז אַ חתונה. כלי־זמרים שפּילן, מען פירט דער כלה צו דער חופּה. פון אַלע גאַסן אַרום ציען זיך שיין געקליידעטע מחותנים און געסט. די כלה אין גאַנצן אין ווייסן; דעם שיינעם צניעותדיקן פּנים אין ווייסן שלייער געהילט; טאַטע־מאַמעס, אונטערפירער, מיט אמונה און האָפענונג אין אויבערשטן — אויף נחת האָבן — פירן זי טראָט ביי טראָט צו

דער אויסגעשפרייטער, בלוי־זיידענער חופה; די שטאַנגען מיט אַ גאָל־דענעם מגן דוד; אַ וואַלד מיט קאָלירטע צעצונדענע ליכטלעך טראָגט זיך אַנטקעגן און ווען די געפלאָכטענע קוילעטשער, אין די הענט פון טאַנצנדיקע מחותנתטעס דערנענטערן זיך צו דער יונגער פּאָר, שפּילן די כליזמער דעם אַלטן ניגון: חתן כלה מזל טוב! אוי אוי אוי, חתן כלה!

— חתן כלה מזל טוב! חתן כלה מזל טוב! און אַ שטאָט מענטשן טאַנצט, פרייט זיך מיט: מזל טוב! מזל טוב! חתן כלה מזל טוב!...

ה.

ל״ג בעומר. אַ צעוואַרעמטער מאַי־טאָג איז אויפגעגאַנגען איבער דעם געמיט פונעם פייכטן אומעטיקן פּאָליעסיע. יידישע שול־קינדערלעך, ווי די צוויטשענדיקע, פלאַטערנדיקע זומער־פייגל, האָבן זיך פונאַנדער־געלאָזן איבער די פינסקער און קאַרלינער גאַסן, מיט די אַליין־געמאַכטע הילצערנע ביקסלעך; דער לערער און שרייבער טשעסלער פון תל חיי־שול גייט פאָראויס — צום גרינעם באַרג, כדי זיך אַרויפדראַפּען אַלץ העכער און העכער...

די לערערין מירא און דער לערער גאָלדבערג פון די ציש״אָ־שולן, פירן דער יונגער באַגייסטערטער בריגאַדע, זינגענדיק:

„אַזוי גייען מיר זינגענדיק שבתדיקע,
יום־טובדיקע יידן, אַלץ העכער און העכער!...

ו.

אויף דער זאַוואַלנע־גאַס, אויף דער עסטראַדע, אין דער תרבות־גימנאַזיע, אַרומגערינגלט מיט לערער און דערציערינס, שטייט דירעקטאָר דוד אַלפער ביי דער הייליקער שליחות פון פאַרטיילן דיפּלאָמען. מיט פיל מי, זאָרג און אחריות, האָבן אַלע געוואַרט אויף דעם פייערלעכן מאָמענט.

די שילערינס, אַלע שוין כמעט פיזיש־רייפע, אַנטוויקלטע, פּרעכטיקע

יידישע שיינהייטן, דערשעפּטע פון אומאויפהערלעכן לערנען פאַר די עקזאַמענס האָבן אויסגעפּילט די פאָדערשטע זיץ־פּלעצער, מיט קלאַפּנ־דיקע הערצער האָט זיך יעדע איינע דענערווירט, ביים אויסרופן איר נאָמען; ער, דער דירעקטאָר דוד אַלפּער, דער שלאַנקער עסטעט, דער גלענצנדער פּעדאַגאָג, פּסיכאָלאָג און מענטשן־פריינד, פאַרטיילט פּייער־לעך זיינע דערצויגלינגען — צוקונפטיקע ישראל־קינדער, די דיפּלאָמען!... שטראַלט זיין פּנים און עס שיינען די פּנימער פון די מאַמעס און עס שטאָלצירן דערביי די טאַטעס — אַנוועזנדיקע אויפן פייערלעכן סיום.

ז.

מיידלעך פון פּראָווינץ־שטעטלעך אַרבעטן דאָ אין די שטאָטישע פאַבריקן, כדי צו זאַמלען נדן־געלט פאַר חתנים... פון דער שוועבל־פאַבריק, צוזאַמען מיטן מאַשינען־גערויש און פאַרשטיקטע שוועבל־ריחות, טראָגן זיך איבער דער בריסקער גאַס, די פאַרבענקטע יידישע כלה־לידער:

„ער האָט מיך געשיקט אַ טוך,
די טוך איז פון היילע גאָלד,
וואָס וואָלט געווען אַרן גאָט,
אַז מירביידע זאָלן זיין אַ פּאָר־פאָלק!?....".

ח.

דורך די קליינע פאַרקראַוועטע פענצטערלעך פון דער רויטער תפיסה, צווישן בריסקער און בולאַווטשינע־געסל, פּיבערן אַרויס אַ פּאָר גרויסע, טונקעלע, פייערדיק־גליאיקע אויגן, וואָס נישטערן, מאָנען און צאָרנען ביי דער עפנטלעכקייט...

אַרום — האַרטע, פאַרגליווערטע וואַכעדיקייט. אויף דער זייט פון הויכן רויטן פאַרצאַמונגס־פּלויט, שטייט אַן אויסגעדאַרטע מאַמע; די הענט פאַרבראָכן מיט טיפע גריבער, ווי טונקעלע תהומען אונטער די

אויסגעוויינטע אויגן, דעם יונגן פאַרגרויטן קאָפּ פאַרריסן אין דער הויך, און די לעפּצן שעפּטשען:

...זון מיינער, בן יחיד טייערער, הייליקער קדיש מיינער! פאַר וואָס האָט מען דיך צוגענומען פון מיר? פאַר וועמענס זינד ביזטו דאָס געוואָרן דער אויסלייזער, דער אומשולדיקער קרבן?!...

ט.

אין אַלטן האַלצמאַן־טעאַטער, ווי אין די שטאָטישע פּלאַקאַטן אַזוי איז דער טעאַטער־בנין אַן אַרומגעקלעפּטער מיטן רוף:

„...צום הונדערט יאָריקן יובילײ פון מענדעלע מוכר ספרים, — רעפעראַטן און אַרטיסטישער טייל".

ביים ערשטן אַריינגאַנג, אין ערשטן, ריזיקן קאָרידאָר, שטייט אַ גרויסער טיש באַדעקט מיט אַ רויט־פּליושענער טישטוך. אויפן טיש — אַ גרויס מענדעלע־בילד. פון ביידע זייטן — אָנגעצונדענע ליכט. ביי ביידע זייטן טיש — אַ וואונדערשיינע פּאָר — זי און ער — יונגע סטודענטן; אין מיטן — אַ הויכער שטויס בלויע בראָשורן: „בענטש אונדז זיידעניו" פון מנוחה אַלפּערין. פּרייז צען גראָשן.

געוועזן איז אַ שטילער, וואַרעמער זומער אָוונט.

דאָס יידישע פאָלק, אַכציק פּראָצענט יידישע בירגער פון דער צאָל איינוווינער, פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן; דאָס פאָלק, האָט אין זיין דורות־לאַנגער, יידישער געשיכטע פונעם טויזנט יאָריקן יידישן פּינסק, געלערנט, געלייענט און געוועזן דורכגעדרונגען און באַהאָוונט אין דער אַלגעמיינער, בפרט אין דער יידישער ליטעראַטור. איז דאָך קיין וואונדער נישט, וואָס פון אַלע גאַסן און געסלעך, פון אַלע שטאַנדן און ריכטונגען האָבן געשטראָמט און געשטראָמט יידן מיט „בענטש אונדז זיידעניו" און אויסגעפילט דעם טעאַטער־בנין, אַפילו די שטייענדיקע פּלעצער, פון אַנהייב ביזן סוף. פאַרשטייער פון ביבליאָטעקן און פּאַרטייען האָבן רעפערירט און אַרטיסטן (כ'געדענק שוין נישט וועלכע?) האָבן געגעבן אויפגעלעבטע טיפן פון מענדעלעס שאַפונגען. אין אַ שפּעטער שעה איז

דער אַנגעפּראָפּטער עולם אַרויס אין דרויסן — מיט צעשמייכלטע דאַנק־באַרע בליקן...

י.

„פינסקער שטימע", „פינסקער שטימע! — אַ פּאָגראָם אין פשיטיק!" לויפן יונגטלעכע מיט פּעק צייטונגען, פון דער גאַנצער יידישער פּרעסע און שרייען אויס איבער אַלע גאַסן און געסלעך:

„פינסקער וואָרט"! „פינסקער וואָרט"! אַ פּאָגראָם אין פשיטיק! אין פשיטיק אַ פּאָגראָם!

„פינסקער לעבן", „פינסקער לעבן"; —אַ פּאָגראָם אין פשיטיק!

די יידישע עפנטלעכקייט האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן און מיט אַ ציטער פון יידישן האַרץ איז אַלץ שטיין געבליבן. געדאַכט האָט זיך, אַז דאָס גאַנצע לעבן איז פּאַראַליזירט געוואָרן. אַלע פאַבריקן און וואַרשטאַטן, אַלע לערן־אַנשטאַלטן זענען גלייך געשלאָסן געוואָרן. אַלע זענען אַרויס אין דרויסן; די הערצער אָנגעפילט מיט צער און צאָרן. אַן אומפאַר־צייל'עכער וואָלקן מיט טענות האָט זיך באַזעצט אינעם אַלגעמיינעם יידישן געמיט און האָט געטריבן פון איין אָרט צום צווייטן. קיינער האָט נישט גערעדט, אַ פאַרשטומטע טרייב־קראַפט האָט אַלעמען באַהערשט...

ספּאָנטאַן האָט זיך אויסגעבילדעט אַ דעמאָנסטראַציע קעגן דער מערדערלעכער, פּוילישער מאַכט, וואָס האָט דערלאָזן צום פּאָגראָם!... געגאַנגען זענען אַלע, קינד און קייט, צום צענטער: אויף דער גרויסער גאַס און צום מאַרק, דאָרט, ווו אַ מאָל האָט די זעלבע מאַכט אויסגעפירט דעם פּאָגראָם, ערב פּסח, איבער די 37 יידישע קדושים...

אָט גייען פון די ערשטע: דער איין־הענטיקער קעמפער אהרון־יודל שלאקמאן, מיטן קלוגן קאָפּ און ענערגישן פּנים; און אָט איז דער אַלגעמיינער ליבלינג, דער פאַרוואַלטער פון די יידישע אָוונט־קורסן פאַר דערוואַקסענע — ביי אים איז אגב די היים פון דער אַרבעטנדיקער אינטעליגענץ — יעקב טעמטשין, ביי דער זייט — ניסעלע פורמאַן דער פאָלקלאָר־זאַמלער, ביי וועמען אין הויז איז די היים פון די אַרטיקע

יידישע שרייבער, און אָט איז די עדה פון פינסקער קלויז, פאַר וועמען עס דרשנט די שיחות חולין — הרב הגאון ר׳ ברוך עפשטיין. און נאָך און נאָך אַ סך ליכטיקע פערזענלעכקייטן צוזאַמען מיטן פאָלק; מיטן האַרציקן פראָטעסטירנדיקן יידישן פאָלק...

„לינישטשעס"

דער נאָמען „לינישטשעס" באַצייכנט אַ געוויסן טעריטאָריעלן שטח פון דער שטאָט פּינסק, מיט אַ גרויסער יידישער באַפעלקערונג. די „לי־נישטשעס", אַזוי ווי אַנדערע פּינסקער שטאָט־טיילן: בולאַוושטשינע, מאַנאַסטירשטשינע, וויגאָדקע, ניישטאָט, בראַזיליע א. אַנד. מיט זייער פאַרשידנאַרטיקן בוי, וואָס קרייזן אַרום דעם צענטער שטאָט, מיט איר גרויסער און געמישטער באַפעלקערונג — יידן, רוסן, פּאָליאַקן און דייטשן — בילדן די צענטראַלע, גרויסע שטאָט אין פּאָליעסיע — פּינסק.

„לינישטשעס" טיילט זיך אויס אַנדערש פון אַלע טיילן שטאָט מיט איר אויסזען און מיטן אַרט לעבן פון אירע איינוווינער.

כאָטש „לינישטשעס" ליגט אין דרום־טייל פון דער שטאָט, נאָענט צום צענטער, זעט זי אויס אָפּגעשטאַנען, ווי אַן אַלטער אָפּגעשלאָסענער געטאָ, אַן איבערבלייבעכץ פון מיטלאַלטער.

די נישט ברוקירטע גאַסן און געסלעך זענען אָרעם, אָן גראָז און אָן ביימער. די קליינע, נידעריקע כאַטקעס, כמעט אַלע מיט אויסגעקרימטע, געבויגענע ווענט, ווי רוקנס פון אייזלען, מיט צעלעכערטע אָדער פאַרלאַ־טעטע, צעדרייטע דעכער, זעען אויס אין זייער דלותדיקייט — נעבעכדיק און שפלדיק.

אַנשטאָט טראָטואַרן ציען זיך לענג אויס, אַלטע צעבראָכענע בריקלעך איבער דער באַרגיק־טאָליקער אויסגעקרימטקייט פון די נישט אויסברו־קירטע שמאָלע, שטויביקע געסלעך אירע.

ווען עס קומען אָן די ערב־פרילינגדיקע און האַרבסטיקע רעגנדיקע וועטערן, ווערן פאַרשוווּנדן די צעקרימטע און צעלעכערטע בריקלעך־טראָטואַרן און פון אַלץ ווערט איין גרויסער יערנדיקער זומפּ, מיט וואָס עס איז אַזוי רייך די פּאָליעסיער געגנט.

צוקאַפּנס די „ליבישטשעס” ליגט דער אַלטער שטאָטישער בית־עולם, וועלכער איז מיט דער צייט פאַרבויט געוואָרן און ער זעט אויס ווי אַ האַלב פאַרווילדעוועט וועלדל, וואָס מיט זיינע געדיכטע אָראָפּהענ־גענגענדיקע צווייגן וואָרפט ער אָן אַן אומעט אויף דער אַרומיקייט...

ווען מען קוקט פון ווייטן אויף די איינגעהויקערטע געדיכט־פאַרבויטע הייזלעך, וועלכע שטייען אין זייערע סדרלאָזע צענויפגעוואָרפענע הורבעס און קוקן אַרויס מיט זייערע אומעטיקע שייבלעך, דאַכט זיך, אַז געזעמלעך זקנים האַלטן זיך פעסט איינגעשלאָסן אייבער אין אַנדערן און מיט זייערע עובר־בטלדיקע בליקן שפּינען זיי דעם שטיל־ציטערדיקן קאָנטאַקט מיטן אַלטן בית־עלמין, וואָס וואַרט מיט יראת הכבוד אויף זייער סוף...

די ליבישטשער באַפעלקערונג איז אין גרעסטן טייל אָרעם. עס וווינט דאָרט די האָרעפּאַשנע אַרבעטער־משפחה: פורמאַנעס, טרעגער, שניידער, שוסטער, סטאָליער, שמידער, שמאַטע־הענדלער און יידן, וואָס גייען איבערן דאָרף האַנדלען. דערפאַר איז זייער אויסזען פאַרשידן: פאַרהאָרעוועטע פּנימער, גראָב־פאַרפראַצעוועטע הענט, רויט־באַקיקע און ברוין־הויטיקע פּרנסה־וואַנדערער און אויך בלאַס איינגעפאַלענע פּנימער פון די אַרבעטער. זייערע פּנימער זענען געשטעמפּלט מיט מידקייט, מיט פּשטות, מיט נאַאיוון גלויבן. פון זייערע אויגן קוקט אַרויס דאָס ערלעכע שטילע פאָדערן פון באַעוולטע קינדער...

דאָס אָרט לעבן פון די ליבישטשער יידישע אייבוויבער איז צוליב זייער אָרעמקייט, איינפאַך, פּשוט און צוזאַמען מיט דעם, אייגנאַרטיק.

דער עלטערער דור טראָגט זיך האַלב אַלט־מאָדיש, האַלב מאָדערן, אַ ביסל געהערט ער צום בית־המדרש, אַ ביסל פאַרנעמט ער זיך מיט דער פאַמיליע־ווירטשאַפט און דער רעשט — סתם־יידן פון אַ גאַנץ יאָר... די פרויען גייען שטעטלדיק געקליידעט און געבן זיך אָפּ מיט דער שטוב־ווירטשאַפט.

די אַרבעטנדיקע יוגנט איז מער פאַרטיפטער, זייערע פּנימער טרויעריש און די בליקן — אַנגעצונדן... זיי געבן זיך אָפּ מיט קולטור־אַרבעט און מיטן געזעלשאַפטלעכן לעבן פון דער שטאָט.

די שול־יוגנט מיט אויסגעדאַרטע גלידער און בלאַסע פּנימלעך;

אין אָרעמע אָפּגעבליאַקעוועטע מלבושימלעך, וואָס ווינטער ציטערן זיי פּאַר קעלט, גייען אין די פּוילישע און יידישע פאָלקס־שולן, אויך אין די תלמוד־תורהס און אין חדרים.

חוץ די הינער, קאַטשקעס, געגנדז און קעץ, דרייט זיך כמעט ביי יעדער הויז־ווירטשאַפט אַרום אַן אייגענע ציג מיט ציגעלעך.

זומער־צייט געפינען זיך אַלע אין דרויסן, אין די ליגישטשער געס־לעך: אַלטע ווייבער זיצן אויף די פּריזבעס און שטריקן זאָקן, הענטשקעס, פּאַר די אייניקלעך אויף ווינטער. די יינגערע שאָבן קאַרטאָפל, שעפּן פון ברונעם וואַסער אויף צו קאָכן און וואַשן די כלים. די יינגלעך, קומענדיק פון די שולן און חדרים, פאָרען זיך אַרום די פערד און רייטן אויף זיי. די מיידלעך גייען אַרום די ציגן, וואָס שטייען ביי די הייזער און זענען מעלה־גרה. די קליינע קינדער, האַלב נאַקעטע, מיט קוים פאַרשפּילעטע הייזעלעך, וואַלגערן זיך אין זאַמד און שפּילן זיך מיט דער קאַץ צי מיט די קליינע ציגעלעך. פון ערגעץ אַן אָפענעם פענצטער, טראָגן זיך געזאַנגען פון אַ וואַרשטאַט און מישט זיך אויס מיטן הירזשען פון פערד און מעקען פון ציגן.

שטיפערישע יינגלעך הענגען זיך אָן אויפן רוקן פון אַ באַק און מיט געלעכטערס, וואָס פאַרהילכן דאָס מעקען פון דער בהימה, גייט אַוועק אַ געלאָף איבערן זאַמדיקן געסל.

אָט איז אַנטקעגן אָנגעלאָפן פון גאַס אַ שכן מיט זיין פערד און געשפּאַן. אַ געדיכטער וואָלקן פון שטויב האָט זיך אויפגעהויבן און איינ־געהילט אַלץ ווי אין אַ טונקעלן שלייער.

אַ מענגע פייגל־כאָרן האָבן זיך אויפגעהויבן, פאַרבייגעפלאַטערט די געסלעך, און געאיילט צו די געדיכטע צווייגן פון די בית־עולם ביימער, וואָס רוישן און ברומען געהיים איבער די אַלט פאַרוואָקסענע קברים און פילן אָן די לופט פון געסלעך מיט דעם ביינער־געערוך פון שרעקעדיקער אייביקייט...

*

קאָן מען גאַפן אויף דעם שטיל איזאָלירטן לעבן פון דעם טייל שטאָט,

וואָס וועבט זיין אייגנאַרטיק אידיליש פאָדעם — אַ שטעטל אין אַ שטאָט!

דער סטיל און אַרט פון די „לינישטשעס", וואָס טראָגט אין זיך דעם גייסט פון אַלטן שטעטל, איז ווי אַ דענקמאָל פון דער אַמאָליקער אָפּגעזונדערטקייט, און טראָגט מיט זיך דאָס שטילע, אָרעמע „לינישטשעס" אין קעגנזאַץ צו דער ניי־צעצווייגטער שטאָט פּינסק.

אין יענער שרעקלעכער נאכט

.1914

דעם גאַנצן טאָג האָט זיך די שטאָט געוויגט פון ידיעות און קלאַנגען, וואָס זענען געבראַכט געוואָרן פון די ווייטע פּראָווינצן, און איינע איז געווען שרעקלעכער פון דער צווייטער. מען האָט דערציילט, אַז אין יענע געביטן, איידער די דייטשן זענען אין זיי אַריין, האָבן די רוסישע קאָזאַקן געשלאָגן, געהרגעט יידן און געראַבעוועט און געשענדעט יידישע פרויען.

פינסק, דער צענטער פון פּאַליעסיע, מיט פופציק טויזנט איינוואוינער (אַכציק פּראָצענט יידן), האָט אין זיין טויזנט־יאָריקער געשיכטע דורכ־געמאַכט פאַרשידענע מאַכט־אינוואַזיעס, אָבער די לעצטע צענדליקער יאָרן האָט די באַפעלקערונג זיך אויסגעלעבט אין געמיינזאַמע פרידלעכע פאַר־העלטענישן און דאָס לעבן איז געגאַנגען נאָרמאַל.

היינט אָבער, איז ביי דער באַפעלקערונג געוואָרן אַ גרויסע בהלה: וואָס טאָן?!

די דייטשע היילות, וואָס האָבן געצויגן אויף מזרח און כסדר געזיגט, זענען אַריין אין די פּאַליעסיער בלאָטעס און — געבליבן שטעקן...

ווער עס האָט געהאַט פריינד, משפחות צי סתם באַקאַנטע טיפער אין רוסלאַנד, האָט מיט די לעצטע מעגלעכקייטן איינגעפּאַקט זיך און פאַרלאָזט זיין אַלטגעזעסענע היים. די הונדערטער אויסגעליידיקטע הייזער האָבן אָנגעוואָרפן אַ מרה־שחורה, אַ הילפסלאָזיקייט... מענטשן האָבן פאַר־טראַכט געבלאָנדזשעט אין די גאַסן... אַן אומבאַוווסטע שרעק האָט גע־הויערט אין אַלע ווינקלען...

מען האָט דערציילט פון מויל צו אויער, אַז די שטאָט־פאַרוואַלטונג האָט אַריינגעטראָגן דעם קאָזאַקישן קאָמענדאַנט צען טויזנט רובל, אַז ער זאָל איינשטילן זיינע צעהוליעטע האָרדעס...

אין איינעם אַ שיינעם סוף־זומער פאַר נאַכט, ווען די לעצטע זון־שטראַלן האָבן זיך שוין אַראָפּגעגליטשט פון די שכנישע דעכער און שקיעה האָט גענומען זיך פאַרוואַנדלען אין טונקל־גרויער דעמערונג, האָט זיך אין די שטאָטישע פאַרקלונגענע קלאַנגען דערהערט אַ האַרטער פרעמדער עכאָ: „מירניע זשיטעלי! זשיוויטיע ספּאָקאָינאָ, וואָס ניטשעוואָ פּלאָכאָוואָ ניע בודיעט!"*.

אָט איז אָנגעלאָפן אַ בליציקער רייטער אויף אַ טונקל קאַשטאַן־פערד. דאָס איז געווען אַ העלדישער קאָזאַק מיט אַ הויכער פּאַפּאַכע אויפן קאָפּ, אָנגעטאָן אין אַ שינעל מיט גאָלדענע קנעפּ און אַ זילבערנע שווערד ביי דער זייט. געריטן איז ער פון גאַס צו גאַס מיט דער אויבן־דערמאָנטער לאָזונג און מיט דער אָנקומענדיקער נאַכט איז ער פאַר־שוווּנדן.

צוליב דעם פּאַרגעפּיל, וואָס יידן האָבן געהאַט, האָבן זיי אין דער שטיל גענומען באַגראָבן ביי זיך אויף די הייף, זייערע ווערטפולע שטוב־זאַכן.

אונדזער משפחה האָט ביז דאַן געוווינט אין אַ קליין שטעטל פּאָהאָסט זאַגאָראָדזקי, הינטער פּינסק, צוויי שעה פאָרן מיט דער באַן. אַזוי ווי די קאָזאַקן האָבן דאָרט פאַרשמיסן און דערשאָסן צוויי יידן, זענען אונ־דזערע עלטערן געקומען צייטווייליק קיין פּינסק צום פעטער שמחה. אויך מיין ברודער זיידל איז געקומען פון וואַרשע, ווו ער איז געווען לערער אין דער קאַפּלאַן־שול, וואָס צוזאַמען מיט אנדערע שולן האָט זי זיך געשלאָסן. האָבן זיךביידע משפחות אונדזערע געפונען אויף דער־ווייל אין דער קליינער ענגער דירה מיט אַ לאַנגן פינצטערן בוידעם, איבער דעם חסידישן שולכל אין דער שול־גאַס.

דערווייל האָט די מומע הינדע און מיין מאַמע גענומען פּאַקן אַלץ, וואָס מעגלעך, וואָס ס'האָט נאָר געקאָנט אַריין, קרעכצנדיק און ברעכנדיק די פינגער.

---

* פרידלעכע איינוווינער, לעבט רואיק, אייך וועט קיין שלעכטס נישט געשען.

פּלוצים איז פון דער גאָס אַריינגעפאַלן דער פעטער. זיין פּנים מיטן אייביק וואָרעמען שמייכל, טויט־בלאַס, די ווייסע ליפּן האָבן ציטערדיק געמורמלט:

— מ׳רייסט קראָמען און מ׳ברעכט שויבן!

אַלע זענען שטיין געבליבן ביי דעם אויסגעגראָבענעם גרוב, די רידלען, גראָב־אייזנס און גאָפּלען זענען אַרויסגעפאַלן פון זייערע הענט; פרעגנדיק האָט מען זיך איבערגעקוקט. צום סוף זענען אַלע אַרויף אויף די טרעפּ און אַריין אינעווייניק. דאָ האָבן זיי געטראָפן די גאַנצע שטוב אין הארע־קארע. דורך די קליינע פענצטער קייקלען זיך אַריין שטיקער געדיכטע וואָלקנס נאַכט און שלאָגן זיך אָן די ווייסע פּעק בעטגעוואַנט, וואָס פאַרצייכענען זיך אויף די ווענט מיט אַ פרעמדן, געמישטן זיג־זאַג פון שרעק... די אויסגעליידיקטע בעטן האָבן פאַרקריפּלט די משפּחה־האַרמאָניע... מיינע ברידער זיידל און יצחק מאיר, זוכן עפּעס אין דער פינצטער, די פיס זייערע פאַרטשעפּען זיך אין עפּעס, זיי פאַלן, קייקלען זיך איבער, ראַנגלען זיך, בורטשען מיט כעס... צום סוף פּלאָנטערן זיי זיך אַרויס, געפינען עפּעס גלאַנציקס און פאַרשווינדן...

די מאַמע שטייט, עס דוכט זיך, ווי איינגעוויקלט אין חושך פון נאַכט. די אייביק־שטראַלנדיקע בלויע אויגן פאַרטרערט, פאַרטראַכט, פאַרשטאַרט. דער בלאָנדער פּאַרוק — צעשויבערט, אירע צאַרטע ווייסע הענט הענגען איצט אַראָפּ, ווי פרעמדע, ווי צוגעטשעפּעטע... זי שעפּטשעט עפּעס. איר ראָז, שיין פּנים איז איינגעפאַלן און פאַרלאָרן. די קדושה פון איר אייביק גליִענדיקער מוטערשאַפט איז ווי פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אומבאַוועגלעכער שיינער סטאַטוע, וואָס דערמאָנט אַ גרויסע, האַרציקע, יידישע מאַמע!

די קליינע מומע הינדע האָט צענומען דעם קוגליק האָר פון קאָפּ און אַרונטערגעוואָרפן דעם לאַנגן, שוואַרצן צאָפּ אַריבער די קני. אירע גרויסע שוואַרצע אויגן האָבן זיך, דוכט זיך, צעעפנט נאָך ברייטער און האַלטנדיק איר פּיצעלע קינד אויף די הענט, פרעגט זי מיט אומשולד:

— וואָס וויל מען פון אונדז?

די קלענערע קינדער האָבן זיך געטוליעט צו איר און דערנאָך פאַלב־

דיק, ווי קליינע סנאָפּקעלעך, זענען זיי פּאַמעלעך איינגעשלאָפן אויף דער ערד, צווישן די געפּעק...

אונדז, גרעסערע קינדער, האָט די מאַמע געגעבן אין די הענט אַריין שטיקלעך ליכט און פּעקלעך שוועבעלעך און געהייסן אַרויף אויפן בוידעם זיך באַהאַלטן.

אַ טיפע און געדיכטע פינצטערניש האָט אונדז אַרומגעכאַפּט. מיר האָבן זיך דערשראָקן פאַר איר און זענען שטיין געבליבן. די געדיכטע, ענגע לופט האָט אָנגעהויבן שטיקן אין האַלדז. מיר האָבן זיך אָנגעכאַפּט ביי די הענט.

— צינד אָן! — זאָגט די מאַמע צו מיר.

די שוועבעלעך זענען מיר אַרויסגעפאַלן פון די הענט. געדוכט האָט זיך מיר, אַז דאָס רעדט עמעץ אַנדערש, עמעץ, וואָס שטייט דאָ ערגעץ אין דער פרעמדער פינצטערניש.

מיין שוועסטער האָט אָנגעצונדן דאָס ליכט און מיר האָבן דערזען זיך אויסשיילן פון דער פינצטער שטיקער הילצערנע שול־שטענדערס מיט אַלטע שמות און לאַנגע בענק, אויף וועלכע ישיבה־בחורים פלעגן לערנען תורה און אַ סך מאָל נעכטיקן אויף זייער האַרטער באַקעטקייט אין דער ליידיקער שול... זיי זענען פאַרוועבט געווען מיט געדיכטע גרויע שפּינוועבס, ווו זשוקעס האָבן געפּויזעט אין זיי. מיר זענען אַנטלאָפן ווייטער און זיך פאַרשטעקט אין אַ דאַך־ווינקל און אַרויסגעקוקט אין דרויסן דורך אַ סטריכע־שפּאַרונע.

אַלע הייזער זענען פאַרמאַכט און קיין שום באַלייכטונג. די גאַנצע לענג גאַס איז ווי אויסגעשטאָרבן... נאָר פון ערגעץ־ווו האָבן מיר געזען ציען זיך אַ קליין נידעריק פייערל, וואָס מינוטנווייז איז עס אויפגע־שטיגן מיט פאַרביקע פונקען, וואָס האָבן געשפּריצט און געקנאַקט און זיך אויפגעהויבן בליץ־שנעל אין אַ פייערדיקער פּיראַמידע און באַלויכטן דעם גאַנצן אַרום, די העכערע און נידעריקערע הייזער פון אַלע אַרומיקע גאַסן.

עפּעס אַ טומל אויף די טרעפּ האָט צוגעצויגן אונדזער אויפמערק־זאַמקייט. מיין ייִנגערער ברודער איז אַרויפגעלאָפן פון גאַס און שטיל

איבערגעגעבן, אַז די קאָזאַקן האָבן אויסגערויבט די ווײַן־געשעפטן, זיך אָנגעשיכורט און טראָגן עמערס נעפט און צינדן אונטער די הײַזער. די אײַנוווינער פון די נאָענטע הײַזער האָבן זיך אָרגאַניזירט און יעדער בעל־הבית היט זײַן שטוב.

דורך דער ברייטער שפּאַרונע האָבן מיר דערזען אונדזערע שכנים אָנגעטאָן אין אַלטע מאַנטלען, דרייען זיך אַהין און צוריק, אָבער שמאַיע, דער פאָטער פון די פינף קינדער, האָט געטראָגן אויף איין האַנט אַן אײַזערנע הענטשקע (ער האָט געהערט צו דער זעלבסטשוץ), מיר האָבן געהערט אַ שטילן סודען זיך:

— נישט לאָזן זיך!...

פּלוצים: טראַך! אַ גרויסער שויפענצטער פון מלכה פרידמאַנס מאַנו־פאַקטור־געשעפט איז צעבראָכן געוואָרן און זיך מיט אַ בראַזג צעשאָטן איבערן טראָטואַר...

די קאָזאַקן האָבן זיך באַוויזן פּאָרווייז אין אָנפאַנג פון אונדזער גאַס.

— וואסקא! אַ סיודאַ מי יעשטשאָ ניע זאַכאָדילי? * — פרעגט איינער דעם צווייטן.

זיי האָבן געפרווט אויפרײַסן די טיר און נישט געקענט. זענען זיי געגאַנגען ווייטער. דאָ האָבן זיי אָנגעטראָפן אויף די שכנים. די שכנים האָבן זיי אָנגעקוקט און געפרעגט:

— וועמען זוכט איר דאָ?

— זשידעס!

— וואָס דאַרפט איר זיי?

— מיר ווילן אַראָפּנעמען פון זיי די בערד און מאַכן כיק! — דערבײַ אָנווייזנדיק אויפן האַלדז.

און אַזוי ווי דער קאָזאַק האָט זיך שיכורערהייט געוויגט איז צוגע־לאָפן שמאַיע און אים מיט דער אײַזערנער הענטשקע דערלאַנגט אין פּנים. ער האָט זיך עטלעכע מאָל איבערגעקערט און געפאַלן אין ריני־שטאָק אַרײַן. דער צווייטער קאָזאַק איז ערגעץ־ווו פאַרשוווּנדן...

* וואַסקע! און אַהער זענען מיר נאָך נישט אַרײַן?

אַלע שכנים זענען אַרייַנגעפאַלן צו זיך אין די הייף און זיך פאַר־שלאָסן, וואַרטנדיק אין דער שטיל, וואָס וועט ווייטער פאַרקומען.

מיינע ברידער זענען ארויפגעקומען אונדז אַלעמען באַרואיקן. זיידלס סאַמעט־ווייך פּנים מיטן אייביקן שמייכל איז געווען האַרט און אויס־געקרימט מיט אַן אומבאַקאַנטער גרימאַסע. די גרויע שטימונגספולע וואַרעמע אויגן, האָבן געבליצט מיט נקמה־צעצונדענע פייערלעך. אין פאַרגאַרטלטן מאַנטל האָט געבלישטשעט די פאַרשטעקטע האַק. ער איז צוריק אַראָפּ.

יצחק מאיר, דער יינגערער ברודער, איז, דוכט זיך, נאָך לענגער געוואָרן און שמעלער, ווי ער איז געווען. זיינע מילדע קינדישע, אומ־שולדיקע אויגן זענען איצט געווען ברייט צעעפנט, פול פחד און נייגער. זיין סובטעל פּנים האָט געאָטעמט מיט נערוועזן קינדערשן ציטער און אומגעדולד... די מאַמע, אַ שאָטן, האָט אים אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ:

— מיין קינד!...

— געוואַלד, ראַטע־וועט! — האָט אַ פאַרצווייפלטע פרויען־שטים דורכגעשניטן די שוואַרצקייט פון נאַכט. מיר האָבן זיך משער געווען, אַז דאָס געשריי איז געקומען פון דער דריטער גאַס, אָבער עס האָט זיך אַלץ דערנענטערט צו אונדז און צום סוף פלוצים פאַרשטומט געוואָרן...

פון יענער זייט האָבן זיך באַוויזן עטלעכע קאָזאַקן מיט די הויכע פּאַפּאַכעס אויף די קעפּ און אויף אַ ברעט איז געלעגן צוגעבונדן אַ פרויען־קערפּער און לאַנגע, העלע האָר זענען אַראָפּגעהאָנגען. דערזעענדיק דעם טויטן קאָזאַק אין רינשטאָק, האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט. דער ליגנדיקער קערפּער האָט זיך גענומען באַוועגן. אויפגעהויבן דעם קאָפּ, מיט די הענט צעריסן דעם פאַרבונד, אַראָפּגעשפּרונגען פונעם ברעט און גענומען לויפן, שרייענדיק:

— יידן ראַטעוועט מיך!

די פורטקע פון אונדזער הויף האָט זיך אַן עפן געטאָן און אַריינגע־כאַפּט אינעווייניק די פרוי, כהרף עין, האָט מען איר אַרויפגעפירט אויפן פינצטערן בוידעם און — שאַ־שטיל.

איין קאָזאַק האָט גענומען ברעכן דאָס הויף־טירל, אַנדערע האָבן

אַוועקגעשלעפּט ערגעץ־ווו דעם ליגנדיקן שיכורן קאַזאַק. דאַן איז דער שכן אַרויס צו אים און געפרעגט:

— וואָס ווילסטו?

— גיב אַרויס די פרוי!

— און אַז נישט? — האָט שמאַיע געפרעגט.

האָט ער ווידער גענומען ברעכן די טיר און האָט דערביי אויסגעגאָסן אַן עמער נעפט. די אייזערנע הענטשקע שמאַיעס האָט אַ קלאַפּ געטאָן. יענער איז אומגעפאַלן. די שכנים זענען אַנגעלאָפן, אים אַריינגעטראָגן אַ צעבלוטיקטן און אַריינגעוואָרפן אין קלאָזעט.

זיצן מיר אויפן בוידעם. די פרוי וויינט אין דער שטיל:

— מיין קינד, מיין קינד ווו איז?!...

עס דוכט זיך, אַז מיר האָבן פאַרבלאָנדזשעט אין אַ פינצטערן מדבר. זשוקעס זשומען און קריכן אַרום אונדז. אַן עקל, געמישט מיט פחד, באַפאַלט אונדז. מיר זענען הילפלאָז. פאַרלוירענע שעפעלעך...

ווידער ערגעץ אַ בראַזגעריי פון צעבראָכענע שויבן. אַ סך קולות, מיט אומפאַרשטענדלעכע ווערטער, לאָזן זיך הערן. אַ העליש פייער האָט זיך אויפגעהויבן פון אַן אַנדער ווינקל. די מענער, וואָס שטייען ביי דער בוידעם־עפענונג פירן שעפּטשענדיק אַ ויכוח וועגן דער פרישער שריפה און וועגן די פאַרשווונדענע שטאָטישע געלטער, וואָס זענען אַריינגעטראָגן געוואָרן צו דעם אָנפירער פון די קאָזאַקן.

— ניין, מיר זענען דאָ פרעמדע, מיר מוזן פון דאַנען אַוועק!...

— ווי זענען מיר פרעמדע, אַז מיר און אונדזערע אבות אבותינו זענען דאָ געבוירן געוואָרן!

— נו, ווו־זשע איז אייער רעכט? — פרעגט נאָך אַלץ די זעלבע שטים.

— אָט וועט זיך בייטן די מאַכט, די דייטשן דערנענטערן זיך צו אונדז, אַ קולטורעל פאָלק זענען זיי, זיי וועלן גוט זיין צו אונדז, מיר וועלן פטור ווערן פון דער צאַרישער חיה...

— מען דאַרף אויסקעמפן דאָ, ביי יעדער מאַכט, אונדזער יידיש רעכט! — זאָגט אונטער אַן אַנדער שטים.

— אומעטום וועלן מיר זיין פרעמדע, מיר מוזן פון דאַנען אַוועק! קיין ארץ ישראל! דאָרט וועלן מיר בויען אַן אייגן לאַנד, פאַר זיך!

דערווייל האָט זיך דערהערט אַ קרעכצן. אַלע מענער זענען העמדום־פענדום אַרויס אין דרויסן.

דורך דער שפּאַרונע האָבן מיר דערזען אַזאַ בילד: צוויי קאָזאַקן האָבן געשלעפּט אַ ייד; איינער פאַר דער ווייסער באָרד און דער צווייטער האָט פון הינטן מיט קלעפּ אונטערגעטריבן דעם ייד אין סאַמע מיטן גאַס אַריין.

אַלע אונדזערע מענער אַרומגעשטעקטע מיט מעסערס און שטוביקע האַקמעסערס, זענען צוגעלאָפן און אַרומגערינגלט זיי.

— לאָז אָפּ דעם יידן! — האָט שמאַיע דערלאַנגט אַ קאָמאַנדעווע.

— כאַ־כאַ־כאַ כאַ־כאַ־כאַ! — האָט דער קאָזאַק זיך ברייט פונאַנדערגעלאַכט — נאָך אַ זשיד! נעם אים אויך! — האָט ער אַ געשריי געטאָן צום צווייטן קאָזאַק. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ געראַנגל. יענער, דער שלעגער, האָט אָפּגעלאָזט דעם ייד און אַ כאַפּ געטאָן דעם שכן פאַר דער האַנט. איז צוגעלאָפן זיידל מיט דער האַק און זיך אויף אים פאַרמאָסטן. די אייזערנע הענטשקע האָט אַ פאַכע געטאָן. דער קאָזאַק האָט זיך אַ טרייסל געטאָן און מיט אַ שטיק באָרד אין האַנט איז ער אומגעפאַלן. אַ פאַרבלוטיקטער, איז דער ייד מיט דער האַלבער באָרד, אַנטלאָפן.

אין דער שטאַרקער פינצטערניש האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אַלע צוזאַמען, יידן און קאָזאַקן, האָבן זיך אויסגעמישט און זיך צענויפגעגאָסן אין איין חושכדיקער מאַסע, האָבן צווישן אַן אַנדער געקעמפט, געביילט זיך און געקייקלט איבערן ברוק... די שכנים זענען אַריין צו זיך און באַוואָפנטערהייט געוואַרט אויף אַ רעוואַנזש־אַקציע מצד דער אָנקומענדיקער הילף... אָבער עס איז צו דעם נישט געקומען. נאָך אַ סך געוואַלד־געשרייען און הילפס־רופן האָבן אָפּגעקלונגען פון ווייטן. און שריפות פון דער קופּיעטשיסקער גאַס און פון די קאַרלינער געסלעך האָבן זיך אַלע ווײַלע אָנגעצונדן.

ווען עס האָט אָנגעהויבן שאַריען אויף טאָג זענען די געוואַלדן אײַנגעשטילט געוואָרן און אויף זייער אָרט האָט זיך פון אַלע זייטן געהערט

דאָס קנאַלן פון ביקסן. די צאַרישע אַרמיי האָט אָפּגעצויגן. פון יענער זייט בריק, ביי דער פינא, האָבן זיי בעתן אַנטלויפן, זיך איבערגעשאָסן מיט דעם אָנקומענדיקן דייטשן פּאַטרול, וואָס האָט ביי זון־אויפגאַנג אַריינגעמאַרשירט אין שטאָט.

די שטים פון קריגס־שטאָט

פינסק 1914. מלחמה־צייט.

צופוסנס פון אונדזער שטאָט האָט געבושעוועט דער פינצטערער שטורעם פון קריג און געזייט מאָרד, הונגער און פאַרניכטונג.

דאָס נאָרמאַלע, פרידלעכע לעבן פון דער באַפעלקערונג איז צע־טרייסלט געוואָרן אין כאַאָס פון שרעק און אומזיכערקייט. דער גלאַנץ פון פאַראַדנע גאַסן איז פאַרשוואונדן געוואָרן. איבער די אָרעמע אַרבעטער־קוואַרטאַלן האָט זיך באַלד אויסגעשפּרייט דאָס חשכות פון עלנט און נויט.

אונדזער משפּחה האָט דאַן געוווינט צווישן פּינסק און קאַרלין, אין אַ הויף, וואָס האָט זיך שאַרף אַריינגעשניטן אין דרויסן און אַרויסגעקוקט צום אָפענעם שלאַכט־פעלד.

די פראָנט־ליניע האָט זיך געפונען צוויי קילאָמעטער פון שטאָט. די קנאַלערייען פון קאַנאָנען האָט פאַרטויבט די געגנט און פון אַלע זייטיקע געסלעך פון שטאָט־ראַנד האָט זיך געריסן דער יאָמער פון די געפאַלענע קרבנות.

אָפּגעריסן און פאַרשעמט זענען געלעגן די אָפענע וועגן און שליאַכן, וואָס האָבן געפירט צו דער אויסערלעכער גרויסער וועלט, ווי צעשיידטע זיווגים. אָפּגעשטעלט האָט זיך דער האַנדל־וואַנדל און פאַראַליזירט די ברייט פאַרצווייגטע פּראָדוקציע, פאַרשטומט זענען געוואָרן די פאַרשידענע שטאָטישע פאַבריקן, וואָס האָבן אייביק גערוישט, געהודזשעט, געהאַמערט און געזונגען מיט דער קאָכיקער ענערגיע און מיטן שווייס פון טויזנטער אַרבעטער. די פאַבריק־שויבן גלאָצן איצט אומעטיק, ווי מיט אויגן פון האַרבסטיקע וואָראָנעס, צו די ליידיקע גאַסן אַרויס.

מענטשן מיט בלאַסע פּנימער און לויערנדיק הונגעריקע אויגן בלאָנ־דזשען אַרום איבער די קאַלט־פאַרשנייטע גאַסן און זוכן און נישטערן

צו געפינען עפּעס וואָס פאַר די אויסגעהונגערטע משפּחות. און ווען מען דערזעט פון וויטן עפּעס אַ פורעלע מיט קאַרטאָפל, באַפאַלט מען עס ווי אַ האָגל, מ׳רייסט יעדער אין זיין זעקל און טאַרבע אַריין, מיט געוואַלדן, ספּאַזמעס און תחנונים...

דערווייל לויפן און יאָגן אַהין און צוריק די שוואַרצע קאַרעטקעס פון רויטן קרייץ, באַגלייט מיט קרעכצן און געוויינען פון די קרבנות.

די קאַלטע, שוין לאַנג נישט באַהייצטע הייזער, האָבן די איינוווינער אַרויסגעיאָגט פון זייערע וווינונגען. האָבן מענטשן געוואַנדערט.

מען האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין די געזעלשאַפטלעכע קלובן, וואָס זענען איצט געווען אויסגעליידיקט פון באַגייסטערטע יונגע באַזוכער, וואָס פלעגן זיי שטענדיק אָנפילן ביי די ליטעראַריש־קולטורעלע אימ־פּרעזעס. עס זענען אויך פאַרשטומט געוואָרן די גלאָקן־קלאַנגען פונעם אַלטן סאָבאָר־קלויסטער, וואָס האָט שוין לאַנג נישט גערופן צו דער אוונט־תפילה...

יידן מיט בערד זענען געגאַנגען אין שול זייער גלויבן צו פאַר־שטאַרקן. האָט זיך די אַלטע, גרויסע שול פאַרשעמט פאַרן צער פון אירע גלויביקע, און זיך איינגעקאַרטשעט אין נאַכטיקן שווייגן...

אין איינעם פון יענע טעג איז די מאַמע אַריינגעקומען אין אונדזער קינדער־צימער און ווענדנדיק זיך צו אונדז, מיט אַ הייזעריק, געבראָ־כענער שטים, געזאָגט:

— קינדערלעך! היינט וועט שוין קיין מיטאָג אין גאַנצן נישט זיין.

— פאַר וואָס? — האָבן מיר געפרעגט.

— ווייל נישט נאָר קיין ברויט און גרינס איז נישטאָ, נאָר אַפילו די מאַקוכע * איז שוין אויסגעגאַנגען.

אירע בלויע, גוטע אויגן האָבן זיך אָנגעפילט מיט טרערן און זי איז אַרויסגעלאָפן פון צימער.

דערפאַר זענען מיר היינט געגאַנגען פרי שלאָפן.

---

* אַ קלייען־געמיש פאַר בהמות.

באַגינען, האָט מען מיין עלטסטן ברודער, זיידל, אַרויסגענומען פון בעט צו צוואַנגס־אַרבעט.

מיר אַלע האָבן זיך צעיאָגט איבער די גאַסן זוכן אַ ביסל שפּייז. מיר האָבן זיך אויסגעמישט מיט אַלע פאַרלאָרענע, אַנטוישטע, פאַר־ביטערטע, צעבראָכענע און הונגעריקע.

דערווייל איז געוואָרן אַן אויפגעלאָף. אין סאַמע מיטן טראָטואַר, אויף דער פּרץ־גאַס, איז אין אַ קאַלוזשע בלוט געלעגן, געטראָפן פון אַ קויל, דער פאַבריק־אַרבעטער ש. שאַרפמאַן, אַ טאַטע פון זעקס קינדער.

ווען דאָס שוואַרצע קויטשל איז אַנגעלאָפן איז די גאַנצע משפחה אַרויס, אַרומגערינגלט דעם אַרויסגעצויגענעם ארון, זיך צוגעטוליעט צום נאָך זשיפּענדיקן, פאַרבלוטיקטן גוף מיט געוויינען און ספּאַזמען. געקושט דעם פאַרוווּנדעטן און געשריען צו די דייטשן:

— גזלנים! ראַזבאָיניקעס! וואָס האָט איר געבראַכט צו אונדז?! וואָס האָט איר געמאַכט פון אַ שטאָט מענטשן?!...

דאָס פאַרשמאַכטע פאָלק איז נאָכגעגאַנגען, געשאָקלט מיטן קאָפּ און אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— אים איז שוין ווויל און גוט, ער דאַרף שוין מער נישט עסן!...

פאַרחלשטע, זענען מיר צוריק אַהיימגעקומען און אַ פאַל געטאָן אויף דער קאַנאַפּע.

אַ שווערע הושכדיקע קעלט האָט אונדז אַרומגענומען, געפּרעסט דאָס געמיט און ווי אַ פּויזנדיקע שלאַנג האָט דער הונגער זיך אַריינגעביסן אין די אינגעווײדן און געוואָרפן אונדז אין אַ פיבערדיקער דערצאָרנטקייט. מיר האָבן זיך אויפגעהויבן און צוריק געזעצט, זיך גענומען קריגן צווישן זיך. פאַר וואָס? ווייסן מיר אַליין נישט.

די מאַמע, וואָס האָט לעצטנס אָנגעהויבן הוסטן, איז געלעגן אין איר זייטיקן צימער און געקרעכצט.

דער טאַטע, ווי אַ שווייגנדיקער שאָטן, האָט זיך געשאַרט שטיל אַרום די ווענט און געהאַלטן אין איין אַרויסקוקן דורך די פענצטער מיט פאַרמרה־שחורהטע אויגן, ווי ער וואָלט דערוואַרט פון ערגעץ־ווו אַ הילף...

פלוצים האָט זיך אַן עפן געטאָן די טיר און זיידעלע איז אַריין,

געבליבן שטיין אַ טויט־בלאַסער ביי דער שוועל און זיינע ליידיקע אויגן, ווי טיפע פינצטערע גריבער, האָבן זיך אָפּגעזעצט אויפן קאַלטן תהום פון שטוביקן חורבן...

ווי די בינען זענען מיר אים באַפאַלן, באַטאַפּט זיין פאַרבלאַטיקטן מאַנטל מיט די שמוציקע הענט, וואָס האָבן אַ גאַנצן טאָג, אין הונגער, געגראַבן אַקאָפּעס. מיר האָבן געגראַבלט און געזוכט אין זיינע קעשענעס, אפשר איז געבליבן ביי אים עפּעס וואָס פון זיין פעלד־שפּייז.

אַלע זענען מיר שטיין געבליבן שווייגנדיק פאַרשטיינערט, ווי פאַר־לוירן די לעצטע האָפענונג און — צוריק אויף דער קאַנאַפּע...

שטיל, ווי אַ שאָטן, איז זיידל אַריין אין וואַנע־צימער, זיך געוואַשן און שווייגנדיק אַריינגעקוקט צו דער מאַמען.

— גאָרנישט, מיין זון, ס'איז מיר גאָרנישט! — האָבן מיר דערהערט דער מאַמעס ווייכע, שוואַכע שטים, באַגלייט מיט אַ הוסט.

עס האָט אַ זעץ געטאָן ווי אַ דונער פון אַן אויפגעריסענעם שראַפּנעל. די שטוב, מיט אונדז צוזאַמען, האָט זיך אַ טרייסל געטאָן. מיר האָבן זיך צוגעטוליעט איינער צום צווייטן, זיך אַרומגענומען און געוואַרט.

דערווייל האָבן מיר דערהערט קלאַנגען פון אַ מוזיק־אינסטרומענט. ווייכע, צאַרט־דינע, שטילע קלאַנגען זענען אַריינגעשוווּמען אין דער נאַכטיקער לופט און אונדז דערמינטערט, ווי מיט חלשות־טראָפּנס. מיר האָבן אויפגעציטערט. דער גאַרטל פון הונגער האָט אונדז אַרומגענומען און צעגויפגעבונדן אין צעבראָכענער ליבשאַפט. שטיל האָבן מיר זיך צעוויינט. און כליפּענדיק האָבן מיר פאַרנומען די זיסע טענער, וואָס האָבן זיך שטיל, שטיל געגאָסן אַזוי סודותדיק, ווייך־האַרציק, ווי אַ בעטנדיקע תפילה פון אַ דממה דקה, ווי אַ הייליק השתפכות הנפש. געדוכט האָט זיך, אַז אַ הייליקער גייסט קניט פאַרן כסא הכבוד און בעט פאַר אונדז רחמים...

נאָר די פליסנדיקע טענער האָבן זיך געשטאַרקט, געפאָדערט און געטענהט צו די אויפגייענדיקע מאָרגן־שטערנס, וואָס זאָגן אָן טאָג... מיט אַ מאָל האָט זיך דאָס פידל צערוישט ווי צעשטורעמטע ים־כוואַליעס, ווי

פּראָטעסטן פון טויזנטער מאַרשירנדיקע אַנטקעגן דער נייער אויסגע־בענקטער וועלט...

פון יענער זייט פראָנט־ליניע האָט אַ זעץ געטאָן אַ קאַנאָנאַדע. אין דער נאַכטיקער לופט האָבן זיך אָנגעצונדן ווי אַ מין שטערן־פּראָזשעקטאָר און באַלויכטן אונדזער שטוב. מיין ברודער זיידל איז געשטאַנען אין מיטן צימער אַן אויסגעגלייכטער, דער קאָפּ אַ ביסל געבויגן אין דער זייט איבער זיין געליבט פידל. די געדיכטע טונקל־בלאָנדע לאָקן צע־שאָטן, ווי זיי וואָלטן שוועבן אין ווינט, איבערן ליכטיק־פּירקאַנטיקן שטערן. די ווייכע צאַרטע הויט פון זיין שיינעם פּנים, באַהויכט מיט חכמה און אינטעליגענץ, האָט איצט געאָטעמט מיט גאַליק־שאַרפן ווייטיק. נאָר די אויגן זיינע — טיפע שטימונגס־פולע אויגן, וואָס שטראַלן מיט איידעלער גוטסקייט, האָבן איצט געברענט אין פייער־פיבערדיקער דער־שיטערונג מיט דערהויבונג צוזאַמען. עס איז געווען אין זיי אַ יסורים־וועג, חלום און וואר, קאַמף און דערגרייכונג, דערפרייונג פון אויפלעבונג און אויפגאַנג...

זיינע ווייסע צאַרטע פינגער האָבן זיך פלינק באַוועגט איבער די סטרונעס, ווי שוועבנדיקע שמעטערלינגען, וואָס פלאַטערן מיט פרילינגס־בשורות...

אָט אַזוי איז די שטוב מיט איין מאָל אָנגעפילט געוואָרן מיט מוזיק פון קדושה, גלויבן, טרייסט און האָפענונג, וואָס האָבן וויברירט אין אַ זיסן ציטער.

געדוכט האָט זיך, אַז די בילדער אויף די ווענט — דער שטאָלץ פון דורותלאַנגע יידישע און נישט־יידישע ליכטיקע פערזענלעכקייטן — האָבן זיך צעשמייכלט און שטיל געשעפּטשעט:

— זינג ליבער ברודער! זינג און כישוף־אויס מיט אונדז צוזאַמען דאָס ליד פון ליכט און פרידן! ליבע און מענטשן־פאַרברידערונג, דאָס ליד פון מענטשן־פריינדשאַפט!

— — — — —

ווען ס'האָט דער העלער באַגינען, אויסגעשטראַלט זיין ליכט, האָט מען אונדז געפונען פאַרהלשטע.

בילדער און טיפּן פון „טאָז״

רואיק שטייט דער אַלטער „טאָז״־בנין אין דער שטילער דאָמיניר־קאַנסקער גאַס און קוקט אַרויס צום אָנקומענדיקן טאָג, ווי אויך צום געאייניקטן צענטער פוןביידע האַלבע שטעט פּינסק־קאַרלין.

צאָלרייך זענען זיינע פאַרשידנאַרטיקע באַזוכער, וואָס געהערן צו פאַרשידענע קלאַסן און שטאַנדן.

ווען דער העלער פרימאָרגן צעוויקלט זיין פלאַטערנדיקע פאָן איבער דער שטאָט און די באַזוכער, פון ביידע זייטן, הויבן זיך אָן צו ציען צום „טאָז״־בנין באַגריסן זיי ביים אַריינקומען צוויי אָנגענעמע דער־שיינונגען: די זויבערקייט, וואָס הערשט אַרום אַלע צעעפנטע אויפנאַמס־קאַבינעטן און די סימפּאַטישע שוועסטער ראָזע פּליסקינאַ, וואָס קומט שטענדיק אַנטקעגן מיט איר טרוימעריש־ווייכע סאַמעט־אויגן, ווי מיט אַ וואַרעמען גוט מאָרגן!

דער ערשטער פרימאָרגן־עולם באַשטייט אין גרעסטן טייל פון די געקומענע נאָך פאַרציעס מילך, וואָס ווערן טעגלעך אויסגעטיילט פאַר די קליינע קינדערלעך, ביז צוויי יאָר.

ביז דער עולם זעצט זיך אויס אין אַ לאַנגער שורה אין גרויסן וואַרטע־זאַל עפנט זיך דאָס ספּעציעלע פענצטערל פון וועלכן עס ווערט אַרויס־געגעבן ווינטער־צייט, די פיש־אייל פאַר דער שול־יוגט און עס באַווייזט זיך דאָס שמייכלענדיקע פּנים פון דער שוועסטער ראָזע, וואָס פאַרטיילט זאָרגפעליק יעדן איינעם זיין פאַרציע מילך.

די קאַנצעלאַריע עפנט זיך און עס קומט די ריי פון די פאַרשידענע באַזוכער. איינער וויל אינפאָרמאַציע וועגן די קוואַרץ־לאַמפּן, וואָס ווערן געמאַכט אין „טאָז״, אַ צווייטער — וועגן דער לאַבאָראַטאָריע פון אַנאַליזן. אַנדערע — וועגן דער טובערקוליאָז־אָפּטיילונג און אירע באַשטימטע

שעהן, וואָס איז איזאָלירט אין דער צווייטער האַלבער געביידע פון „טאָז״, אונטער דער אויפזיכט פון פּרעזעס ד״ר מאַנדעלבוים און געהילף־שוועס־טער באַק. נאָך אַנדערע קומען זיך אינפאָרמירן וועגן די זומערדיקע „טאָז״־קאָלאָניעס פאַר קינדער.

איצט אַרבעט שוין שוועסטער ראָזע ביי דער רעגיסטראַציע פון די פאַרשידענע פּאַציענטן — ווער צום דענטיסטישן קאַבינעט, ווו עס אַרבעטן די צוויי־דאָקטוירים ריטערמאַן און בינענשטאָק, ווער צום נערוון־ און אינערלעכן דאָקטאָר מאַנדעלבוים, ווער צום נאָז־ און האַלדז דאָקטאָר פּראַגער אָדער נארקין און ווער צום אויגן־דאָקטאָר אונגאַר.

אָט קומט אָן די גרויסע ריי פון די שילער פון דער יידישער גימנאַזיע און פון דער פאָלקס־שול, כדי זיך אונטערזוכן ביים ד״ר אונגאַר.

דער זאַל איז איצט פול מיט פּאַציענטן. ס׳איז אַ רעש. דאָ זענען פאַראַן מענטשן פון פאַרשידענע שיכטן און שטאַנדן: פון דער האַנט־ווערקער בראַנזשע, קליין־הענדלער, סוחרימלעך, פון קריזיס דערשטיקטע, אָדער גלאַט אַרבעטסלאָזע מיט מאָגערע איינגעפאַלענע פּנימער און אויס־געלאָשענע אויגן, בלאַסע מענטשן מיט נערוועז־גליענדיקע אַנגעצונדענע בליקן, וואָס קוקן מיט אומרו און אומהיימלעכקייט...

נעבן מיר זיצט אַ יונגערמאַן, וואָס איך קען אים. ער וווינט אין מיין גאַס, האָט אַ ווייב מיט קינדער און איז אַ קרעמער אין מאַרק.

ער איז שוין דאָ, דערציילט ער מיר, נישט קיין גאַסט. ער היילט זיך שוין אַ לענגערע צייט און איז פאַררעכנט צו דער ליסטע פון די אומזיסטע פּאַציענטן. פריער האָט מיט אים געהאַלטן גאַר שלעכט, ער פלעגן ליגן אין בעט, דער דאָקטאָר האָט געמוזט קומען צו אים אַהיים. היינט איז ער שוין אַ שטיקל מענטש, כאָטש אין זיין לאַנגן געלבלעך־בלאַסן פּנים זע איך נישט קיין טראָפּן בלוט. דאָך — זאָגט ער — מאַכט ער דאָ אַנאַליזן און שטייט, מיט זיין קראַנקן פוס, גרייט צו אַ פרישער אונטערזוכונג.

— מיר דוכט זיך, — זאָגט ער צו מיר שמייכלענדיק — אַז מיין גאַנצע פאַמיליע וווינט דאָ, אין „טאָז״. די שוועסטער מיינע, איז ערשט אַוועק אין דער אָפּטיילונג פאַר לונגען־קראַנקע, כדי צו באַקומען אַן

איינשפּריצונג, מיינע קינדער לערנען אין דער פֿאָלקס־שול און ווערן געהיילט דורך „טאָז״־דאָקטוירים און זומער ווערן זיי געשיקט אין די זומער־קאָלאָניעס.

צווישן די פֿאַרזאַמלטע צעשרייט זיך פּלוצים אַ קינד און מען כאַפּט עס אַריין צום דאָקטאָר, צעשטערנדיק די אָרדענונג.

אָבער מיך, ווי אַ פרוי אינטערעסירט מער יענע אָפּטיילונג פון „טאָז״, וואָס גיט באַראַטונגען די שוואַנגערע פרויען, אונטער אויפזיכט פון די דאָקטוירים: יוליאַ פרידמאַן, קאַגען און ווייַנבערג.

סיי די שוואַנגערע פרוי, וואָס פילט זיך שלעכט, ווערט דורך זיי אונטערזוכט און באַזאָרגט מיט רפואות, און סיי די סתם פאַמיליען־פרוי, וואָס איז ווי אַ פאַרפלאָנטערטע פייגעלע אין איר נעץ, פאַרטשעפּעט אין איר נייער לאַגע פון פריינטשאַפט אָן שום באַוווסטזיין פון איר נייעם צושטאַנד. אָפט מאָל, אין געראַנגל פון אירע שווערע מאַטעריעלע באַדינגונגען, פילט זי זיך הילפסלאָז אין איר פיזיאָלאָגישן פאַמיליען־צושטאַנד — זיי אַלע קומען צום „ביוראָ פון באַוווסטזיניקער מוטערשאַפט״, וווּ זיי נעמען אויף עצות און אָנווייזונגען פון די דאָקטוירים און הערן צייטנווייז אַ לעקציע, וואָס עפנט אויף זייערע אויגן און זיי פאַרשטייען בעסער ווי אויפצונעמען דאָס לעבן...

באַזונדער אינטערעסירט מיך די אויפנאַם־צייט פון דער קינדער־דאָקטאָרין עלשטיין. אין וואַרעמען און זויבערן אויפנאַם־צימער קומען זיך צענויף די מוטערס מיט פּיצעלעך זויג־קינדער אויף די הענט. די מוטערס טראָגן מיט שטאָלץ זייערע עופּהלעך רייניקע, אויסגעבאָדענע, וואָס בלאַנקען און שמעקן ווי לעבעדיקע בלומען. אַ שטומע מרוקעריי, אַ הילכיק פּישטשען, ווי אַ פויגל־געזאַנג, אַ העלער קינדער־געלעכטערל, ווי זילבערנע גלעקלעך, פּילט אויס די אָנגעוואַרעמטע לופט. פאַראַן מוטערס אויך מיט פאַרזאָרגטע פּנימער. ס׳טרעפן יונגינקע מוטערס, וואָס דערלאַנגען דער דאָקטאָרין זייערע באַקעטע קינדערלעך מיט האַלב שעמעוודיקע בליקן.

די דאָקטאָרין אונטערזוכט, מעסט די טעמפּעראַטור, לייגט אַוועק דאָס צאַפּלדיקע נפשל אויף דער וואָג; זי באַטראַכט דאָס קינד אויף

אַ געשיקטן ענערגישן אופן און גיט איבער דער מוטער אירע ווייטערע אינסטרוקציעס.

די קליינע קערפּערלעך אויף דער וואָג, אַנדערע נאָך גאָר יונגיטשקע עופהלעך, מיט די ראָזע דורכזיכטיקע גלידערלעך, באַוועגן זיך, ווי זיי וואָלטן שווימען אין דער לופט, רייסן זיך מיט די האַלב ווילדינקע אויגע־לעך צו זוניקער ליכטיקייט, און שרייען מיט די געעפּנטע פּיסקעלעך:

— אוּ־אַ־אוּ־אַ !

דער פינסקער שפּיטאָל

באַגינען. טרױמעריש פּאַרטראַכט. װי נאָך אַ שװערן נאַכט־חלום, שטײט דער אַלטער, גרױסער שפּיטאָל־בנין אַרײנגערוקט אין דעם בלו־מענדיקן הױף, מיט דעם פּאַראַדנעם אױפגעהױבענעם אַרײנגאַנג, געװענדעט צו דער שטאָט, װי דער קלוגער אױפגעהױבענער שטערן פון אַ שײנער בכבודיקער זקנה. װען דער באַגינען װיקלט פונאַנדער זײן ראָזן שײן, גריסן זיך די גרױסע שפּיטאָל־פענצטער צום אַרומרינגלענדיקן פּרוכט־גאָרטן, מיט מידע אױגן פון אַ געטרײען נאַכט־װעכטער...

דער לאַנגער טונקעלער קאָרידאָר, װאָס צעצװײגט פון זיך אין דער ברײט די באַזונדערע פּאַלאַטעס מיט בעטן קראַנקע, גרײט שױן אין אױפשטײגנדיקן באַגינען און דערװאַכט מיטן גערױש פון דער דינערשאַפט.

אַ זיסער בלומען־אַראָמאַט רײסט זיך אַרײן דורך די צעעפנטע פענצטער. סנאָפּעס זוניקע שטראַלן פון יונגן פרימאָרגן פאַלן אין די פּאַלאַטעס אַרײן און באַגיסן מיט זײער װאָרעמער שײן די בלאַנקענדיקע בעטן. עס דערװאַכן די קראַנקע פון זײער מידן שלאָף און צעקרעכצן זיך טיף...

אַ שװער כריפּענדיק סאָפּען דערהערט זיך פון אַ שװער־אָטעמדיקער ברוסט און װערט באַגלײט מיט אַ געיאָמער פון צענדליקער קרעכצן. בלאַסע אײנגעפאַלענע פּנימער, מיט אױסגעלאָשענע אױגן, פיבערנדיקע, רײסן זיך פון די בעטן צום אױפגײענדיקן טאָג, מיט געבעט און האָפענונג...

פאַרשידנאַרטיק זענען זײ די קראַנקע אָן אונטערשיד פון ראַסע און גלױבן. זײ שטעלן מיט זיך פאָר (אין אַ מיניאַטור) די געמישטע מענטשן־משפּחה פון שטאָט און פּראָװינץ. זײ אַלע זענען אונטערטעניק און געאײניקט צום געמײנזאַמען אומגליקלעכן גורל און הילפלאָזיקײט...

אָן אונטערשיד פון עלטער, דערקענט איר דאָך אין יעדן אײנעם,

אויף זיין אייגנאַרטיקן אופן, דעם אויסדרוק פון זיינע פיזישע יסורים. קליינע קינדער שרייען, פרויען קימפעטאָרינס קוויטשען היסטעריש, יאָ־מערן און בעטן זיך רחמים. עלטערע און יינגערע קראַנקע קרעכצן, ווער פאַרשטיקט און ווער אָפּקלינגענדיק אָדער הייזעריק ווייַנענדיק אויפן קול...

אַ האַרצרייסנדיקער כאָאָס פילט אָן די לופט פון שפּיטאָל־חלל, מאַכט שווער דעם געמיט און פילט אויס דעם באַזוכערס וועזן מיטן הייסן ווילן צו העלפן, צו פאַרגרינגערן, צו לינדערן די דאָזיקע אומגליקלעכע... קוקסט זיך אום אין אַלע זייטן. דאָס ערשטע וואַרפט זיך אין די אויגן אַ קראַנקער, עלטערער מענטש מיט אַ געדיכטער גרויער באָרד פון אַ פאַטריאַרך. אַ פּאָר טיפע אָפענע אויגן, וואָס קוקן מיט ווייך געבעט, דער הויכער שטערן בלאָסט זיך און די גראָבלעכע ליפּן לאָזן שווער אַרויס דעם געכאָרכל פון זיין שווער־סאָפּענדיקער ברוסט...

אַ צווייטער קרעכצט שניידנדיק־הילכיק, קלאַפּט נערוועז מיט די הענט, וואַרפט איין פוס, אַהין און צוריק, און רעדט צו זיך אַליין:

— איך קען נישט מער, ניין! איך קען שוין מער נישט!...

אַ דריטער ליגט שטיל־הכנעהדיק, די הענט גלייך אויסגעצויגן איבער דער קאָלדרע, דער קאָפּ טיף אַריינגעפאַלן אין די אַקסלען, דאָס פּנים פאַרגעלט, נאָר אויף די סאַמע שפּיצן פון די קינבאַקן אָנגעצונדענע קרייזן, ווי יונגע צעבליטע פייער־בלומען...

אַ פערטער איז אין גאַנצן פאַרשטומט. ער מאַכט בלויז ווילדע באַוועגונגען, רופט מיט די הענט צו זיך, קוקט ווילד און העזהדיק, ווי ער גרייט זיך אַראָפּצושפּרינגען פון בעט און באַפאַלן עמיצן...

אַנדערע קראַנקע, מער רואיקערע, מיט אייַנגעפאַלענע פּנימער און אויסגעצערטע הענט, שמועסן צווישן זיך געמיטלעך, לייענען עפּעס פאַר זיך.

די אויפמערקזאַמקייט ציט דאָס געשריי פון די פרויען־פּאַלאַטעס, דאָס געשריי פון אַ פריש געבראַכטער קראַנקער. אין קאָרידאָר איז אַ רעש. די קראַנקע, וואָס ס'איז זיי אַ ביסל בעסער, גייען צום איבער־בינדונגס־פּונקט מיט זייער פאַרוואונדיקטע גלידער, אַנדערע קומען אָן מיט זייערע שפּיטאָל־כאַלאַטן, אין שטעק־שיך, מיט פאַרבונדענע הענט

אויף הענג־בענדער און צעשמייכלען זיך אין סאַטירישן ווערטער־אויסטויש.

מיט אַ באַזונדערער פּאַרזיכטיקייט ווערט דורכגעטראָגן דורכן קאָרי־דאָר אַ שווער־אָפּערירטע פון די פרויען־פּאַלאַטעס.

אַ גרופּע וויינענדיקע קינדער ווערט דורך די שוועסטער געפירט צום אָפּעראַציע־זאַל.

נאָר אָט, איז פּלוצים איבערגעריסן געוואָרן די אַרבעט אין אָפּעראַציע־זאַל. דער טעלעפאָן רופט האַסטיק נאָך הילף. אין עטלעכע סעקונדעס ווערט אַריינגעבראַכט, אין אָנווּעזנהייט פון עטלעכע וויינענדיקע מענטשן, אַ פאַבריקס־אַרבעטער. ס'איז געשען אַן אומגליק: די אַרבעטס־מאַשין האָט אים אָפּגעריסן אַן אבר. דאָס דאָקטוירים־פּערסאָנאַל האָט אים, אַ פאַר־גאַסענעם מיט בלוט, אַריינגעכאַפּט אין אָפּעראַציע־זאַל.

ענדלעך, נאָכן אַריינטראָגן דאָס עסן פאַר די חולאים, שטעלט זיך ביסלעכווייז איין דער טומל. עס דערנעענטערט זיך די שעה פון דאָק־טוירים־באַזוך ביי די קראַנקע. נאָך דער ריי פון די פּאַלאַטעס־וואַנדע־רונגען גייט דער ערשטער, דער אָרדינאַטאָר־כירורג פון שפּיטאָל ד״ר יעקאָבזאָן, נאָך אים, די יינגערע און עלטערע אַסיסטענטן. די קראַנקע נעמען זיי אויף מיט אַ ווונדערלעכער שטילקייט און אומגעדולד. אַלעמענס אויגן זענען געווענדעט צו זיי. אָבער דער אויסדרוק פון זייערע בליקן איז פאַרשידנאַרטיק: בליקן, וואָס רופן און בעטן דעם דאָקטאָר צו זיך; בליקן שטילע, פאַרשלאָסענע אין זיך; בליקן פון קנאה, פאָרוווּרף און רעזיגנאַציע...

בייטאָג

נאָכן אָוועקגיין פון הויפּט־דאָקטאָר גייען די פונקציעס איבער אין די הענט פון געהילפס־דאָקטוירים, פעלדשערס און באַרמהאַרציקע שוועס־טער, וועלכע פירן אויס די טעכנישע פאַראָרדענונגען פון דאָקטאָר.

אַ שמייכלענדיקע, אַ לייכטע, מיט אַ מילדן בליק אין אירע יונגע פרויען־אויגן, דערנענטערט זיך יעדע קראַנקן־שוועסטער צו די בעטלעך,

אויף וועלכע עס ליגן אין הילפסלאָזער דערוואַרטונג די קראַנקע, שוואַכע, קראַנק־אויסגעמאַטערטע און נערוועזע.

אין די צימערן, ווו עס ליגן געפערלעכע חולאים, ווערן די קראַנקן־שוועסטער אויפגענומען מיט אומגעדולדיקן ערנסט און צוטרוי. דאַקעגן אין יענע פּאַלאַטעס, ווו עס געפינען זיך די לייכטערע קראַנקע, אָדער אויסגעהיילטע, נעמען זיי אויף די שוועסטערס מיט גרינגשעצונג, מיט יענער שפּילעוודיקער פרייד, וואָס ווערט געבוירן מיטן פאַרבעסערטן געזונט־צושטאַנד.

די שוועסטער, וואָס דאַרף, פאַרן פרייז פון איר צערטלעכקייט, פריער געווינען דעם צוטרוי פונעם שווער־קראַנקן, כדי צו קענען אים געבן די טעכנישע מעדיצינישע הילף, ווערט איצט פאַרוואַנדלט אין דער ראָל פון אַ פאַרווייַלונגס־אַרטיסטין.

די קראַנקע, זייענדיק אָפּגעריסן פון דער אויסערלעכער וועלט, געפינען אין דעם ליבן מענטשן, אין געשטאַלט פון דער שוועסטער, דעם צוטרוי ווי צו זייַנס גלייַכן, ווי צו אַ פריינד און חבר, וועלכער איז אויס־געוואַקסן לעבן זיי אין דעם נויטיקסטן מאָמענט, אין דער צייט פון זייערע ליידן און יסורים און האָט זיך באַמיט צו פאַרגרינגערן זיי. עס געשעט אָבער נאָר דאַן, אויב די שוועסטער קען זיך גייסטיק דערהויבן צו יענער שטופע פון פסיכאָלאָגיש צופּאַסן זיך צום דערוואַקסענעם, ווי צום קינד.

די לייכט־קראַנקע פאַרטרויען פאַר דער שוועסטער זייערע אינטימע פיזישע און גייסטיקע סודות. און אין דער פאַרלייכטערונג, וואָס דער־גייט בליץ־שנעל צו געזונט ווערן, איז די זויבערע וויַיס־געקליידעטע שוועסטער אַ פאָר צום זוניק גרויסן זומער־טאָג, וועלכער דעקאָרירט די שפּיטאָל־צימערן מיט פרייד און ליכט...

די שוועסטער בויגט זיך איבערן בעט פון אַ יונג אָפּערירט מיידל. דאָס מיידל איז אויסגעצערט און בלאַס. איר לענגלעך טונקל פּנים איז פול מיט חן און נערוועזיטעט. ליגט זי איצט אין איר ריי צווישן צוויי בעטלעך פאַרטראַכט. זי איז געבליבן אַליין. זי איז אָנגעקומען אין איין צייט מיט נאָך צוויי קראַנקע. איצט זענען זייערע בעטלעך פריי געוואָרן.

אין דעם צווייטן בעטל, אין דער רעכטער זייט, האָט זיך לאַנג געראַנגלט אַ פרוי אין די מיטעלע יאָרן מיט אַ ראַק־קראַנקהייט. זי האָט זיך צוגעהערט צו אירע קרעכצן, צו די רייד, וועלכע האָבן זיך געטונקלט אינעם כאַאָס פון אירע באַוווסטלאָזע ווערטער, וואָס זענען געווען ווייזט־אויס געווענדעט צו אירע קינדער. אַ שאַרפער ווייטיק נעמט נאָך איצט דורך אירע גלידער, ווען זי דערמאָנט זיך אָן דער שוידערלעכער פאַרב פון יענערס פנים; אָן אש־גרויען קאָליר האָט איר פנים באַקומען ווען די ליפּן אירע האָבן זיך אויסגעקרימט, די נאָז אָנגעשפּיצט און אַ שווערער כאָרכל האָט באַגלייט די גוססע צו דער אייביקער רו...

באַטראַכטנדיק דיביידע ליידיק־געוואָרענע בעטן, ווערט דער קראַנ־קערס געמיט איצט צעבראָכן פון מיטגעפיל צו דער געשטאָרבענער און קנאה צו דער געזונט־געוואָרענער. ווען די שוועסטער פרעגט זי וועגן איר געזונט־צושטאַנד, ענטפערט זי לאַקאָניש, פאַרציענדיק די נערוועזע שמאָלע ליפּן:

— עס וועט מיר, סיי ווי, גאָרנישט העלפן, לאָזט מיך צורו!

אַ יונגע פויערטע, וואָס ליגט נעבן דער אַלטער באַבעניו, מאַכט מיט די הענט אַ בעטנדיקן זשעסט און רעדנדיק פון היץ, קרעכצט זי:

— אָ יעזוס קאָכאַני! אָ יעזוס מאַריאַ!...

אויף איר ברוין פעלד־פּנים ליגט אָן אָפנהאַרציקייט און אַ קינדיש־קייט. אירע בלויע פיבערדיקע אויגן און רונדיק גלאַטער שטערן שפּיגלען אָפּ די יוגנט פון אַ געזונטן דאָרפס־קינד, ווען זי דערקענט עמיצן און בעט זיך ביי אים:

— פּאַניע, דאַי מניע נישטשאַ*.

לעבן איר ליגט אַ יונגע מוטער. אַ פרוי, וואָס האָט נאָר וואָס פאַרזוכט די פרייד פון מוטערשאַפט. זי איז אַ פעסטע, ווי אַ צווייג פון אַ געזונטן שטאַם, מיט אַ רונדיק, קרעפטיק, פריש פנים. מיט אירע קיילעכדיקע קורצזיכטיקע אויגן מאַכט זי דעם איינדרוק פון אַ מענטש, וואָס די אויסערלעכע וועלט גייט אים גאָרנישט אָן. דערפאַר רעדט זי

---

* הער, גיב מיר עפּעס!

נאָר וועגן זיך. איצט, ווען זי האָט פאַרזוכט דעם טעם פון די דינינקע ליפּעלעך, וואָס האָבן געזויגן די זאַפטיק־וואַרעמע מילך פון אירע שוימיקע ברוסטן, ווען דאָס ראָזע קערפּערל האָט זיך באַוויגן אַרום דער וואַרעמער אויסשטראַלונג פון איר יונגער מוטערשאַפט און אַ שטאָלץ האָט אַרומ־געכאַפּט איר ליכטיקן גרויסן קערפּער, מיט דער פרייד פון איר פיזיאָלאָ־גישער נייקייט, האָט זי נישט פילנדיק די אויסערלעכע אַטמאָספער פון די אַרומיקע קראַנקע, געוועבט און געפלאָכטן איר צענטראַלן געדאַנק אַרום דער עקזיסטענץ פון איר ניי־געבוירן קינד; טוליענדיק און גלעטנ־דיק עס, האָט זי מיט אַלעמען געשפּאַסט און קינדיש געפלוידערט צום האַלב־ווילדינקן נפשל, מיט אַזאַ פּאַטאָסדיקן אָבערגלויבן, ווי דאָס קינד וואָלט זען, הערן און פאַרשטיין...

נאָר אָט איז שוין דער צווייטער טאָג, אַז דאָס קינד איז אַוועק־געשטאָרבן. די מוטער זעט פאַר זיך קיינעם נישט, אויסער די גרויסע טראַגעדיע, דעם פאַרלוסט פון קינד. זי איז איצט האַרט, עקשנותדיק, ברוגזלעך און רעדט צו קיינעם נישט. ענטפערט אַפילו נישט דער שוועס־טער אויף איר וואַרעמען גוט־מאָרגן.

די אַלטע באַבעניו דערציילט אירע מעשיות דזשאַמדזשענדיק מיט איר ציינלאָזן מויל. זי פאַרשפּרייט מיט איר טרוקן קול אַ געמיטלעכקייט אין דער גאַנצער פּאַלאַטע. עס ווערט שטיל, ווען די באַבעניו רעדט. אַלע קראַנקע הערן זיך איין און לאַכן מיט.

ווו־נישט־ווו, פון צווישן די שפּיטאָל־צימערן, ווערט איבערגעריסן אַ היסטעריש געוויין פון אַ שווער־קראַנקן, באַגלייט מיט קרעכצן...

אַ סך פון די קראַנקע שלאָפן איין אין טאָגיקער זוניקייט, נאָך אַ שלאָפלאָזער נאַכט פון יסורים. ס'איז שטיל. נאָר אַ שטיל געוויין־געררויש דערטראָגט זיך פון ערגעץ־ווו. עס דערנענטערט זיך און ווערט אַלץ בולטער און שאַרפער. עס הערט זיך פלוצים אַ יאָמערלעך געשריי. מיט אומגעדולד דערהערן די קראַנקע אַ שטאַרקן גערויש און אַ באַוועגונג אין לאַנגן קאָרידאָר.

— אָ, מיין זון, מיין טייערער, איינציקער זון מיינער! — יאָמערט אַן אַלטע מאַמע.

— אַ! טאַטע, טאַטעלע! — שרייט הילכיק אַ יונג שטימעלע און נאָך אַ סך שטימען.

אַ גערודער. דער טעלעפאָן קלינגט. מען רופט צענויף די דאָקטוירים.

— ראַטעוועט אַ שווער קראַנקן, ראַטעוועט אַ טאַטן פון אַכט קינדער, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן פון זיין געשפּאַן און שרעקלעך פאַרוווּנדעט געוואָרן.

אַ דערשראָקענע ערנסטקייט גייט־אויף פאַר אַלעמענס אויגן. איבערן קאָרידאָר שווינדלען ווייסע פאַרטוכער — פון די דאָקטוירים און געהילפן. זיי אַלע איילן צום אָפּעראַציע־זאַל. דער גערודער ווערט ביסלעכווייז איינגעשטילט. דער טאָג וועבט ווייטער די שטילע זינגענדיקע לעגענדע פאַרן מידן הילפסלאָזן מענטש.

עס איז די שעה פון באַזוך. געסט קומען צו די קראַנקע. אַ פרישע כוואַליע פון דרויסן רייסט זיך, מיט זיי צוזאַמען אַריין, און ברענגט די עלנטע אַ פרישן, לעבעדיקן גרוס פון דרויסן און פון די היימען, וואָס פרישט אָפּ די לאַנגווייליקייט פון זייער מאָנאָטאָן שפּיטאָל־לעבן מיט אַ באַזונדערער פרייד און נייגעריקייט.

צום דאָרף

איך האָב ליב דיר, דאָרף!

איך האָב ליב דיינע שטילע גרויע הימלען, וואָס דערוואַכן פון נאַכטיקן שווייגן און שפּרייטן זיסן אומעט און ציטערדיקע בענקשאַפט.

איך האָב ליב דיינע ראָז־צעגליטע באַגינענס, וואָס שפּרייטן זיך צאַרט אין גאָלדנדיקן ליכט איבער די נאַכטיק־באַטויטע פעלדער, מיט ברכה פון פרייד און געזאַנג.

איך אָרעם די שיין פון דיינע בלענדנדיקע יום־טעג, וואָס צעציינדן זיך איבער דיינע פעלדער, וואָס שעמערירן מיט זיידענעם גלאַנץ פון זייערע בונטע פאַרבן.

מיט דעם ציטער פון מיין האַרץ פאַרנעם איך דעם קלאַנג פון דיין סערפּ, וואָס זינגט שירה צו דער זון און פאַרשפּרייט איבער די ווייטע דאָרפס־שליאַכן די ברכה פון זאַטקייט.

איך פאַרהייליק דיינע קרישטאָל־ריינע וואַסער־אויסגוסן, וואָס פליסן אַזוי שטיל, בהרחבהדיק דיר צוקאָפּנס און פרישן־אָפּ דיינע סטאַדעס. איך פאַרהייליק דיין תפילהדיק שווייגן.

איך קוש דיינע טונקל טרוימערישע פאַרנאַכטן, וואָס גייען־אויס אין לעצטן עכאָ פון די פעלד־געזאַנגען און צינדן אָן די שפּיצן פון די טונקל געקרייזלטע וועלדער מיטן שיין פונעם גרויסן יום־טוב — שניט.

שטיל און שמייכלענדיק שטייען שווייגנדיק די צייטיקע קאַרשן און עפּל־ביימער, ווי עס שוויגט צייטיק מיין פלאַמיק־פריידיק האַרץ ביים אונטן־מאָלצייט פונעם מידן דאָרפס־ברודער און צום געפלאַטער פון די העל שטיפערישע טויבן־פּאָרן, וואָס קרייזן אַרום דיינע דאָרפס־כאַט־

קעלעך, ווו עס שוועבט די הייליקע ברכה פון דיינע אבות, וואָס רוען ביים ראַנד פון דיין רוקן אין דער געזאַלבטער ערד פון דיין פּראַצע...

זיי געבעטשט דו, יונגער דור פון דאָרף!

אָ, זיי געבענטשט דו יונגע ברוינע האַנט פון דער וועלט!

אונטער די פליגל פון טויט

געהייליקט דער שוועסטער
פון רעדאַקטאָר באָדאַנסקי.

שטייף אַריינגעפּרעסט אין דער נאַסער ערד פון דער פּאַליעסיער ווינטער־שטאַט, שטייט דאָס עלנטע הויז אָן אַ זייט, מיט אירע איינגע־קאַרטשעטע בראַנזעווע ווענט, וואָס זעט אויס אונטערן ווינטער־הימל, ווי אַ האַרץ פאַרשטשימעט פון אינעווייניקסטע יסורים. עס קוקט אַרויס צום אָפענעם שליאַך, ווי מיט טריבע אויגן פון אַן עלנטער, פאַרוויינטער יתומה...

אינעווייניק, אין ווייס־געקאַלכטן גרויסן צימער, ליגט אויסגעצויגן דער שלאַנקער קערפּער פון אַ פרוי, וואָס איז פּלוצלינג אַנטשוויגן געוואָרן אונטערן גרויזאַמען גורל פון דער שטומער אייביקייט...

אַ שווערע, נאַגנדיקע שטילקייט הערשט אַרום דעם איבערגעדעקטן קערפּער. יענע שטילקייט, וואָס הייליקט דעם פאַרשטיקטן געמיט פון דעם ליידיק־געוואָרענעם אַרום מיטן אייביקן רעטעניש: געווען — און נישטאָ!...

אַ קרייז פון ברענענדיקע ליכט רינגלען אַרום דעם מת, צעשניידן מיט זייער מאָרימדיקער שטילקייט און שטעלן אַוועק מיט זייער מיסטישן שיין אַ מהיצה צווישן די לעבעדיקע און טויטע...

שטיל פלאַטערנדיק רייסן זיך צו דער הויך, צום דיקן טונקעלן טרויער פון דער משפחה, די בלוי־רויטע פלעמלעך פון די אָנגעצונדענע ליכט, ווי דער פאַרביקער רעגן־בויגן, ווי זיי וואָלטן דערציילן, אַז געווען איז אַ מענטש, אַ לעבעדיקער, צאַפּלדיקער און פריידיקער מענטש מיט אַלע זיינע עטאַפּן און עפּאָכעס; געלעבט, געקעמפט, געבויט, געשאַפן אין אַלע זיינע אומוואַנדלונגען, אין עליות און ירידות; געפרייט זיך

אונטער דער זון און געקלאָגט אין שווערע שטורעם־ווינטן; דער מענטש האָט אַ גאָלדיק־צאַרטע קינדהייט געהאַט, געטוליעט זיך צו דער מאַמעס וואַרעמען קערפּער און איז געוואָרן געקושט פון אירע טיפע לייטזעליקע אויגן... וואַקסנדיק האָט ער געהאַט אַ פריידיקע בלומען־יוגנט, שיינקייט מיט ליבע באַשטראַלט, וואָס איז ווי אַ בלום אין מענטשלעכן וויין־גאָרטן אויסגעוואַקסן פול זאַפט און פּראַכט און געבענטשט געוואָרן מיט דער ברכה פון נאַטור — מיט מוטערשאַפט...

געבליט און צעוואַקסן זיך אַ ברייט־פּלייציקע, אַ פול־ברוסטיקע מיט געזונטע זאַפטן פון אַ יאָדערדיקן שטאַם, און אַט, אין סאַמע פייערונג פון מענטשלעכן קיום, סיי פיזיש און סיי גייסטיק איז זי אַ שווער שווייגנ־דיקע אַוועק צו דער ווייטער, ווייטער, אומענדלעכקייט...

און עס באַגלייטן זי די שטילע, פאַרשטיקטע קרעכצן, יאָמערן און כליפּען פון די אבלים, וואָס רינגלען אַרום די געשטאָרבענע, וואָס איז זיי אַזוי טייער. מיט אויסגעלאָשענע פּנימער און פינצטערע בליקן קוקן זיי אַלע ווילדע אויפן ווייסן אומבאַוועגלעכן ליילעך, מיט וועלכן עס ליגט צוגעדעקט זייער שוועסטערל, שוועסטערל האַרציקסטע!...

אַקעגן איבער זיצט די שלוכצענדיקע זקנה — די מוטער, טיף אָנ־געבויגן מיט דער הויכער פּלייצע און מיטן גרייז־גרויען קאָפּ, וואָס איז נידעריק, בידעריק אַראָפּגעפאַלן איבער דער אויסגעטריקנטער ברוסט ברעכנדיק די דאַרע, אָדערדיקע הענט פון איר באַבעשן שויס, שעפּטשען אירע ציטערדיקע לעפּצן פון איר פאַרמעט־צעקנייטשן פּנים, מיט דעם וויי־געשריי פון איר טרוקן, זאַפּטלאָזן קול:

— ווײ צו מײנע אַלטע יאָרן! ווײ דער מאַמען, וואָס לעבט נאָך אַזוי לאַנג!...

אַ שטיל שרייענדיקער צער האָט זיך אויפגעהויבן איבער די ברע־נענדיקע ליכט און אָנגעפילט דעם וויסטן חלל מיט אַ פּייניקנדיקער פראַגע: פאַר וואָס? פאַר וואָס?...

נאָר ווען די אַלטע ווייבער זענען אַרייַנגעקומען דורכצופירן די טהרה איבערן מת, האָב איך באַמערקט, ווי אַ פּאָר גליענדיקע אויגן האָבן אַרויסגעקוקט פון אַ טיף־באַהאַלטענעם פּנים.

דאָס פּנים, טיף אַריינגערוקט אינעם הויכן מאַנטל־קראַגן און אַ פּאָר טיפֿע, ברענענדיק מוראדיקע אויגן, נישט פֿייכט פֿון טרערן, האָבן מיט גרויל און אימפּעט זיך געריסן צו דער אויפֿגעדעקטער נאַקעטקייט פֿון דער פֿאַרשטאָרבענער.

דאָס איז זי, די יונגע טאָכטער. זי איז געשטאַנען שטיל און פֿאַר־שטיינערט זיך צוגעקוקט...

אינעם ברענענדיקן געראַנגל פֿון איר טיפֿן ווייטיק זענען די טרערן אויסגעטריקנט געוואָרן, ווי אין אַ קאַלך־אויוון; דערפֿאַר האָבן זיך אירע צעלויכטענע בלויע אויגן אָנגעצונדן מיט יענעם פֿייערדיקן גלאַנץ פֿון פֿיבער, וואָס שפּיגלט אָפּ אין זיך די פֿײַנלעכע שטימונגען, ווי די נשמה וואָלט זיך געבאָדן אין אַ גיהנומדיקן ים פֿון יסורים...

פֿאַר איר האָט זיך אַנטדעקט די מוטערס לייב — אַ ווײַסער אויס־געשלאַנקטער גוף, אַ שטראַלנדיקער, מיט יאָדערדיקער קראַפֿט צוזאַמען מיט אַ פֿרויען צאַרטקייט; די אויגן פֿאַרשלאָסן, די ליפּן ענג פֿאַרפּרעסט, דער בלאָנדער קאָפּ האָר צעוואָרפֿן איבערן טהרה־ברעט. נאָר די אויפֿ־געהויבענע ברעמען איבערן שטילן איינגעפֿאַלענעם פּנים, האָבן ווי מיט אַ פֿראַגע־צייכן זיך געשפּיצט...

געדוכט האָט זיך איר, אַז אַ שטילע הערשערין דרימלט נאָך אינעם פּראַכט פֿון איר זומער... ביז די אָנלויפֿנדיקע ווינטן וועלן זי באַלד אויפֿוועקן...

אַריינזויגנדיק זיך מיט אירע פֿלאַמיקע אויגן פֿון באַרוישטער אויפֿ־רעגונג אין אירע גלידער, איז פֿאַר איר אַדורך דער גאַנצער שיינער עבֿר פֿון איר יוגנט:

דערזען די ווייסע, איינגעפֿאַלענע ברוסטן, וועלכע האָבן געשפּייזט מיט זייערע זאַפֿטן איר קיילעכדיקן קליינעם קערפּערל, ווי זי פֿלעגט מיט די הענטלעך פּאַטשן די פֿולע זאַפֿטיק־פּרוכטיקע בריסט און די בלויע, גוטע אויגן, דער מאַמעס, האָבן געלאַכט צו איר און אָנגעגאָסן די זוניקע שטראַלן פֿון איר מוטערשאַפֿט אין איר קינדערשער נשמה...

די ווייסע הענט אירע האָבן זי אַזוי פֿיל מאָל אַרומגענומען, די פֿיס, וואָס האָבן זי געלערנט טאַנצן, באַוועגן זיך און שפּאַצירן, איר

ווייסער מאַרמאָר־האַלדז, וואָס זי האָט אַרומגענומען מיט די הענטלעך און געקושט, געקושט אָן אַ צאָל; דער שאַרפער קלוגער קאָפּ, וואָס האָט איר אַזוי פיל מאָל געעצהט, געזאָרגט און געלערנט זי אויף אַלע אירע וועגן, און דאָס גרויסע וואַרעמע האַרץ, וואָס האָט געקלאַפּט, געאָטעמט פאַר איר יונג אויפשטראַלנדיק לעבן; אָט די הערלעכסטע קאָמפּאָזיציע, וואָס זי האָט אונטער כשופדיקע קלאַנגען אויסגעוועבט פאַר איר, דער טאַכטער, דעם וואַרעמען נעסט פון היים און מוטער, אָט דאָס זינגענדיקע האַרץ איז פאַר איר אויף אייביק אַנטשוויגן געוואָרן...

דער גרויער פראָסטיק־פייכטער בין־השמשות פון דער ווינטערדיקער פּאָליעסיע האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן די שויבן און ווענט פון דער עלנטער שטוב און דער שוואַרצער ארון האָט זיך ברייט צעעפנט, ווי דאָס מויל פון אַ רויב־חיה, כדי איינצושלינגען דאָס טייערסטע פון איר לעבן — דעם הייליקן קערפּער פון איר מאַמען. האָט זי זיך פּלוצים איינגעבראָכן, און פאַלנדיק אין חלשות, האָט זי הייזעריק אויסגעברומט:

— מאַמע מאַמע! מאַמע!

די נאַטור און דער מענטש *

מיר באַזוכן די אויסשטעלונג. באַטראַכטן די לאַנגע גאַלעריע טיפן און לאַנדשאַפטן, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר די גרויסע קאָמפּליצירטע וועלט פון נאַטור און מענטש.

די נאַטור אין אירע בייטנדיקע סעזאָנען פון יאָר און דער מענטש אין זיינע יחידישע, פּערזענלעכע סטאַדיעס און אויך אין די סאָציאַל־קאָלעקטיווע קלאַסן־צעטיילונגען.

מיר פאַרטיפן זיך און באַמערקן די גרויסע סתירה, וואָס הערשט צווישן די צוויי כוחות פון דער וועלט — מענטש און נאַטור.

די פרייד אין דער נאַטור און די טראַגיק פון מענטש — דאָס זענען די הויפּט־פּראָבלעמען, וואָס זענען אַרויסגערוקט און פאַרטיפט אין די גרויסע שאַפונגען פון דעם קינסטלער. דאָס זענען די גרונט־יסודות, אויף וועלכע עס באַזירן זיך די פאָרמען פון זיינע אידעאָלאָגישע לאַזונגען אין דער קונסט.

אָבער נישט דאָס קערפּערלעך־אָרגאַנישע, דאָס מגושמדיק־חומרדיקע אַנטפּלעקט ער פאַר אונדז אין זיינע שאַפונגען, נאָר דער יום־טוב פון גייסט שטראַלט אַרויס פון די קינסטלערישע קאָמפּאָזיציעס, סיי דאָס פריידיקע סיי דאָס טראַגישע.

מיר שטייען פאַר „זומער־בילדער", וואָס אָטעמען מיט רייכקייט פון שפּילעוודיקע פאַרבן, מיטן טיפן צויבער און שיינקייט פון זיין צעבליטן וווקס און געזאַנג; עס ווייעט פון אים ליכטיקע פרייד, וואָס באַנעמט דעם גאַנצן וועזן פונעם צושויער.

אָדער דאָס בילד פון „זון־אונטערגאַנג", וואָס צעגיסט דעם ראָז־זיסן

---

* צו דער בילדער־אויסשטעלונג אין פּינסק פון ביאַליסטאָקער קינסטלער, א. ראַזאַנעצקי, יוני 1937.

אומעט פון אַרום און טראָגט אַריבער אין געמיט אַ צעצוונדענע שטימונג...

דער בין־השמשות שפּרייט צאַרט זיינע דין־טונקעלע שאָטנס איבער דער ווייטקייט און פאַרשאַפט אונדז דעם געגוס פון פאַרחלומטן, ווייטן.

דער „ווינטער אין דאָרף" מיט זיין נאַטירלעכער שטילקייט, וואָס ליגט זיך אַזוי רחבהדיק אין זיין ווינטער־הויב; די פאַרשנייטע כאַטקעס, די איינוווינער, און מען דערפילט אין בילד די פּאָעזיע פון דער שטילער נאַטור, וואָס רוט איצט אונטער דער קיל־צאַרטער ווייסקייט, בעת דער פויער רוט שלווהדיק נאָך דער זומער־פּראַצע...

די איבעריקע בילדער, ווי למשל, די „וואַנדערנדיקע פויערטע", „די פּאַסטושקע", „דער ווינט", געהערן צום ציקל פון יענער גרויסער קאָמפּאָזיציע נאַטור־בילדער, צו וועלכן עס געהערט אויך דאָס גרויסע בילד „דער דאָרפס־מאַן".

זיין דאָרפס־מאַן איז זייער כאַראַקטעריסטיש אין זיינע פּרימיטיווע מלבושים, מיט זיין פעסטן קערפּער־געבוי, וואָס אָטעמט מיט פיזיש־יאַדערדיקער קראַפט. דורך דער ברוינער הויט זיינער קוקט אַרויס אַ ברייט גוטמוטיק פּנים, וואָס שמייכלט מיט די ערלעך־קלאָרע אויגן פון זוניקן פרידן...

מיט טיפער געשפּאַנטקייט באַטראַכטן מיר דאָס גרויסע בילד „ליידנדיקע נשמות". דאָ האָט דער קינסטלער זיך אַראָפּגעלאָזט אין דער טיפעניש פון דער מענטשלעכער נשמה און מיט זיין הויכן אינטעלעקט אויסגעשפּונען דעם טיפן אינערלעכן טראַגיזם, דעם רירנדיקן פּיין אין אַזאַ שטייף־פאַרפרעסטער טרער, אַז דער לייכטנדיקער נשמה־צער און די מעלאַנכאָליע פאַרשפּרייטן אין דער אַטמאָספער אַ מיסטעריעזן ציטער...

דאָס בילד „דער אַלטיטשקער" און „די אַלטיטשקע" וואַרפט דעם געמיטלעכן שיין פון נאַטירלעכער זקנה.

באַזונדערס צייכענען זיך אויס די סאָציאַלע בילדער, מיט בולט שאַרפע כאַראַקטער־שטריכן, מיט פּסיכאָלאָגישע אַנטדעקונגען, ווי „הונגער", וואָס האָט ווי אַ געהיימער פּאַראַזיט אויסגעזויגן דעם זאַפט פון דער פאַמיליע און איבערגעלאָזן די לעבעדיקע סקעלעטן אין ברענענדיקן פיבער...

אַ באַזונדערס פסיכאָלאָגיש טרעפלעך ווערק איז „די בעטלער־משפּחה"; אין דער פּאַרקריפּלטער הכנעה, אין דעם הילפסלאָזן אויסדרוק, פון צעבראָכענער זעלבסט־ווירדע: זי, אין דעם וואַנדערטוך, ער גייט נאָכשלעפּעריש, אַ ביסל צוגעהויקערט, ווי פאַרשטויסענע פון דער גע־זעלשאַפט און באַליידיקט פונעם גורל...

די היימלאָזע קוקט מיטן טיפן גרויל פון אירע אויגן, ווי אומשולד שרייט און פרעגט: פאַר וואָס? וווּהין?...

אינעם בילד „אַרבעטסלאָזע" רעדט פאַר זיך די פאַרצווייפלונג, נויט און אַנטוישונג — פאַראַט פון דער געזעלשאַפט.

דאָס בילד „פאַרן שטרייק" איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער שאַרפער קלאַסן־דיפערענצירונג און נערוון־אָנשטרענגונג פון אַרבעטער, פאַר זיין אינערלעכן אויסדרוק.

און איבער אָט דער גרויסער קאָלעקציע פון סאָציאַלע קרבנות הויבט זיך אויף דאָס שטאַרקסטע בילד "נויט", וואָס גלאָצט, לויערט מיט אירע וויסטע אויגן, רייסט זיך אַריין אין אַלע געהיימע ווינקעלעך און שפּאַ־רונעס און פאַרשפּרייט, ווי אַ שוואַרצע, פלאַטערדיקע פאָן, אומגליק און נויט.

שטייט מען פאַר דעם בילד מיט שוידער און ציטער, און פּלוצים פון וואַנט אַראָפּ, ווי די בלישטשענדיקע שטערן אין טונקלקייט פון נאַכט, עפענען זיך די צוויי וווּנדערלעכע בילדער פון רעוואָלטירנדיקן זון און טאָכטער פון יעדן פאַרשקלאַפטן פאָלק און קלאַס, וואָס רוקן זיי אַרויס דורך יאָר־טויזנטער אַלס פּיאָנערן. זיי קוקן אַראָפּ מיט זייערע פאַרשנ־דיקע דרייסטע געזיכטער, מיט זייערע טיפע קלאָרע בליקן, וואָס רייסן זיך אַדלעריש צו דער העלער פּערספּעקטיוו...

און וואַנדערנדיק איבער די זאַלן פון דער אויסשטעלונג, מיט די פאַרשידנאַרטיקע שטימונגען, דערפילט מען זיך אין דער מאָגערער פאַליעסיע, אַרומגערינגלט מיט שיינקייט פון אַ פּאַלאַץ, וואָס זיין אויבן־אָן פאַרנעמט דער טיפער צער פון מענטשלעכע טרערן, פאַראייביקט אין דער קונסט...

די קיך *

די גאַנצע אַכט טעג, וואָס די דייטשע פאַשיסטן האָבן מיט זייערע עראָפּלאַנען באָמבאַרדירט דעם גאַנצן ישוב, האָט די שטאָט פאַרלאָרן איר פנים. כמעט אַלע גאַסן און הויפן, און בעיקר דער שטאָט־צענטער, איז געוואָרן איין גרויס פעלד מיט גריבער, באַדעקטע מיט גרינע צווייגן. דאַרט האָבן זיך אין פחד אויסבאַהאַלטן גאַנצע משפחות, שטאָטישע איינוווינער. ווען עס פלעגט אַ ביסל זיך אָפּשטעלן די באָמבאַרדירונג, איז מען אין אַנגסט און פאַרצווייפלונג אַרויס פון דעם לעבעדיקן גרוב און פאַרשמוציקטע, איינגעטונקטע אין בלאָטע, געלאָפן אַהיים עפעס איבערכאַפּן, זיך אָפּפרישן מיט אַ ביסל לופט און זיך ווידער אַ מאָל, בעת דער פייפנדיקער סירענע, לעבעדיקערהייט באַגראָבן...

פאַרשטייט זיך, אַן קיין לעבעדיקע קרבנות האָבן נישט געפעלט, לעבעדיקערהייט זענען דאָך מענטשן פאַרשאָטן געוואָרן.

אַזוי געדענק איך, אַז חיהלע פאָמעראַנץ פון לאהישינער גאַס, איז מיט אירע קינדער פאַרשאָטן געוואָרן אין גרוב פון אַן אויפגעריסענעם שראַפּנעל. די פאַרצווייפלונג איז געווען גרויס, קיינער האָט נישט געוווסט, ווען עס וועט אַ סוף נעמען צו די יסורים און אונטער וועלכער מאַכט וועט בלייבן די אומגליקלעכע שטאָט. איך געדענק, אַז אין איינעם אַ וואַרעמען סוף־זומער־פאַרנאַכט, האָט זיך דורכגעטראָגן אַ מין אומגלויבלעכע ידיעה, אַז די רויטע אַרמיי איז אַריבער די סאָוויעטישע גרענעצן און דערנענטערט זיך צו אונדז. האָט מען זיך שטילערהייט מתווכח געווען און אַרויסגעזאָגט פאַרשידענע סברות: קאָן עס דען מעגלעך זיין? און אויב יאָ, וועט דאָך דער צורר אונדז אַלעמען פריער אויסהרגענען...

---

* צו דער געשיכטע פון מיין פאַרשניטענער היימשטאָט פינסק.

אַ גאַנצן מעת לעת האָט די פאַרציטערטע באַפעלקערונג געלעבט צווישן טויט און האָפענונג...

ענדלעך האָבן, ווי געהיימע שליחים, געבראַכט די בשורה:

— זיי זענען שוין דאָ!

אין איין סעקונדע זענען אַלע גאַסן געוואָרן אָנגעפילט מיט אַן אויסטערלישן עולם: פאַרשמירטע, פאַרשמוציקטע, אין זאָקן, און באָר־וועסע, פאַרביטענע שיך אויף די פיס, אַ טייל מיט אַלטע צעדרייטע קאַ־פעליושן אויף די קעפּ; ווער מיט אַ שטיקל ברויט אין האַנט, ווער אין לאַפּטשעס; פרויען מיט צעקודלטע קעפּ האָר, מיט ווייבעדיקע קינדער אויף די הענט זענען געגאַנגען, געלאָפן בישט וויסנדיק אַליין וווהין... איז מען געשטאַנען אויף די ראָגאָווע גאַסן, געוואָרט, ווי זיי וואָלטן אָנטאַפּן די בשורה מיט די הענט...

און אָט האָט זיך אויפגעהויבן אַ טאַנק, אַזאַ מין מאַשין, וואָס מיר האָבן נאָך קיין מאָל נישט געזען... אינעווייניק איז געזעסן אַ מענטש און פון אויבן איז דער טאַנק באַלייגט געווען מיט בלומען־קרענץ. ער איז געווען אַ פאַרמאַכטער און האָט זיך פּאַמעלעך געריקט פון די פעלדער, דורך די ווייסרוסישע דערפער אין פאַרשטאָט אַריין, די פּינסקער־קאַרלינער פאַרשטאָט. מענטשן זענען זיי נאָכגעגאַנגען מיט דאַנקבאַרע בליקן, מיט פריידיקע אויסגעשרייען:

„זאָל לעבן די רויטע אַרמיי!".

יונגע מענער האָבן זיך צעקושט מיטן טאַנק־פירער. די פרייד איז געוואַקסן. מענטשן האָבן זיך אַרומגעכאַפּט שעפּטשענדיק: אַ נס, אַ נס איז געשען מיט אונדז! גאָט האָט אונדז אויסגעהיט פונעם צורר!... דער קאַרלינער רבי, ר' אלימלכקע, האָט זיך צעקושט מיטן ראש־הישיבה, עס איז באַלד אָנגעצונדן געוואָרן די עלעקטרישע באַלויכטונג, והעיר פינסק צהלה ושמחה...

אָט אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן דאָס לעבן פון דער שטאָטישער באַ־פעלקערונג אונטער דער סאָוויעטישער מאַכט, ווען זי האָט, אין 20־סטן סעפּטעמבער 1939, פאַרנומען די שטאָט.

מיט יעדן ווייטערדיקן טאָג האָט זיך אָנגעהויבן אויסשיילן די גרויע ווירקלעכקייט:

די געװעזענע פּוילישע מאַכט האָט לעצטנס פאַרפּייניקט די יידישע באַפעלקערונג מיט הויכע צינזן, דערשטיקט די יידישע קולטור־אינסטאַנצן, פאַרמאַכט יידישע שולן, נישט דערלויבט יידיש־טעאַטער און עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען; עס זענען פאָרגעקומען מאַסנהאַפטע אַרעסטן צווישן אַרבעטער; ביי דער פאַראַרעמטער דאָרפישער באַפעלקערונג האָט מען צוגענומען דאָס לעצטע קעלבל און קאָנפיסקירט יעדן ראַדיאָ־אַפּאַראַט. די דאָזיקע מאַכט האָט נישט געוואָלט זיך אַזוי גיך פאַרנעמען פון די געגנטן... זי האָט רעוואַלטירט...

די געקומענע רויט־אַרמייער האָבן גענומען אַלץ אויסקויפן און אַוועקשיקן אין זייערע היימען. קיין פרישע פּראָדוקטן זענען דערווייל נישט אָנגעקומען, ווייל די אָקופּירטע שטאָט איז נאָך געווען אָפּגעריסן פון דער אַרומיקער וועלט. געזאָגט האָט מען, אַז די קרעמער באַהאַלטן די סחורות... די שטאָט איז געווען פול מיט פּליטים, אַנטלאָפענע פון גאַליציע און קאָנגרעס־פּוילן — פון די אַלע אָקופּירטע דייטשע געביטן.

האָט זיך דערווייל פאַרשפּרייט די פּלאָג פון הונגער. וואָס ווייניקער שפּייז־אַרטיקלען, אַלץ מער איז די אַלגעמיינע שטימונג געבראָכן געוואָרן. וואָס מער מאַנגל אין שפּייזן, אַלץ לענגערע שורות הונגעריקע מענטשן פלעגן אויסוואַקסן ביי די בעקערייען און ביי די שפּייז־געוועלבער. לויט די נייע פאַראָרדענונגען, האָט זיך דער מצב פון די אַלט־איינגעזע־סענע בירגער, אַ טרייסל געטאָן... די געוועזענע אָפיצירן, הויכע באַאַמטע, פאָרשטייער פון פאַרשידענע ציוניסטישע און בונדיסטישע פּאַרטייען, וועמען מען האָט געהאַלטן פאַר נישט לאָיאַל צו דער אָרדענונג, האָט מען אַרעסטירט און פאַרשיקט ערגעץ אין די אָפּגעשטאַנענע ווייטע סאָ־וויעטישע רעפּובליקן, צי אין די אַרבעטס־לאַגערן...

די פּריוואַטע קליין־הענדלער האָט מען דערלויבט אַרויסצופאָרן אין דער נאָענטער סביבה, נאָר נישט בלייבן אין שטאָט...

דאָס אַלץ האָט געשאַפן כעס, פאַרביטערונג און רעזיגנאַציע... דער־ווייל איז דער איבערפלוס פון פּליטים געוואַקסן, בפרט, ווען אַלע פּאָלי־

טישע אַרעסטירטע זענען באַפרייט געוואָרן פון קאָנצענטראַציע־לאַגער קאַרטוז־בערעזאַ און פון פוילישע תפיסות, ווו נאָר עס האָט דערגרייכט די סאָוויעטישע מאַכט... פלעגן זיך מענטשן ארומוואַלגערן היימלאָז און איינזאַם. מען האָט זיי געקענט זען אין אַלע גאַסן ליגן און דרימלען, אויף די בריקלעך אין די הייף, מיט אויסגעמאַטערטע גופים און פאַר־לאָרענע פנימער...

אין אייגעם פון יענע טעג האָב איך באַגעגנט די יינגסטע פון די דריי שוועסטער מילער. זי האָט עפּעס געטראָגן אין האַנט.

— איר זעט — זאָגט זי — מיר האָבן ערגעץ באַקומען צוויי קילאָ הירזש.

— צו וואָס? — פרעג איך זי.

— נעכטן — ענטפערט זי מיר — האָב איך געפונען ביי אונדז אין שטוב אַ קילאָ הירזש. האָב איך עס אָפּגעקאָכט אויף וואַסער, פּאַסטנע, און געגעבן אַט יענע, וואָס וואַלגערן זיך דאָרט, צו האַלבע שיסעלעך. זיי האָבן זיך נעבעך מחיה געווען, אָפּגענעצט די פאַרטריקנטע ליפּן...

עס ווייזט זיך אַרויס, אַז די מאַכט האָט רעקווירירט די שטאַטישע ווירטשאַפטלעכע אָפּטיילונג פאַר די היימלאָזע. אויף לאַהישינער גאַס איז געשטאַנען נעבן דעם אַדוואָקאַט באָראַשאַקס מויער, אַן איין־שטאָקיק הויז, וואָס ביי דער פוילישער מאַכט איז עס געווען אַ קורסן־קיך פאַר דער מיידלשער שול־יוגנט פון די פאָלקס־שולן. דאָס איז געווען אַ מוס־טערהאַפט איינגעריכטעטע קיך, וואָס האָט געהאַט דריי, צי פיר, גרויסע, קוואַדראַטע, ליכטיקע צימערן. אין יעדן צימער — דריי ווייסע קאַכל־אויוונס און שאַפעס מיט פאַרשידענע כלים. אַ באַזונדער אָפּטיילונג, מיט אַ גרויסן קעסל צו קאָכן, פאַר הונדערטער עסערס. נו, האָט מען שוין מער נישט געדאַרפט. דער הפקר עולם האָט זיך אַריינגעכאַפּט און פאַר־וואַנדלט עס פאַר אַ הכנסת אורחים. אַבי אַ דאַך איבערן קאָפּ. פלעגט מען שלאָפן אויף די טישן, אויף די לאַנגע בענק און אויפן נאַקעטן דיל.

די ענערגישע אַקציע צו שאַפן באַשפּייזונג האָט געבראַכט אירע רעזולטאַטן. די מיליץ, וואָס איז אין גרעסטן טייל באַשטאַנען פון פריי־וויליקע, האָט געפונען באַגראָבענע זעק מעל, צוקער, גרויפּן א. ד. גל.

דערוויסנדיק זיך, וואָס עס קומט דאָ פאַר, האָט זיך די יידיש־שטודירנדיקע יוגנט געמאָלדן פרייוויליק (די לערן־אַנשטאַלטן האָבן נאָך דערווייל נישט פונקציאָנירט). צוזאַמען מיט אַ טייל פון די יונגע היימלאָזע, האָבן זיי זיך איינגעטיילט מיט דער אַרבעט. טאָג־טעגלעך זענען אָנגעקומען נאָך באַפרייטע פּאָליטישע אַרעסטירטע. געווען זענען דאָס צעבראָכענע, אויס־געדאַרטע, טובערקולאָזע, דער מערסטער טייל יידן, אָבער אויך גויאים זענען צווישן זיי געווען.

די ווייסרוסישע פּויערים, וואָס האָבן סיי ווי געהאַסט דעם פּאָליאַק, בפרט נאָך די אַלע צרות און אַרעסטן, האָבן זיך באַזונדערס דערפרייט מיטן אויפטו פון דער קיך. האָבן זיי זיך פרייוויליק באַשטייערט. עטלעכע דערפער האָבן זיך סאָלידאַריזירט און, לויט דער ריי, פלעגט יעדעס דאָרף באַזונדער צושיקן זיינע מתנות. איין דאָרף האָט אַריינגעשיקט צען קאַנען מילך אַ טאָג, דאָס צווייטע — ציבעלעס, קנאָבל, אַ דריט — קרויט, בוראַקעס, אַ פערט — אוגערקעס, רעטאַך, מערן און אַ פינפט דאָרף — קאַרטאָפל. יעדן טאָג פלעגן זיי קומען. די איבעריקע פּראָדוקטן: ווי ברויט, פלייש, אייער, פעטס — פלעגן אָרטיקע סוחרים צושטעלן פאַר ביליקערע פּרייזן.

געגעסן האָט מען דריי מאָל אין טאָג: פרישטיק, מיטאָג און אָוונט־ברויט. אין אָנפאַנג האָט מען פאַרטיילט דאָס עסן אָן געלט, ווייל קיינער האָט נאָך נישט געאַרבעט און די קיך־פאַראָרדענונג איז נאָך נישט געווען סטאַביל. מיין אויפגאַבע איז געווען אַ דאָפּלטע: צוזאַמען מיטן הויפּט־פאַרוואַלטער אַרויסגעבן די פּראָדוקטן צום קאָכן און פאַרטיילן צווישן די עסערס די טאַלאָנען.

אין קיך האָט זיך אָפּגעשפּיגלט די שטאָטישע און אַפילו די פּאָליטישע לאַגע. ווען די פאַבריקן: אַלפערינס — די שוועבל־פאַבריק, לוריעס — די פאַרניר־פאַבריק און אַנדערע, זענען נאַציאָנאַליזירט געוואָרן, איז די גאַנצע לאַגע געוואָרן אַן אַנדערע. די פאַבריקן האָבן געהאַלטן אין איין אויפנעמען אַרבעטער פאַר אַלע דריי שיכטן אין מעת לעת. ווען די אַר־בעטסלאָזיקייט איז כמעט פאַרשוווּנדן, האָט זיך די אַלגעמיינע סאָציאַלע לאַגע אַ ביסל סטאַביליזירט. די אַרבעטער האָבן באַקומען געצאָלט און

אויך האַלץ, צו באַהייצן די וווינונגען. האָט מען דעמאָלט שוין אָנגעהויבן צאָלן, טאַקע אַ ביליקן פּרייז, פאַרן עסן אין קיך. די יעניקע, וואָס האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט אויף די בענק, האָבן זיך אייגעאָרדנט אין באַ־צאָלטע צימערן. די קיך האָט שוין דעמאָלט אָנגעהויבן שטיין אונטער אַ היגיענישער און סאַניטאַרער קאָנטראָל.

וואָס מער עסערס עס זענען צוגעקומען דער קיך, אַלץ מער האָבן זיך גענומען אויסקריסטאַליזירן אידייאישע ריכטונגען און ווי געוויינלעך, פאַרשידענע מיינונגען... אמת, אין האַלבער קאָנספּיראַציע... דערווייל איז די קיך פאַרפלייצט געוואָרן מיט פאַרשידענע זשורנאַלן און אויפרופן. פון צייט צו צייט פלעגן זיך די דיסקוסיעס צעפלאַקערן נאָך מער, ווי אין פאַרמלחמהדיקן אַרבעטער־קלוב...

די גאַנצע צייט איז קיין אָרדענונג נישט געווען, ווער עס איז געקומען פריער האָט זיך געזעצט ווו ער האָט געוואָלט. שפּעטער האָבן די דיסקו־טאַנטן פאַרוואַנדלט דעם מיטעלן צימער פאַר זייערע שטענדיקע דיס־קוסיעס... די איבעריקע האָבן זיך זייטיק צוגעהערט. די קיך האָט אויס־געזען ווי אַ גרויסער זאַל פאַר מיטינגען... אָפט מאָל זענען די צימערן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ לייען־זאַל. שאַ, שטיל, יעדער אַ וועלט פאַר זיך; פאַרטיפט אין זיינע פּראָבלעמען... עס זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער גרויסער שול־נעץ, יענע פלעגן אַרבעטן און אויך לערנען.

מאַטעריעל איז שוין די קיך דערגאַנגען דערצו, אַז זי האָט שוין אַפילו געהאַט אַן אָפּטיילונג פאַר דיעטע.

די באַפרייטע פּאָליטישע אַרעסטירטע זענען געווען אָפּגעשוואַכטע, אויסגעהונגערטע. צווישן זיי אַזעלכע, וואָס האָבן געליטן פון טובערקולאָז און האָבן שוין נישט געקאָנט אויפנעמען קיין עסן. נישט שטענדיק האָט געסטאַיעט. אַ סך מאָל האָבן די צושטעלער פאַרשפּעטיקט ברענגען די פּראָדוקטן. אָבער פאַר די קראַנקע האָט קיין שום תירוץ נישט געהאָלפן.

געוויסע פּנימער זענען מיר געבליבן אין זכרון: אָט זע איך אַ קליינע, אַ נידעריקע רעוואָלוציאָנערקע; אַ שטאַרק אויסגעדאַרטע פרוי, נאָר פון די טונקעלע אויגן־לעכער קוקן אַרויס אַ פּאָר שוואַרצע, קלוגע אויגן, וואָס

קוקן רואיק און פֿאַרשעריש, מיט אַ באַהאַלטענעם ווייכן שמייכל. עטקע האָט מען זי גערופֿן. זי האָט געהאַלטן אַן אויג אויף אַלץ און אויף אַלעמען.

אָט איז איינער, יודל קאָט, אַ היגער, אַ לעבעדיקער סקעלעט! די הויט פֿון זיין אויסגעדאַרט, איינגעפֿאַלן פּנים, איז ענג פֿאַרצויגן אויף זיינע שפּיציקע קין־באַקן; פּייכטע, גרויסע, בלויע אויגן פֿון דערלעב־טער סאַטיספֿאַקציע... נאָר דער גוף איז אומרואיק, באַוועגלעך. ער זאָגט זיך אַלע מאָל אָפּ פֿון דער דיעטע, טענהדיק, אַז ס׳זענען פֿאַראַן בילכערע פֿון אים...

אָט איז אַ געשטאַלט, וואָס אַלע זעען אים. הייסן, הייסט ער קויפֿמאַן. ער איז הויך, גראַציעז, פֿאַרמאָגט דינע געזיכט־שטריכן מיט אַ פּאָר גרויסע, טונקעלע, פֿייער־אויגן. אַן אַקאַדעמיש־דיפּלאָמירטער; ער איז מיט אַלעמען וואַרעם באַפֿריינדעט. ער איז העפֿלעך און רירעוודיק, ווי ער וואָלט געווען דער פֿאַלקס־נערוו, וואָס צאַפּלט איבער אַלע אָנגעווייטיקטע פֿראַגעס...

אַ יום־טובֿ פֿלעגט זיין, ווען די יידישע שרייבער, מיט מאַלטינסקין בראש, זענען געקומען פֿון מינסק באַזוכן און עסן מיטאָג ביי אונדז אין קיך.

חוה

חוה איז אין דער אַרבעטס־וועלט פֿון אונדזער ראַיאָן געווען זייער אַ פּאָפּולערע פּערזענלעכקייט. אפֿשר דערפֿאַר, וואָס דאָס נאַקעטע לעבן אַליין האָט זי דערצויגן פֿון קליינוווייז אָן. איינע פֿון אַ שטוב קינדער, איז זי געבליבן אַ יתומה נאָך איר יונג פֿאַרשטאָרבענער מוטער. די שטיף־מוטער האָט זי אַרויסגעטריבן פֿון שטוב און פֿון דאַן אָן הויבט זיך אָן דאָס גרויסע איינזאַמע לעבן פֿון דער יונגער אַרבעטערין. אָבער איר שטאָלצער כאַראַקטער האָט זי נישט דערלאָזט צו רעזיגנירן. זי האָט אַלץ געזען, געפּאַרשט, געזוכט דעם אמת, וואָס זי האָט נישט געפֿונען...

זי האָט געזוכט צו העלפן די, וואָס האָבן זיך גענויטיקט אין הילף... אַליין האָט זי געשטאַמט פון דעם קליינעם שטעטעלע פּעטריקאָוו.

ווייל אין די ערשטע קינדער און יוגנט־יאָרן איז זי געווען גע־צוווּנגען צו זיין אַ דינסט און האָט זיך געפילט פון דעם באַליידיקט, האָט זי איצט דערגרייכט דאָס, צו וואָס זי האָט שטענדיק געשטרעבט, צו אַ פּאַד.

זי האָט זיך אויסגעלערנט שניידעריי, באַזוכט קורסן, געלערנט זיך און אַרומגעדרייט זיך אין די פּאַרטייאישע קרייזן: געלאָפן פון איין קורס צום צווייטן, פון איין רעפעראַט צום צווייטן, ווי יעדער יוגנטלעכער, וואָס בלאָנדזשענדיק, שפּרינגט ער ווי אַ פויגל פון צווייג צו צווייג... ביז ער קומט צו אַ פּערזענלעכער אייגענער איינשטעלונג...

איין מאָל האָט זיך צעטראָגן איבער אַלע אַרבעטער־קעמערלעך אַ קלאַנג, אַז עפּעס אַ פרוי מיטן נאָמען חוה, האָט באַוויזן צו אָרגאַניזירן דעם שווערסטן, דעם אומבאַוווסטזיניקסטן עלעמענט פון דער אַרבעטער־וועלט, די שטאָטישע קעכנס, צו אַ שטרייק אויף צו העכערן דעם אַרבעטס־לוין און צו באַקומען פרייע שעהן צו קאָנען זיך לערנען.

חוה, אונטער פאַרשידענע נעמען, איז יאָרן לאַנג אַרומגעזוכט געוואָרן דורך דער פּוילישער פּאָליצײ. אָט איז זי אַרעסטירט געוואָרן אין איין שטאָט און אַרויס אין אַ צווייטער. טייל מאָל, נישט האָבנדיק קיין דאָ־קומענט, איז זי געצווונגען געווען איבערנעכטיקן ווו נישט איז...

ביז דער סאָוויעטישער אינוואַזיע אין יאָר 1939, איז זי, מיט קליינע איבעררייסן, געזעסן אין די שווערסטע תפיסות. און ווייל זי האָט געהאַט די אַלגעמיינע אַכטונג און אָנערקענונג פון דער פּאַרטיי, פאַר איר קעמפערישער, געוואַגטער טעטיקייט, זענען וועגן איר אַרומגעגאַנגען פאַרשידענע לעגענדעס...

אָט, למשל, האָט מען דערציילט, אַז צוליב אַן עוולה, וואָס איז געטאָן געוואָרן אַ קאָלעקטיוו פּאָליטישע אַרעסטאַנטן, האָט חוה אַראָפּ־געלאָזט דעם נאַטשאַלניק פון טורמע צוויי פּעטש, און נאָך אַנדערע געוואַגטקייטן.

אין איינעם אַ טאָג איז אין דער קיך אַריינגעקומען אַ פרוי, אַנגעטאָן

אין אַ סוויטע, מיט אַ רויטן גאַרטל און אַ געבלומט טיכל אויפן קאָפּ, ווי אַ פּויערטע. פון אָנפאַנג האָט מען געמיינט, אַז זי זוכט דאָ איר מאַן, דעם מיליציאָנער. זי האָט זיך אָנגעהויבן אַרומקוקן, אַ שטילער געמורמל איז אַדורך: עפּעס אַ באַקאַנט פּנים... בקיצור דער סוד האָט זיך אויפ־געדעקט: חוה, חוה! פון אַלע טישן האָט זיך אָנגעהויבן אַ צוזאַמענ־געלויף. אַ התפּעלותדיקער אויסגעשריי האָט פּלוצים אַ הילך געטאָן: חברים! חוה לעבט! זי לעבט, זי לעבט! און עס איז געוואָרן אַ געקושעריי...

דערווייל האָט זיך אָנגעהויבן די אַקציע פון צוריקשיקן די באַפרייטע אין זייערע היימען. אין די געביטן, וואָס די רויטע אַרמיי האָט באַפרייט.

יענע קאָמיסיע, וואָס האָט קאָנפיסקירט ביי די שטאָטישע רייכע בירגער די צענדליקער קאָסטיומען און קליידער פון די פולע שאַפעס זאַכן, האָט אָנגעטאָן די נאַקעטע, אָפּגעריסענע, צוריקגעקערטע אַרעס־טאַנטן, געגעבן זיי אַ זאַטן מיטאָג, מיטגעגעבן אַ לעבל ברויט אויפן וועג מיט אַ שריפטלעכער דערלויבעניש און הוצאות הדרך אַהיים!

אַ סך היימלאָזע, וואָס זענען געווען אָפּגעריסן פון זייערע משפּחות, האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט אין עלנטקייט, האָבן געבענקט צוריק אַהיים קיין פּוילן. ווען מען האָט זיי געפרעגט: וווּ ווילן זיי, ביי די סאָוויעטן, צי נישט? נישט פאַרשטייענדיק, מיט וואָס דאָס שמעקט, האָבן זיי נאַאיוו געענטפערט: „מיר ווילן זיך פאַראייניקן מיט אונדזערע משפּחות".

האָט מען זיי פאַרשיקט צו אַרבעטן אין ווייטע רעפּובליקן און אויך קיין סיביר....

דערווייל איז ליכטיק געוואָרן. עס האָבן זיך געעפנט שולן, גימנאַזיעס און קורסן אויף קורסן. לערן־אַנשטאַלטן פאַר אָנפאַנגער און פאַר העכערער בילדונג. פאַך־שולן, שולן פאַר שפּראַכן, פאַר מוזיק, פאַר פעלדשערס און אַנדערע פאַכן. געווען אויך קורסן פאַר געזעלשאַפטלעכע סאָציאַלע טעטיקייטן. דאָס אַלץ אויף די קאָסטן פון דער מלוכה. מען פלעגט אויך שיקן לערנען אין די צענטראַלע שטעט, ווי מינסק, מאָס־קווע. און אַזוי ווי דער דורשט נאָך לערנען איז געווען גרויס, האָט מען זיך אַ וואָרף געטאָן דערויף מיטן גאַנצן חשק און אימפּעט.

די ברייטע אַרבעטנדיקע פאָלקס־מאַסן, וואָס האָבן זייערע קינדער

קוים געקענט אויסהאַלטן אין די פּאָלקס־שולן אונטער דער פּוילישער מאַכט, האָבן גישט געקענט שיקן זיי אין די פּריוואַטע גימנאַזיעס פאַר אייגענע געלטער. זענען דעריבער די קינדער נאָך פערצן יאָר, געגאַנגען אַרבעטן אין די פאַרצווייגטע שטאָטישע פאַבריקן, אָדער געלערנט האַנט־ווערקעריי, ווי שלאָסעריי און טישלעריי. די מיידלעך האָבן געלערנט שניידעריי.

איצט, ביי דער געלעגנהייט, איז די גאַנצע יוגנט זיך צעלאָפן, אַוועק פון דער אַרבעט, און אָנגעקומען לערנען פריי אין די פאַרשידענע שולן און קורסן.

דערווייל האָט זיך די קיך אָנגעהויבן אויסליידיקן פונעם פרעמדן געזעמל. מען האָט זיך אָנגעהויבן פונאַנדערפאָרן אַהיים.

אויך דערביי זענען געווען רירנדיקע סצענעס. דער אַוועקפאָרער האָט זיך גענומען אָפּגעבן אַ דין־וחשבון פון זיין לאַגע. זיצנדיק ביי זיין טיש, האָט ער געטראַכט און גערעדט אויפן קול: איך פאָר, צו וועמען פאָר איך? צו מיין ווייב און קינדער! פאַר די זיבן יאָר אַרומ־וואַלגערן זיך אין די פּוילישע טורמעס נישט געזען זיי, נישט געהערט פון זיי, ווער ווייס, ווו מיין ווייב איז? געווען אַ שוואַכינקע, געלאָזן זי מיט קליינע קינדער, ווען מען האָט מיך אין מיטן דער נאַכט אַרויסגענומען פון בעט; זי האָט געחלשט, די קינדער האָבן געוויינט; מיין זעקס יאָריק טעכטערל טאַמאַרעלע האָט זיך אָנגעהאַנגען אויף מיין האַלדז און נישט געלאָזט דעם פּאָליציאַנט מיך צונעמען, ביז, ביז פאַר מיינע אויגן האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ וואָלקן מיט אַ זעץ אין רוקן האָט מען מיך אַוועקגעפירט...

ווער־זשע ווייס ווו עס זענען מיינע טייערע? און מיטן לעבל ברויט אונטערן אָרעם און מיט טרערן אין די אויגן, האָט ער זיך געוואָרפן געזעגענען מיט יעדן. בעיקר האָט ער דאַנקבאַר געקושט זיך מיט יעדן מיטאַרבעטער פון דער קיך און האַרציק געדאַנקט פאַר דער חברישער, פרייוויליקער מיטאַרבעט...

ווען אַלע זענען זיך פונאַנדערגעפאָרן, איז די קיך פאַרבליבן פאַר

די שול־דירעקטאָרן, פאַר דער מיליץ, און פאַר סטאַבילע קליענטן. די פּרייוויליקע מיטאַרבעטער זענען אַוועק יעדער אויף זיין פּערזענלעכער פּאָזיציע און אַ געדונגענער פּערסאָנאַל האָט פאַרנומען זייערע פּלעצער אין דער קיך...

איך האָב גלייך פאַרלאָזן די שטאָט.

כאָטש איך האָב עס געטאָן פּרייוויליק, בין איך אָבער געפּירט געוואָרן צוזאַמען מיט מיין טאָכטער, שולמית, אין אַזאַ ריכטונג, וואָס דאָס איז געווען קעגן מיינע דערוואַרטונגען...

דאָס ליכט פון סטאָלינער חסידות

דאָס ליכט פון סטאָלינער חסידות, וואָס איר אידעאישער פאָטער איז געוועזן דער בעל־שם־טוב, האָט זיך דורך יאָרהונדערטער אַריינגעוועבט אין די ברייטע פאָלקס־מאַסן און זיך איבערגעגאָסן מיט געטלעכער פאַר־גלויבטקייט צו די ליכטיקע יורשים, די אייניקלעך — סטאָלינער רביים: ר׳ ישראלקע, און זיינע זין, משהלע, מלכקע, אשרקע, אהרהלע, יעקבקע און יוחנטשע.

איז דאָס קליינע שטעטעלע סטאָלין, דער קלענסטער מאַפּע־פּונקט, וואָס רוט ביי די ראַנדן פונעם גאָרין־טייך, אויסגעוואַקסן אין פאָלקס־פאַנטאַזיע אין אַ מעכטיקן, גייסטיקן צענטער, צו וועלכן עס האָבן זיך געצויגן די פאַרבענקטע, דערדריקטע הערצער פון הונדערטער, טויזנטער יידן, פון נאָענטע און ווייטע שטעט און שטעטלעך פון ליטע, פּוילן, גאַליציע, וואָלין, פּאָליעסיע, אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד.

באַזונדערס האָט אין חסידות זיך געגוויטיקט די פינצטערע עפּאָכע פונעם גלות־ייד, וואָס איז אויסגעשטאַנען גזירות, צרות און כל־מיני פּורעניות אין צאַרישן רוסלאַנד און אין אַנטיסעמיטישן פּוילן — פּאָגראָ־מען און תחום־המושב — באַגרענעצונגען — בעיקר ביי דעם שיכט יידן, דערדריקט פון אָרעמקייט, פאַרצווייפלט פון עלנט. זיי, די דאָזיקע פרומע, גאָטס־פאַרכטיקע יידן, האָבן געמוזט זוכן דעם פאַרגעטלעכטן וואָרעמען מענטש, פאַר וועמען אָנצוטרויען זייער צער און זיך שטיצן אויף זיינע באַגלויבטע, דערהויבענע אחריותן...

געוועזן איז ער דער אויסלייזער, דער סטאָלינער רבי, ר׳ ישראלקע; ער, דער איידעלער, דער למדן און חכם, דער מענטש מיט די וואָרעמע און טיף־דורכדרינגלעכע גרויע שפּיגל־אויגן, וואָס האָבן געפינקלט און

געגלעט. ער, מיטן הויכן, שטראַלנדיקן שטערן און לענגלעך אַריסטאָקראַטישן פּנים, וואָס האָט געשײַנט מיט חשיבות און צוטרוי, איז געווען דער בעל־יועץ, דער שפּרודלדיקער דערציילער, דער מוזיקער, קינסטלער און שניצער, דער ליבלינג פון דעם שטעטלדיקן פאָלקס־מענטש און געווען באַטראַכט אַלס אײראָפּעער פון דער אַזוי גערופענער מאָדערנער וועלט; ער איז עס געווען דער, וואָס האָט מיט זײַן אינערלעכן ליכט באַשטראַלט דעם יידישן אָרום; דאָס ליכט, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן איבערן פינצטערן געטאָ־לעבן און מיט זײַן שפע פאַרזייט די ברכה פון ליבשאַפט און ברודערשאַפט, דעם יום־טוב פון גלויבן, ליבשאַפט און האָפענונג.

און ווער פון אונדז, קינדער, וועט עס פאַרגעסן די גרויסע יום־טוב־טעג, ווען דער רבי פלעגט אָנקומען און זיך באַווייזן אין די שטעט און שטעטלעך פון פּאָליעסיע — אין פּינסק און אין אומגעגנט: לאַהישין, פּאָהאָסט־זאַגאָראָדסקי, לוניניעץ, לאַכווע, מאָטעלע, פּלאָטניצע, דאַווידגאָראָדאָק און אין אַנדערע שטעטלעך? ווער קאָן עס פאַרגעסן יענע טאַנצנדיקע, גרויסע יידן, יענע צענויפגעגאָסענע ברידערלעכע קאַראַהאָדן וואָס האָבן אין ליבשאַפט און התפּעלות זיך אָפּגעריסן פון זייער ביטערער גרויער ווירקלעכקייט, און זענען געשטיגן צו העכערע און ליכטיקערע וועלטן?...

און מיר, קינדער, צעיומטובטע, באַגייסטערטע מיט פלאַמיקע אויגעלעך און ציטערדיקע קניעלעך, האָבן מיטגערוישט, מיטגעזונגען, מיטגעטאַנצט מיט אונדזערע באַשטריימלטע זיידעס, גרויסע טאַטעס און צעלויכטענע מאַמעס, אינעם גרויסן יום־טוב פון יידישער ליבשאַפט...

און צו דער דאָזיקער גרויסער וועלט פון אידעען, האָבן ווער ווייסט, וויפל אויסגעוואַקסענע ליכטיקע גייסטער צוגעטראָגן זייער ביישטייער, צו יענעם ליכט, וואָס קומט פון סטאָלינער חסידות...

איינדרוקן פון רובליע

נאָך סטאָלין, ביים ראַנד פון די זאַטישער וועלדער, לויפט אַ שאָסיי־וועג קעגן דער אָפענער רחבות, פאַרביי דערפער און כוטאָרן פון פויערים ווייסרוסן, צעפּאטלט אין זיג־זאַגן און דערנאָך אויסגלייכנדיק דעם שליאַך צום גויאיש־יידישן ישוב — רובליע.

אַ דאָרף, דאַכט זיך, ווי אַלע דערפער, און דאָך אין גאַנצן אַנדערש. קוקנדיק אויף זיין אומגעהויער לענג, וואָס ציט זיך אַוועק אין אַ צוויי־דריי קילאָמעטערדיקן האַלב־קרייז, וואַרפט זיך אין די אויגן דער גרויסער דיסאָנאַנס פון זיין בוי־סיסטעם. עס מאַכט דעם איינדרוק, אַז עמיצער האָט דאָ איבערגעקערט דעם סטיל פונעם אַלטמאָדישן דאָרף־שטייגער — ווייל דאָ, ווו עס ענדיקט זיך די לאַנגע שורה דאָרפס־כאַטקעס מיט די רוקנס טיף אין הויף אַריין — הויבן זיך אויף העכערע הייזער מיט גאַנקעס־פאַסאַדן, מיט גרויסע טירן און פענצטער. אַזוי ווי די מערהייט יידישע הייזער האָט זיך כמעט קאָנצענטרירט אין צענטער פון דאָרף, האָט עס אויסגעזען ווי אַ יידיש שטעטל אין מיט פון אַ גויאישן דאָרף.

עס וווינען אויך ביי אַ זעכציק־זיבעציק משפחות צעוואָרפן — פון ביידע זייטן דאָרף. דערפאַר זאָגט מען דאָרט:

„ער וווינט אויף יענעם עק”, „מיר געפינען זיך אין דעם עק”.

דאָ לעבט דער שטעטלדיקער ייד מיטן דאָרפישן גוי בשלום. יידישע סוחרים האַנדלען מיט די רובליער גויאים און רובליאַנצעס ברענגען זייערע תבואות, געפליגל, פאַרשידענע מילכיקס פאַר די יידישע בירגער אויך אין סטאָלין, האָראָדאָק און פינסק. אָפט מאָל מאַכן זיי גאָר אַ טויש: די יידישע בעלי־מלאכות אַרבעטן פאַר די פויערים, פאַר פּראָדוקטן. וואָס שייך דעם גלויבן — שטערן זיי נישט איינער דעם אַנדערן; דער רעלי־

גיעזער פויער גייט אין זיין רוסישער צערקווע, וואָס הויבט זיך אויף מיט אירע גאָלד־געפאַרבטע קופּאָלן אין מיטן דאָרף און קוקט אַריבער צו דער דאָרפישער סביבה...

דער רעליגיעזער יידישער דור גייט יעדן פרימאָרגן אין זיין בית המדרש צו שחרית.

דער יונגער דור פויערים קומט אין די פרייע זונטיק־שעהן צו פאַרזאַמלונגען פון באַבטיסטישן גלויבן. דער יונגער יידישער דור פון רובליע — צו זיין הייליקן חלוציזם. אָט אַזוי לעבט דאָס רובליער יידיש שטעטל מיטן דאָרף רובליע אין פרידלעכער האַרמאָניע.

יעדן פרילינג און האַרבסט, איז דער גאָרין־טייך, וואָס האָט גע־שטראָמט האַרט ביי די ראַנדן פון רובליע, אַרויס פון זיינע ברעגעס און ווייט און ברייט פאַרגאָסן אַלע פרייע שטחים. דאַן האָט זיך איבער־געריסן אויף אַ לאַנגע צייט די קאָמוניקאַציע פון רובליע מיט דער אויסערלעכער וועלט; איז רובליע געבליבן אַן עלנט אינדזעלע, איינ־געזונקען אין שוואַרצער, זומפּיקער בלאָטע.

דאָך קוקסטו אַן דעם יונגן אונטערוואַקסנדיקן דור און באַוואונדערסט אים, אַז ער איז געבוירן געוואָרן אויף דער דאָזיקער, טרויעריקער, מאָגערער ערד און ער איז אין סתירה מיט דעם פּאַליעסיער אומעט. ווייזט אויס, אַז ער קומט פון אַ געזונטן, דורות־ווייטן יידישן שטאַם און שפּרודלט מיט קראַפט און פרישקייט...

די בהורים — שלאַנקע, מונטערע און דרייסטע, די מיידלעך — פּרעכטיקע יידישע שיינהייטן, פעסטע מיט פולע קנאָספּיקע ברוסטן, מיט אָפענע פּנימער, וואָס שמייכלען און אָטעמען מיט ראָזער יוגנט און באַגייסטערונג; מיט טונקעלע, שטראַלנדיקע אויגן, וואָס גלויבן, האָפן און רייסן זיך זייערע האָפענונגען צו פאַרווירקלעכן...

געווען אין רובליע די ברכה, וואָס נישט נאָר טאַטע־מאַמע, פון פריערדיקן דור האָבן נישט געשטערט, נאָר אַפילו געהאָלפן, מיט וואָס זיי האָבן נאָר געקענט, צו לערנען און בילדן זייערע קינדער...

זענען טאַקע אין אַלע פּראָווינציאַנעלע גרעסערע שטעט געווען

פֿאַרפֿולט די קולטור־ און לערן־אַנשטאַלטן מיט תּלמידים פֿון רובליע, וואָס האָבן שפּעטער אָנגעפֿילט די גאָרע וועלט מיט אירע לערער און רבנים...

כמעט גאַנץ רובליע איז געווען איין גרויסע משפּחה, וואָס האָט זיך משדך געווען צווישן זיך.

געווען איז אין רובליע, ווי אין אַלע יידישע שטעטלעך, אַ צונאָמען אָדער צונעמעניש: ראַבונעס, ראַטשקונעס, אָדער קאָזלעס, סאַמאָדריגעס. פֿאַרשטייט זיך, אַז יעדער פֿון די צונעמענישן האָט געהאַט אַ מקור: אַ שטייגער, אַז אַ געוויסער אור־זיידע האָט געהאַט אַ גיריקע טבע, האָט אַלץ געוואָלט אַרייַנכאַפּן, האָבן, האָט עס געהייסן „ראַטשקעוואַטע אויגן”; דערפֿאַר האָט די גאַנצע משפּחה געהאַט דעם צונאָמען: „ראַטש־קונעס”. און אַזוי איז געשען מיט אַנדערע צונעמענישן.

כאָטש רובליע איז געווען אַזוי ווייט פֿאַררוקט הינטערן רוקן פֿונעם גאָרין, אין אַ וועלט פֿון גויאים, דאָך האָט די גרויסע וועלט פֿון איר נישט פֿאַרגעסן; ווי נאָר ס׳איז אויפֿגעקומען דער ערשטער, טרוקענער זומער־טאָג, האָבן זיך גענומען ווייזן כּל מיני אורחים, שטאָפּעטן, פֿאָר־שטייער פֿון ציוניזם, חלוציזם, שליחים פֿון צענטראַל־פּוילן, פֿון גאַליציע, פֿון ארץ־ישׂראל, מגידים, חזנים און סתם כּלערליי צדקה־פּושקעס און דאָס יידישע רובליע האָט מיט איר ברייטער האַנט מאכל און משקה געווען; געגעבן אויף הוצאות און געוואָרט אויף נייע אורחים...

צווישן די אַלע פֿאַרשידענע יום־טובֿים, וואָס רובליע האָט געפֿייערט, איז בלי ספק געווען דער גרעסטער — די עליה קיין ארץ־ישׂראל. געהייסן האָט דער יום־טובֿ באַנקעטן. און געפֿרייט זיך מיט דער עליה האָבן אַלע אָן אונטערשייד, קליין און גרויס, יונג און אַלט.

האָט זיך וועמער פֿון די חלוצים, אַ חבֿר אָדער אַ חבֿרה געגרייט צום אָפּפֿאָר קיין ארץ־ישׂראל, האָט זיך דער גאַנצער ישובֿ געשטעלט אויף די פֿיס, און אין גרויס פֿייערלעכקייט, אים אייַנגעאָרדנט אַן אָפּשייד־באַנקעט. בראש מיט די עלטערן און נאָענטע משפּחות זענען, ביי גע־גרייטע טישן מיט אַלדאָס גוטס, אייַנגעלאַדן געוואָרן כמעט די גאַנצע

יוגנט און אין חשיבות, ביי געהויבענע טאָאַסטן, האָט מען אים — דעם בעל־עליה — מיט גרויס פּאַטאָס געזעגנט און געבענטשט פּאַראויס, פאַר זיין פּרוכבאַרער אַרבעט פאַרן אַרבעטנדיקן ישוב אין ישראל, געבנדיק אים דערביי מתנות און הוליענדיק מיט ציונס לידער אַ גאַנצע נאַכט ביזן ווייסן טאָג אַריין...

רובליער בילדער און טיפּן

איך בין אַ גאַסט. דאָס ערשטע מאָל אין רובליע. אַ צעבראָכענער שמאָלער הילצערנער טראָטואַר פירט מיך צו אַ פּראָנטיקן פיר־טרעפּנ־דיקן גאַנעק. בלייב איך שטיין און ווייס נישט, אין וועלכער פון די צוויי פּראָנט־טירן איך זאָל אָנקלאַפּן? נאָר, ווען כ׳בין אַריין אין פאָדערשטן גרויסן צימער, מיט די ווייס־געקאַלכטע ווענט און קיינעם נישט געטראָפן, האָב איך, קוקנדיק אויף די עטלעכע רויט־געפאַרבטע טיר־עפענונגען, אַ פרעג געטאָן, הויך אויפן קול, סתם אין דער וועלט אַריין:

— דאָ וווינט דער רובליער שוחט?

עמעצער האָט זיך אָפּגערופן און עס האָט זיך באַוויזן אַ בלאַסער, איידעלער פּנים אויף אַ הויכן גוף, וועלכער האָט פאַרחידושט מיך אָנגע־קוקט. פּלוצלינג האָט ער איגסטינקטיוו אַרויסגעלאָזט אַ קורצן געשריי. אַ שפּרונג געטאָן אין מיין ריכטונג און ווערנדיק טויט־בלאַס האָבן זיינע גרויסע, אויסגעשפּרייטע אָרעמס מיר אַרומגעכאַפּט; מיר זענען זיך גע־פאַלן אין די אָרעמס. דאָס טונקל־שפּראָצנדיק בערדל פון אַ דרייסיק־יאָריקן יונגנמאַן האָט געציטערט איבער מיינע צעפלאַמטע באַקן און מיר האָבן זיך צעקושט... דערוואַכנדיק, ווי פון אַ זיסן חלום, האָבן מיר זיך אָנגענומען ביי די הענט און אין שווייגנדיקער ליבשאַפט האָבן אונדזערע רעדנדיקע בליקן אויסגעטוישט די שווערע בענקשאַפט... אַז איך האָב אים אָנגעקוקט, האָבן זיינע גרויע, אויסדריקלעכע אויגן זיך צעפינקלט און טרערן האָבן זיך פּערלדיק געקייקלט איבער די

נערוועז־בלאַסע, לאַנגלעכע קין־באַקן, צעצונדענע פון אינערלעכער נשמה־צערודערונג...

מיר ווערן פון אַלע זייטן אַרומגערינגלט מיט נייגעריקע בליקן. מיין ברודער, יצחק מאיר, דרייט אויס דעם קאָפּ און זאָגט: „מיין שוועסטער" און צו מיר: „דאָס איז מאָטל זינגערמאַנס משפּחה".

דער פאָטער פון דער פאַמיליע, מאָטל זינגערמאַן, איז אַ ייד פון מיטעלן עלטער, אַ הויכער, פולער, באַלייבטער ייד אין אַ לענגלעכער קאַפּאָטע מיט אַ דענקאָווע היטל אויפן קאָפּ, אַ כמו הסיד כמו מתנגד; אונטערן הויכן, געקאַרבטן גמרא־שטערן האָבן אַרויסגעבלישטשעט אין טיפע ראַמען קליינע, טונקעלע אויגלעך, וואָס האָבן געוואָרפן אויפן ברייטלעכן, עטוואָס פלאַטשיקן פנים, אַ געמישטן שיין פון שאַרף־זין, עניוות און קינדערשן קאַפּריז, אָבער אויך איניציאַטיוו. אין די יידישע שטריכן אַרום זיינע אויגן און שיטערע באָרד־ראַנדן, ווי עדות פון פאַר־טראַכטע מחשבות פון אַ ייד, אַ למדן, אַ בעל־משפּחה אין אַ שטעטל פון אַ גרויסן גויאישן דאָרף...

דאַקעגן זיין ווייב, שרה, איז דער היפּך פון איר מאַן: אַ קליינע, אַ נידעריקע, אַ רונדע, אָבער אַ פלינקע מיט אַ העלער שטים און באַ־וועגלעכע מאַניערן. איר געזיכט קיילעכדיק און פריש, מיט אַן אייגנאַר־טיקן פעסטן בליק. די ראָזע באַקן אירע, האָבן געאָטעמט מיט יונגער מוטערשאַפט. פון די קלאָרע, בלויע אויגן האָט געשטראָמט אַ קוואַל פון ענערגיע, דרייסטקייט און קלוגשאַפט...

און אָט פאַרען זיך שוין אַרום מיר זייערע דריי טעכטער: חנה, גיטל און רבקהלע.

ווי פאַרשידנאַרטיק זיי זענען, לויט זייער אויסזען, די דריי קינדער פון איינע טאַטע־מאַמע!

חנה, אַ הויכע, אַ קיילעכדיקע, אַ פעסט־געבויטע מיט אַ קאָפּ זשוק־שוואַרצע האָר אויף אַ ווייסן, הויכן מאַרמאָר־האַלדז. אירע אויגן — דעם טאַטנס קליינע און טונקל־ברוינע, וואָס שמייכלען אַזוי איראָניש־זיס, אויך באַשיידן־צניעותדיק, איר פנים — דער מאַמעס ראָזער מיט

די פערלדיקע ווייסע ציין און מיט דער ירושה פון איר סאַמעט־ווייכער שטים.

גיטל, אַ קליינע, אַ בלאַס־קרענקלעכע, אַן איינגעשלאָסענע אין זיך, אַ קלוגע און אייפערדיקע, בעיקר אַן איינגעשפּאַרטע... און ווי אַלע מיידלעך אין רובליע — מיט אַ ביכל אין האַנט — פאַרשלאָסן ערגעץ ביי זיך אין צימער, אָדער — זומער, אונטערן שאָטנדיקן בוים.

די מוזינקע רבקהלע, יונג, שלאַנק, מיט בלאָנדע צעפּלעך און פּיפּיק־קלוגן, קיילעכדיק־ראָזן פּנימל. אַלע אירע יונגע מאַניערן טראָגן דעם צייכן פון ערנסטקייט און ווירדיקייט...

נאָך דעם, ווי עס האָט זיך פאַרשפּרייט די ידיעה, אַז צום שוחט איז געקומען אַ יונגע שוועסטער, האָט זיך אַלע ווײַלע, אויפן שוועל פון מיין ברודערס דירה, באַוויזן אַן אַנדער פּנים, וואָס האָט מיך באַגריסט און פאַרשעריש דערלאַנגט מיר די האַנט.

די גוטע חנה, מיט איר זאַפטיקער שטים פירט אַלע מאָל צו צו מיר, אירע אַן אַנדערע חברטע אָדער חבר.

זי באַקענט מיך מיט איינער און זאָגט:

— דאָס איז ליפּע דוכטשינס טאָכטער, פויגל!

פויגל איז אַ דיקע, אַ יאָדערדיקע, מיט הויכע ברוסטן. טראַכט איך: „סאַראַ אויסגעפּאַשעט געזונדזעלע!”. אָבער די לאַכעדיקע חן־גריבעלעך פון די פולע באַקן אירע, די אָפנהאַרציק־נאַטירלעכע ווענדונג, וואָס איז אַזוי זעלטן ביי די רייכע טעכטערלעך, האָט מיך צוגעצויגן.

אָט באַקענט מען מיך מיט די ליפשיצעס דריי טעכטער, איינע שענער און גראַטענער פון דער צווייטער. אַלע לעבעדיקע, אימפּולסיווע, מיט ענערגישע מאַניערן און האַסטיקער באַוועגלעכקייט. זייערע פיינע באַנעמונגען זאָגן עדות פון אַ גוט־דערצויגענער משפּחה.

אין גאַר אַ קורצער צייט דערפיל איך זיך שוין ווי אַ היימישע צווישן דער רובליער יוגנט.

דערווייל דערהערן מיר, דורך דער געעפנטער טיר, אַ גערויש, אַ שטייגער ווי אַ בינען־זשומעריי. מען פירט מיך אַריין אין זינגערמאַנס

צימער, אין דעם זעלבן, אין וועלכן איך האָב זיך פריער געטראָפן מיט מיין האַרציקן ברודער. אַרום אַ לאַנגן טיש, אויף נאָך לעבגערע, שמאָלע, רויטע בענק, זיצן געדיכטס אין היימישע פּאָזעס, אַ חברה צעפּלאָטערטע יונגעזן מיט און אָן היטלען, מיט צעפּלאָמטע פּנימער. זיי זשעסטיקולירן מיט די הענט און פינגער, ווי ביי טאָטע־מאָמע טישן, און איבערשלאָגנ־דיק איינער דעם אַנדערן ווערט געפירט אַ פייערדיקע דיסקוסיע. אויב איך האָב קיין טעות נישט, אַ דיסקוסיע וועגן דער יידישער לאַגע אין אייראָפּע און ווי אַזוי שטעלט מען זיך פאָר דעם ישוב אין ארץ־ישראל.

ווען איך בין צוריק אַריין צו מיין ברודער, קומט ער מיר אַנטקעגן מיט אַ צעשמייכלטן פּנים:

— נו — זאָגט ער — דו האָסט דאָך מורא געהאַט צו קומען אַהער אין „דאָרפישן מדבר״! וואָס זאָגסטו עפּעס צו דער רובליער חברה?!...

רובליער בעלי־בתים

ס'איז ווינטער. אַ קאַלטער שניי אין ווינטיקן פראָסט טראָגט זיך פון די אַרומיקע אָפענע פעלדער און פאַרווייעט שפּורלאָז אַלע וועגן. די אַלטע הייזער, אַריינגערוקט לענג־אויס די טיפע הויפן, זענען פאַרשאָטן מיט געדיכטן, פּוכיקן שניי, זיי זעען אויס, ווי מידע זקנהס אונטער פּוכיקע פּערענעס.

די פאַרהאַרטעוועטע פּויערים־משפּחות זענען פאַרזונקען אין טיפן, דאָרפישן שלאָף. ווו־נישט־ווו הערט זיך אַ מרוטשען פון חזיר־שטאַלן, און אַ לאַנגער בהימהשער מו־מו! — טראָגט זיך מיטן פאַרדומפּטן עכאָ פון סטעפּישער אומהיימלעכקייט...

אינעם קליינעם, ענגן, רובליער שוהטס שטיבל, איז וואַרעם איצט, ליכטיק און היימלעך. זיין ווייב, וואָס ער האָט געבראַכט פון לאָמזשע־נאָוויגראָד, האָט אויסגעפּוצט און אויסגעצירט די שטוביקע ווענט, לויטן פּויליש־יידישן סטיל. די יאָרן, וואָס זי האָט פאַרבראַכט, נאָך אַלס מיידל, אויף פאַרשידענע האַנט־אַרבעטן, האָבן געגעבן רעזולטאַטן. עס גלאַנצן

איצט און שעמערירן אַראָפּ פון די ווייס־געקאַלכטע ווענט האַנטוכלעך, סערוועטקעלעך און כל־מיני שלייפעלעך, אויסגענייטע און אויסגעמאָלטע.

איינציקווייז זאַמלען זיך היינט די יידישע בירגער פון רובליע צו דער אַסיפה לכבוד חנוכה. אַלע מאָל ווייזט זיך אַ פרישער פנים. עס קומען אויך יונגעלייט. מן־הסתם, איז עס אַ וויכטיקע באַראַטונג, וואָס איז נוגע אַלעמען. אפשר דער מצב פון דער תלמוד־תורה, וואָס דער שוחט האָט מיט פּיל מי און אָנשטרענגונג געגריגדעט, אַז יידישע קינ־דערלעך זאָלן נישט מוזן פאַרפאַלן ווערן אין דער איינציקער פּוילישער פאָלקס־שול, וואָס רובליע האָט פאַרמאָגט, אפשר אַן אַנדערער וויכטיקער ענין?... אָבער ווייזט אויס, ס'איז נוגע דעם ענין לערנען, אַ סימן, אַלע לערער זענען שוין פאַרזאַמלט.

אויבן אָן זיצט מיין ברודער. אַ העפלעך־צעשמייכלטער, מכניס־אורח־דיק, קוקט ער אויפן גרויסן בליך־לאָמפּ פאַרטראַכט, רייבנדיק אומצופּי־הערלעך דעם גראָבן פינגער אין קולאַק, אַ סימן — ער זוכט אין זיינע מחשבות דעם טאָלק פון דער אַסיפה...

האַרט נעבן אים זיצט, מיט ענלעכער חשיבות, דער יונגער לערער — פאַרוואַלטער פון תלמוד־תורה, וואָס מיין ברודער, דער שוחט, האָט אַראָפּ־געבראַכט פון האָראָדאָק, דער סטודענט, ראַנקין.

ראַנקין, אַ פּעאיקער זון פון אַ האָראָדאָקער קרעמער, וואָס האָט, ווי די מערסטע אָרעמע יידישע סטודענטן, נישט געהאַט קיין מאַטעריעלע מעגלעכקייטן צו ענדיקן דעם יורידישן פאַקולטעט אין וואַרשע, האָט ער זיך אַנגאַזשירט אינעם קליינעם פּראָווינצער העק, ביז די לעצטע עקזאַמענס זיינע, כדי אויפצוזאַמלען די נויטיקע געלט־מיטלען. שפּעטער האָט ער געענדיקט אַדוואָקאַט, חתונה געהאַט און אין וואַרשע זיך שיין איינגעאָרדנט, געהאַט גוטע פּראַקטיק. אומגעקומען מיט אַלע יידן בעת דער שואה.

ביים טיש זיצן שוין ביידע ברידער ליפּשיץ, די חשובע רובליער בעלי־הבתים. אַהרון ליפּשיץ, אַ טונקל־בלאָנדער, רואיקער, טיף מישוב־דיקער ייד פון דער השכלה־וועלט מיט איינגעאַרטיקע בייגונגען און

פעאיקייטן, אַ באַזאָכטער און גוטער מענטש, וואָס זאָרגט פאַר זיינע קינדער. זיין איידעלער פנים איז שוין מיד פון טראָגן דעם עול, כאָטש זיין איידעלע פרוי, פויגל, העלפט אים צו אין דער מאַנופאַקטור־קראָם.

אַן אַנדער טיפּ איז זיין ברודער סאַניע: אַ הויכער, שלאַנקער, שוואַרצער, מיט אַ קלאַסיש־מאַטאָוון פנים, אַ פלינקער, אַ שנעל־רעדנ־דיקער און בליציקער הומאָריסט. כאָטש ער איז געווען, ווי אַלע רובליער יידן פאַריאָכט אין זיין שפּייז־קראָם און איז געווען אַ מטופל פון אַ פולער שטוב בריליאַנטענע קינדערלעך, איז אויף זיינע ליפּן אין אַ שווערסטן עול־טאָג, געלעגן אַ פאַרטיקער וויץ. שמייכלענדיק מיט די איראָנישע אויגן, האָט ער מאָמענטאַל, אין אויגנבליק, אויפגעכאַפּט יענעמס אַ גרי־מאַסע, אָדער אַ נישט געלונגענעם זשעסט און באַלד האָט ער אים טרעפלעך נאָכגעמאַכט. יונגע מבינים פלעגן זאָגן, אַז אין רובליע איז פאַרלוירן געגאַנגען אַ טאַלאַנט, אַ בליציקער סאַטיריקער.

עס עפנט זיך די טיר און מיט אַ ברייטן טראָט שפּאַנט אַריין שמואל גומער. אַ קליין יידעלע מיט אַ ביסל אַ הויכער פּלייצע, מיט נישט קיין גרויסע, טונקל־בלישטשענדיקע אויגן, וואָס שפּיזן דורך אַלץ און אַלעמען, מיט שאַרפער דורכדרינגלעכקייט. אַ העפלעכער און טעמ־פּעראַמענטפולער מענטש, ענערגיש און אונטערנעמעריש, דעם פּידזשאַק צעשפּיליעט און די הענט אין די זייטיקע קעשענעס, גייט ער זיך אַזוי ברייטלעך איבערן טראָטואַר, ווי ער וואָלט געוואָלט מיט זיינע טריט דעם ערדישן שטח אויסברייטערן... פאַרן לאַנגן, פלאַכן גאַנעק פון זיין אייגן הויז האָבן די שיינע קינדער זיינע, מיידעלעך און יינגלעך, מיט זייערע שוואַרצע גלאַנציקע אויגעלעך, זיך געשפּילט, ווי בלומיקע ליאַלקעס.

דער לערער און מוזיקער, אברהם יצחק, איז אַריינגעקומען און זיך געזעצט קעגנאיבער דעם שול־פּאַרוואַלטער. ווען ער האָלט זיין פידעלע דוכט זיך, אין די ציטערדיקע, זיסע טענע, ווי עס זינגט די שכינה פון זיין גייסטרייכער משפּחה; דער טאַטע זיינער, חיים, דער אַלטער רובליער שוחט, וואָס האָט נישט געוואָלט מפסיק זיין אין מיטן שמונה־עשרה,

האָבן אים פּאַגראָמשטשיקעס, די באַלאַכאָוועס, אויפגעהאָנגען מיטן טלית און תּפילין; זיין ברודער, דער קינסטלער, איז אויפגעגאַנגען אין ווילנע מיט זיינע דערפּאָלגרייכע בילדער־אויסשטעלונגען. און זיין שוועסטער, יהודית, די באַגאַבטע שול־קינסטלערין פון האַנט־אַרבעט (היינט אין ישראל), איז די לעצטע לעבן־געבליבענע פון זייער משפּחה — נאָכן חורבן.

פון ביידע עקן דאַרף האָבן זיך שוין צענויפגעזאַמלט אַ היפּשע עדה יידן. עס פעלן נישט די האַנטווערקער און אַרבעטער, וואָס וווינען האַרט ביים טייך גאַרין.

אַלע שטילע, באַשיידענע גוטע מענטשן, וואָס גייען שטיל זייער וועג און בילדן שטענדיק אַ באַזונדערן אַרבעטער־קרייז. זייערע זין און טעכטער זענען באַפריינדעט מיט דער קריסטלעכער באַפעלקערונג. זיי זענען אומדערשראָקן און דרייסט. ווי שיין זייערע טעכטער זענען! אָט די בילד־שיינע טעכטער, די שוואַרצמאַנס: הויכע, שלאַנקע, שוואַרץ־געלאָקטע האָר מיט טיפע, קיילעכדיקע יידישע אויגן און די סובטעלע פּנימער באַשטראַלט מיט אַ באַזונדערן מיידלשן חן.

עס עפנט זיך די פאַרפּראַסטיקטע טיר און עס שפּאַנט פלינק אַרײַ־בער דעם הויכן, הילצערנעם שוועל, אַהרון דער מלמד. אַ ייד, דוכט זיך, ווי אַלע יידן, און דאָך אַנדערש: אַ גלייכער אין זיין מיטעלן וווקס, אַ באַוועגלעך פלינקער, אַ לייכטער טראָט. ווען נישט זיין גרויע באָרד, מיט דעם דאַשקאָוון היטל פון אַ מלמד, וואָלט ער געווען — שלום עליכם מיט די ביינער!... אַזעלכע גרויס־צעעפנטע אויגן מיט לעבן און הייטער־קייט, ווי מיט ציטערדיקער יידישער בשורה פון דורות. אין פּריוואַטן פאַרהאַלטן זיך איז ער אַ גוטער ברודער; אַ קלאַפּ אין פּלייצע, נעמט אַ פּאַפּיראָס, שמייכלט קלוג צו און — פאַרשווינדט.

אָט זענען שוין פאַראַן פון יענעם עק די דוכטשינס און דער יידישער מילנער, מרדכי באַסאָטשוק, אַן אָנגעזעענער, יוסטער בעל־הבית, אַ הויכער, ברייט־פּלייציקער און פול־לייביקער פון דורות־לאַנג פאַר־פונדעוועטער, איז ער אין שטענדיקער פאַרבינדונג מיט דער אָרטיקער

און סביבהדיקער באַפעלקערונג. אַ פּנים — אַ פאַרהאַרעוועטס, אויגן פון אַ בעל השבון, אַ קלוגער מוח. אין רובליע פאַרנעמט ער דאָס אָרט פון אַן אנגעזעענעם בירגער.

געוויינלעך פּעלט נישט די קצבים־בראַנזשע ביי אַ שוחט אין שטוב, און צווישן זיי, נח לייב דער פאַראַמשטשיק, דער שטילער און שטיל־סטער צדיק ביי די רובליער יידן, וואָס באַשיינט און גיט צו כבוד יעדער גרעסערער אָדער קלענערער אסיפה...

שטייט זיך פון וויטן דער אייגנטימער פון שוחטס דירה, יהודה לייב, קוקט מיט גיריקע אויגן אויף דעם געדיכט באַזעסענעם טיש און גלעט די לאַנגע, געלבלעך־גרויע באָרד זיינע, אונטערטראַגנדיק פון צייט צו צייט אירע שפּיצן מיט די פינגער צום מויל.

איצטער הערשט אַ גרויסע געמיטלעכקייט צווישן עולם. מ׳איז זיך מכבד מיט פּאַפּיראָסן, מ׳וויצלט זיך, ווער עס ברומקעט צו אַ ניגון, ווער ער דערציילט אַ ביסל עפּיזאָדן, געשעענישן, פון פאַרלאָפענעם טאָג...

ווען דער שוחט עפנט די אַסיפה, באַרירט ער ענינים פון דער הייב־טיקער פאַרזאַמלונג. די געמיטער צעוואַרעמען זיך, עס הייבן זיך אָן טענות, ויכוחים און עס לאָזט זיך הערן כמעט יעדנס שטים, ווער מיט אַ שאלה, ווער מיט פאַרוואורף און כעס. אַזוי אַרום ווערן ביסלעכווייז צעהיצט די געמיטער. די קולות קען מען הערן אַזש אויף יענער זייט פון סטעפּאַנס פּלויט. עפענען זיך פּלוצלינג ביי יהודה־ברוכן אין די אויגן באַזונדערע פייערלעך, גרייט יענעם דורס צו זיין, פאַרטרינקען אין אַ לעפל וואַסער, שטייענדיק ביי דער סאַמע שוועל, לאָזט ער אָפּ די באָרד, כאַפּט זיך ביי ביידע זייטן און רעדט שטיל צו זיך אַליין:

— אר־וואַ, אר־וואַ! הערסט אַ ביסל! וואָס זאָגט מען צו אים? נאַ דיר אַ נייע נייעס גאַר!

נאָר זיין שטילע שיינע יידענע, חוה, קומט אַריין פון יענער זייט שטוב, שאַרט זיך ביי דער זייט פון אויוון און מיט די שיינע, נאַיווע אויגן פון אַ קינד, קוקט זי אויפן טיש מיט די צעברויזטע, פאַררויטלטע בעלי־הבתים, פאַרוונדערט, פאַרגאַפט און פאַרטראַכט.

חוה יהודה־ברוכס איז שוין אין מיטעלן עלטער. איר אַלטע מאַמע,

דאָברושקע, די אַכט־און־אַכציק יעריקע זקנה זאָגט, אַז זי געדענקט נאָך גוט איר באָבען, וואָס איז געבוירען געוואָרן אין רובליע. זיי זענען, פאַר־שטייט זיך, קיין מאָל פון די גרענעצן פון דאָרט נישט אַרויס, איז די אויסערלעכע וועלט, מיט אַלע אירע איינריכטונגען, פאַר זיי אין גאַנצן פרעמד געווען. איז אָט דערציילט מיר אַנומלט חוה:

— איך האָב געדאַרפט פאָרן אין שטאָט אַריין אויף דער חתונה פון מיין שוועסטערס טאָכטער. מען האָט מיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ פעלד, האָב איך געמיינט, אַז באַלד וועלן קומען אַ פּאָר פערד, וואָס וועלן מיך פירן ווייטער; זע איך פּלוצלינג לויפן עפּעס אַזאַ מאָדנע טשוהונקע (דאָס מיינט זי די באַן) — מיט אַזאַ סאַפּעריי, מיט אַזאַ פּישטשען און פייפן, אַז איך בין שיעור נישט טויט געבליבן פאַר שרעק: רבונו של עולם, זאָל איך כאָטש מיטן לעבן אַרויס!...

נח לייב דער פּאַראָמשטשיק

גאָר אַ באַזונדער טיפּ ביי רובליער יידן איז נח־לייב. ער איז אַ שטילער, אַ באַזאַכטער, מיט אַ ביסל אַ הייזעריקלעכער שטים און פאַרשוויגענעם פּנים, נאָר ער איז נישט קיין באַזונדערס ענערגישער, אָבער נישט קיין נאָכגיביקער. ער האָט ליב געהאַט מיט גרויס געדולד אויסצוהערן אַ צווייטנס מיינונגען, אַראָפּלאָזן די אויגן און גאַנץ רואיק אַ זאָג טאָן זיין לעצט וואָרט, אָפט מאָל אַפילו מיט אַ גרויסן פּשט און נישט פילאָזאָפיש פאַרטיפן, נאָר מיט מאָגערע, קאַרגע ווערטער. געדוכט האָט זיך שטענדיק, אַז די אויסערלעכע וועלט האָט קיין שום השפּעה נישט אויף זיין אינערלעכער געדאַנקען־וועלט, ווייל ווער עס איז נאָר אין עפּעס באַשולדיקט געוואָרן, איז באַלד געקומען פון זיין בלאַסער שטים די פאַרטיידיקונג. אַן אייביקע שטילע גוטסקייט געמישט מיט שטאָלץ האָט שטענדיק אין אים געדייעט. אויף צו טאָן פאַר עמיצן גוטס, איז ער געווען אַ מזג־טוב, נישט געקוקט דערויף, וואָס דער קאַזאַק — די ווייב זיינע אַלטע, וואָס איז „געגאַנגען אין די הויזן" האָט אים זייער אָפט געשטערט, האָט ער זיך צו להכעיס געטאָן זיינס. זיינע וועגן זענען געווען ענוותדיקע מיט פול גנאָד....

איך זע אים אין דער טאָג־טעגלעכער איינגעשפּאַנטקייט, ביים ברעג טייך, הינטער דער טיר פון זיין הילצערנער שטוב, אַן איינגעבויגענער, ווי אַ ווערבע אין האַרבסטיקן ווינט און רעגן, אַ פאַרגעצטער, מיט שווערער אָנשטרענגונג ציט ער די שטריק און פירט אַריבער דעם פּאַראָם פון איין ברעג טייך צום צווייטן און פויערים שרייען:

— האָ, לייבקאָ, פּאָדאַווײ פּאַראָם סיודאָ, סיודאָ! (לייבע דערלאַנג אַהער דעם פּאַראָם, אַהער!). און יידן צוזאַמען מיט גויאים, שווימען אַהין און צוריק.

טייל מאָל נעמט אים איבער זיין ווייב אַלטע, אַ נידעריקע, באַלייבטע בלאָנדינקע מיט קליינע, שאַרף־גרויע אויגן אין אַ ברייטן פּנים, מיט אַ האַפּערדיקער מענער־שטים, וואָס איז ענלעך מער צו אַן אַריערין. אָבער זי איז אַ געזונטע ווירטין און אַ טרייע מוטער צו אירע קינדער.

אָט זעט מען נח־לייבן שפּאַנען מיט גרויסע טריט אין אַ הייסן זומער־טאָג מיט אַ זעקל אויף די פּלייצעס, אַליין אָדער — מיט עמיצן פון די משולחים. דאָס דאָרפישע שטעטל ליגט פּאַרטריקנט, פאַרהילט אין אַ געדיכטן שטויביקן נעפּל. די פויערים צעוואָרפן איבער די פעל־דער מיט געזאַנגען, שטייען כאַטעס אַלע שטום, ליידיק, אָבער געזיכערט אויף זייער אייגענער ערד. יידישע האַנדל־וואַנדל־מענטשן וואָגלען אַרום איבער נאָענטע און וויטע שליאַכן...

דאָרטן, פון יענעם עק דאָרף, שפּאַנט נח־לייב — איבער די יידישע הייזער נאָך נדבות; זיין הויכער, מאָגערער קערפּער איז אויסגעגלייכט, ער שוועבט, ווי אַ פויגל מיט אַ צעלויכטענעם פּנים פון אַ זקן, אַ ווייכן, אַ מילד־שמייכלענדיקן, פרום־האַרציקן פּנים, ווי אַ תהילים־ייד, וואָס טוט די הייליקע עבודה מיט ליבשאַפט און בשלמות ווי אַ למד־וואָווניק...

חוה די שוואַרצע

ווי אַ שטילע, פאַרגעסענע פויגל־נעסט, זע איך די היים פון די סטאַלמאַנס. אַ מאַמע פאַרמאָגט, אין דער הילצערנער שטוב אויפן ברעג, דריי קינדער: אַ זון נח, און צוויי טעכטער, מערל און ראָדל (עדה סטאַלמאַן געפינט זיך אין ישראל).

ווי פאַרשידנאַרטיק זיי זענען נישט געווען, דאָך האָבן זיי אַלע געטראָגן אויף זיך דעם שטעמפּל, דעם סעמיטישן חותם פון שיינקייט.

חוה, האָט אַליין געשפּייזט די יתומים. זי איז געווען אין מיטעלן עלטער. אַ טונקל־הויטיקע, אַ קיילעכדיקע פרוי, מיט טיפע, סאַמעט־ווייכע, שוואַרצע, גלאַנציקע אויגן, וואָס האָבן געשטראַלט מיט פאַר־הוילענער חכמה און שטילן טרויער... נאָר פון צייט צו צייט האָבן זיי אויפגעלויכטן מיט האָפענונג...

אין איר ווייכער, באַהאַרצטער שטים האָט אָפּגעקלונגען דער אייביקער טאָן פון אַ יידישער, עלנטער מאַמע...

די עלטערע טאָכטער אַ רויִקע, באַזעלטע מיט גוטסקייט און שטילער נאַטירלעכער ווירדע, האָט געירשנט איר מאַמעס שיינקייט. אויף דער קלענער, יינגסטער מוזינקעלע, האָט מען געזאָגט: „אַ מיידים, אַ ברען״! מיט איר שאַרפזיניקייט און אויסערגעוויינלעכער דרייסטקייט האָט זי זיך אויסגעצייכנט אין דער פּוילישער פאָלקס־שול און שפּעטער אין דער יידישער תלמוד־תורה פון רובליע.

אויף אָט דער קליינער משפּחה האָט גערוט דער יידישער חן. זיי האָבן געדאַרפט וואַקסן דווקא אין ארץ ישראל, פלעג איך שטענדיק טראַכטן וועגן זיי...

*

בדרך כלל איז איינגעפירט אין אַלע קליינע שטעטלעך און דער־פער, אַז שכנים קלייבן זיך צוזאַמען און מען העלפט אַרויס איינער דעם אַנדערן. אַזוי פלעגן פריינדינס זיך קעגנזייטיק העלפן איינזייערן די פעסער קרויט אויפן ווינטער.

אויסגעפאַלן איז עס אין די לאַנגע, פראָסטיקע ווינטער־אָוונטן. ביי אַלטע נח־לייבס, אָבער דער עיקר, ביי חוה דער שוואַרצער. אַלע ווייבער מיט די טיכלעך אויף די קעפ, מיט וואַרעמע „בעזרענקאָווניקעס" אויף די טיגערנע אָדער בייענע, ברייט פאַרמאַרשטשעטע קליידער, מיט וואַלאָקעס און קאַלאָשן אויף די פיס, זענען געזעסן אָדער געשטאַנען שורותוייז און געבלעטערט קרויט. דאַן פלעגן די געשעעניש, „פּאָטשטן" און כל מיני רכילותן גיין פון מויל צו מויל. אַלץ האָט זיך געדרייט כּאַדאַראַם. דאָס גאַנצע שטעטל יידן מיטן דאָרף גויאים אין איינעם זענען „געלעגן צעלייגט אויף טעלערלעך".

דער גרימענדיקער פראָסט אין דרויסן, אויסגעמישט מיט אַ פאַליע־סיער זאַווערוכע, האָט געבלאָזן פונעם פאַרפרוירענעם גאָרין־טייך, פונעם פערעהאַניעץ, גרודעס פאַרפראָרענע שניי האָבן געגלאַנצט און געמיניעט זיך אונטער טונקעלע הימלען באַזילבערט מיט בלישטשענדיקע שטערן און אַ פריילעכער פערדן־הירזשעריי און רעדער־סקריפעריי האָט זיך דערטראָגן פון אַנגעפּאָרענע פויערים, וואָס דערנענטערן זיך אין זייערע פעלצן און פאַפאַכעס (פוטער־היטלען), אין הויכע, לעדערנע שטיוול, צו זייערע היימען. און כאַטקעס איינגעגורעטע מיט פאַרשנייטע, שטרויענע דעכער טוליען זיך צוזאַמען אונטערן פראָסט און ווינט, ווי הילפסלאָזע עלנטע שעפעלעך...

נאָר דאָרט אויפן ברעג טייך, אין אַ ווייס געקאַלכטער וואַרעמער און ריינער שטוב, ביי גאַנצע שטויסן איינגעלייגטע קרויט, הערשט איצט אַ נחתדיקע געמיטלעכקייט. ביי אַ לאַנגן הילצערנעם טיש אָנגע־שטעלט גרויסע, ערדענע שיסלען געקאַכטע קאַרטאָפל אין דער שאָלעכץ, און זויערע אוגערקעס, זיצן אַרומגעזעצט אויף לאַנגע בענק די פאַר־שוויצטע דאָרפישע ווייבער און גאַדערנדיק, ווי די גענדז, וואַרפן זיי

די הייסע קאַרטאָפל אין מויל אַריין, פאַרטרייבנדיק די הייסע פּאַרע מיט די נאַסע, פאַטשנדיקע ליפּן אין דער לופט אַריין.

אָט איז למשל מרימקע אהרונס פון ברעג, אַ קליינינקע, זשוואַווינקע מיטן ווייס געפּרעסטן טיכעלע אויפן קאָפּ. זי לויפט גיך, גיך פון איינעם צום אַנדערן, קוקט אים אָן מיט די קליינע, שוואַרץ־גלאַנציקע אויגעלעך און מעסט אים אָפּ פון קאָפּ ביז די פיס, אַזוי פון אויבן אַראָפּ, ווי איינער זאָגט: „נו, לאָמיר נאָר זען, וואָס פאַר אַ אַנשטענדיקער מענטש דו ביזט אַקאָרשט!"... און אַז די דינע ליפּעלעך צעשמייכלען זיך און די ראָזע בעקעלעך פונעם קליינעם, פויגלשן פּנימל הויבן זיך אויף, ווי צייטיקע עפּעלעך, איז עס אַ סימן, אַז זי איז היינט אויף קיינעם נישט אָנגעבלאָזן און איז גרייט צוצוטרעטן צו איר „הייליקער עבודה", רעדן און דערציילן נייעסן פון די בכבודיקע משפּחות. דאַן שפּרייט זי אויס איר פרעס־ווייסן פאַרטוכל און אָנשפּאַרנדיק זיך מיט איין האַנט אין זייט טיש, ווי צום סדר, הויבט זי אָן מיט דער שפּיציקער גאָמבעלע און ווייסע געשנירלטע ציינדעלעך „צו מאָלן" רייד און ווערטער, וואָס זי טראָגט זיי מיט זיך איבערגעלאָדן אין אַ שלל, אין אַ שפע פון האַלבע, נישט דערזאָגטע מעשׂיות, פון אַליין געפרעגטע און אַליין פאַרענט־פערטע קשיות. זי איז נישט ווי ש. „די פּאַטשט", וואָס נעמט אויף אַלץ, אַזוי ווי עס גייט און שטייט און גיט איבער אַזוי ווי עס איז. זי, מרימקע, איז איבערקלייבעריש, זי איז די גאַסן־פּאָעטקע, פון רובליע. זי נעמט אויף אירע געזאַמלטע ענינים פון אויבן־אָן, פון דעם אויי־בערשטן שיכט תושבים, באַאַרבעט זיי פריער מיטן אייגענעם געפיל און דערנאָך גיט זי זיי שוין איבער, אין איר ווערסיע, די צוהערער...

אַ גאַנץ אַנדערע ידיעות־זאַמלערין איז אַלטע: אַ נידעריקע, אַ פולע, אַ ברייטע, פאַרמאָגט קליינע גרויע אויגעלעך מיט אַ שניידיקער שאַרפ־קייט, וואָס האָט זיך אויסגעשיילט פון אַ ברייטן קורצן פּנים. אירע בלאָנדע, גלאַטע האָר פון אונטער דער ווייסער אָדער געבלומטער קאָפּ־טיכל האָט גיכער דערמאָנט אין אַן אַרישן טיפּ. זי, אַלטע, איז אָבער נישט געווען קיין לויפערקע. זי איז געווען כמעט אַ ישוב־אוהל־

ניצע. זענען אָבער „די פּאַטשטשן‟ אַליין געגאַנגען צו איר געהער. זי האָט זיי אויפגענומען מיט אָפענע חושים אָבער שטרענג און אַ ביסל סקעפּ־טיש — יאָ געגלויבט און נישט געגלויבט... וועגן אַלעמען האָט זי געהאַט איר אייגענע, נעגאַטיווע מיינונג. זי האָט גערעדט מיט אַ הויכן מענע־רישן קול, מער צו זיך, ווי צו יענעם...

אָבער באַשיידן און שמייכלענדיק באַוועגט זיך, מיט שטילער שטי־פּערישער הכמה, פון איין ווינקל צום אַנדערן, די שוואַרצע חוה, די שטוב־ווירטין; ווי אַ געניטע סופלאַרין, וואָס קען גוט דאָס לעבן פון אירע שכנים, האַלט זי אונטער יעדערנס שטימונג, ביז זי באַהערשט די אַלגעמיינע לאַגע מיט צוטרוי.

ציען זיך צו איר די ווייבער פאַמעלעך און איינציקווייז, עפענען זיי פאַר איר, זייערע ציטערדיקע הערצער, פאַרטרויען איר בסודי־סודות זייער שווער געמיט, זייער ביטער לעבן, דאגות פרנסה, שווערע מזלות צו שידוכים פאַר קינדער און פון נישט געקעלבטע בהימות...

און זי, חוה, מיטן ווייכן, מאַטן פּנים, מיטן זאַפטיק־שטילן שמייכל פון אירע וואַרעמע, גוטע אויגן, ציט אין זיך אַריין דעם קרעכץ און טרויער פון יידישע מאַמעס; און לאַנגזאַם פאַלן מיט זיי צוזאַמען, אַ טרער, גיט זי שטילע, קלוגע עצות. אַ מאָל באַשולדיקט זי זיי אַליין און האַמעוועט אַזוי אַרום די טענות צו די מענער און פאַרגלעט די דאַליע מיט לעבעדיקע וויצן און חכמות, צום סוף דערציילט זי אַ פּאָר מעשיות, ביז די ווייבער מיט אויפגעלעבטע פּנימער און אויסגעשנייצטע נעזער, אָטעמען פרייער אָפּ און זאָגן: אַ גוטע נאַכט!

ווי נאָכגיביקע שעפעלעך, צעקריכן זיי זיך יעדע איינע צו זיך אַהיים...

משפחה דוכטשין

די דוכטשינס ווערן פאַררעכנט פאַר דער גרעסטער און חשובסטער משפחה אין רובליע. דאָס איז זייער אַ פאַרצווייגטע משפחה, וואָס געפינט זיך אין רובליע און איז אויסגעשפרייט אין די אַרומיקע פּראָווינץ־שטעט: סטאָלין, האָראָדאָק, פּינסק, לוניניעץ, סאַרנע און אויך אין אויסלאַנד.

געווען זענען זיי פיר ברידער: לייבע, יודל, יאָסל און ליפּע, אַלע מיט גרויסע משפחות, זין און טעכטער. לייבע און ליפּע זענען געיועו וואַלד־סוחרים. זיי האָבן געהאַנדלט מיטן קניאַז ראַדזיוויל.

אַט זע איך אין מיטן דאָרף, צווישן קליינע כאַטקעס, אַ ניי, שיין, מאָדערן הויז, וואָס שפּיגלט זיך קעגן דער זון מיט אַ זעלטענער ריינ־קייט. געשמאַקע, זאַפטיקע ריחות האָבן זיך פון אַלע זייטן געטראָגן און עפּעס אַ מין פאַמעלעכע, אָנגענעמע רואיקע שטילקייט האָט דאָ געהערשט, אַ באַזונדערע זיכערקייט, גאָרנישט ווי אין די יידישע הייזער, וואָס איך בין געווען געוווינט צו זען, אַלץ ווי אויף דערוויילל, כאַפּ־לאַפּעדיק, גלותדיק. באַזונדערס, געדענק איך, האָט מיך אַנטציקט דער אויפנאַם־צימער אין גאַנצן אַ פולער מיט אַלטע און יונגע פיקוסן, גירלאַנדעס, קאַקטוסן — הונדערטיעריקע בלומען. וואַזאַנען אויף אַלע פענצטער צעשטעלט און אויך אויף דער ערד, ממש אַ גאָרטן, אַ פיין־פאַרפלאַנצטער גאָרטן ביי אַ יידישן סוחר אין שטוב, וואָס ווערט אַזוי זאָרגפעליק געפלעגט און פילט אָן די לופט מיטן אַראָמאַט פון אַ בלומען פעלד.

די פרוי דוכטשין, ליפּעס ווייב, איז געווען אַן ערנסטע. זייער רואיק גערעדט, און געווען פאַרשלאָסן אין זיך. זי האָט געמאַכט דעם איינדרוק

פון אַ געוועזענער טאָכטער פון אַן אַריסטאָקראַטישער משפּחה, וואָס איז פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן אַזש קיין רובליע, דעם העק...

ליפּע — אַ ייד, וואָס האָט קיין מאָל קיין צייט נישט, אַן ענערגישער אַ באַוועגלעכער, אימפּולסיווער, שטייט זעלטן ווען אויף איין אָרט. דער גאַנעק פון זיין שטוב — שטענדיק אַ פולער מיט גויאים. ווען ער שטעלט זיך אָבער אָפּ, און קומט צו זיך, קוקט ער אייך אָן זייער מילד, מיט צווי גרויסע, בלויע צעשמייכלטע אויגן און מיט אַ פּנים פון אַ גוטן מענטש.

די אַלטע, גרויסע שטוב, אויף יענעם עק דאָרף, ביים שליאַך, וואָס פירט צום דאָרף כאָטעמליע, געהערט צו לייבע דוכטשין. ווען מען קוקט צום אָפענעם גרויסן הויף מיט זיינע שטאַלן און שייערן, דערפילט מען באַלד, אַז דאָס געהערט צו איינעם פון די רייכסטע בירגער פון רובליע — דעם דאָזיקן אומגעהויער לאַנגן, בידנעם דאָרף — בפרט, ווען מען קומט אַריין אינעווייניק. אַלע צימערן זאָגן עדות, אַז דאָ איז אַן אָנשטענדיקע, פּאַטריאַרכאַלע יידישע משפּחה־מלוכה.

די ווענט פון גרויסן זאַל זענען באַהאָנגען מיט פאַרשידענע פאַר־טרעטן־בילדער פון מענטשן, וואָס זענען שוין אַלע נישטאָ.

ווייעט טאַקע פון די אַלע צימערן אַזאַ שווערער, פייגלעכער אומעט, טריפט טאַקע פון די ווענט און בילדער עלנט און בענקשאַפט. באַזונדערס, ווען מען זעט אין מיטן צימער שפּרייזן נאָכאַנאַנד, אַ הויכן ברייט־פּלייציקן מאַן מיט גרויסע, טונקעלע אויגן — אַ ים פון אומעט — מיט אַ פאַר־טראַכט פּנים, פאַרענדערט פון צער, מיט אַן אויסדרוק פון ליידן און בענקשאַפט.

דאָס איז לייבע, דער גרויסער, באַרימטער דוכטשין — דער רייכסטער, דער ווירדיקסטער וואַלד־סוחר, דער קלוגער, איידעלער און שטאַלצער מאַן. זיין גוטע, בילד־שיינע, שלאַנקע פרוי, האָט אים געשאָנקען די געבענטשטע זעקס זין — גיגאַנטן, און דריי ליכטיקע טעכטער — די בעלי נחת פון אַ הויז תורה וגדולה במקום אחד!...

און אָט זענען אָנגעקומען יענע שווערע, היסטאָרישע טעג פון די

יאָרן זיבעצן, אַכצן און טויזנט ניין הונדערט ניינצן, ווען די ווייס־גוואַרדייאישע באַנדעס פון די באַלאַכאָוצעס, האָבן געבושעוועט, פּאָגראָמירט יידישע שטעט און שטעטלעך אין אוקראַינע און פּאָליעסיע, ווען זיי האָבן זיך געבאָדן אין טייכן יידיש בלוט. אין יענער אומרואיקער צייט איז צווישן אַנדערע געפאַלן דער ערשטער קרבן — לייבעס משפּחה. די ערשטע קאָנטריבוציע איז אַרויפגעלייגט און אויסגעפּרעסט געוואָרן פון זיי. דערנאָך האָבן זיי דערשאָסן לייבעס זון הערשל. איין זון איז געפאַלן פון אַ דונער. אַן אַכצן־יעריקער זון איז געשטאָרבן. די מוטער פאַר גרויס צער איז איינגעגאַנגען און איז אויך אַוועקגעגאַנגען... דער פאָטער, פאַר גרויס צער, איז געוואָרן הילפסלאָז, צעבראָכן, ער האָט זיך איינגעשלאָסן אין שווייגן...

אין מיין צייט האָבן איך נאָך געטראָפן צוויי זין: יעקב און שלום. יעקב, אַ ברונעט, אַ סימפּאַטישער, געבילדעטער בחור, האָט שפּעטער חתונה געהאַט מיט לוצקעס טאָכטער אין האָראָדאָק.

שלום, אַ הויכער, גראַציעזער, העל־בלאָנדער, אויסטערליש קלוגער און טיפזיניקער מענטש. זיינע גרויסע, ליכטיק־בלויע אויגן האָבן געשטראַלט מיט אַן אייגנאַרטיקער דערהויבנקייט, זיין לענגלעך פּנים מיטן דין־ליפּיקן קלאַסישן מויל, האָבן פאַרמאָגט אַ ספּעציעלן אויסדרוק. געהאַט האָט ער אַ גלייכע גריכישע נאָז. דער הויכער, האַלב־קיילעכדיקער שטערן האָט זיך אַרויפגעצויגן צום ווייניק־באַוואַקסענעם קאָפּ האָר. דאָס גאַנצע געזיכט איז געווען שיין און האַרמאָניש. ער איז געווען אַ געטרייער זון, וואָס האָט געפּלאַטערט איבערן פאָטערס לעבן, אַ הייסער משפּחה־פריינד, אַ ברודער פאַר דער געזעלשאַפט און אַן איבערגעגעבענער, צו די יוגנט־חברים, מיט לייב און לעבן; אַן ערלעכער און מאָראַליש־זויבערער מענטש אין פּריוואַטן לעבן. אַ חכם פון דער נאַטור, איז ער געווען אַ בעל־יועץ, פאַר עלטערע און יינגערע. ער האָט געהאַט אַ טיף־מיטפילנדיקע נשמה פאַר הילפסלאָזע. אויב אין שטעטל איז געשען אַ קאַטאַסטראָפע, איז ער געווען דער ערשטער צו דערלאַנגען הילף. דעריבער איז קיין וווּנדער נישט, וואָס ער איז געווען דער סימבאָל,

די פאַרקערפערונג פון חשיבות און אַלגעמיינער אָנערקענונג. צו דעם נאָך — אַ הייס האַרץ פאַר ארץ־ישראל.

אָן שלומען איז מען צו קיין שום פייערלעכע טישן נישט געגאַנגען.

אָן שלומען איז מען ביים שוחט אין שטוב צווישן די רובלימער סכסוכים צו קיין דין־תורות נישט געקומען. געקליידט האָט ער זיך מיט אַן עסטעטישן געשמאַק — אייראָפּעאיש. ווען מען האָט אים געזען, האָט זיך געדאַכט, אַז אַ גרויסע, לעגענדאַרע סטאַטוע וואַנדערט צווישן פשוטע, קליינע מענטשעלעך.

ער האָט חתונה געהאַט מיט אידאַ טענענבוים פון פינסק און אומ־געקומען מיט זייער קינד פון די דייטשע מערדער, בעתן סטאָלינער חורבן.

די גרויזאַמע געטאָ־שחיטה
אין רובליע, דאַוויד־האָראָדאָק און סטאָלין

פּאַרטיזאַן מיכאל נאָסנטשוק דערציילט:

אין יאָר 1941, אין איינעם אַ זונטיק, איז פאָרגעקומען די גרויזאַמע שחיטה אין דאַוויד־האָראָדאָק. אונטער דעם אויסרייד, אַז מען נעמט אויף אַרבעט, האָבן די דייטשע מערדער אַלעמען צענויפגעזאַמלט און הינטער האָראָדאָק זיי אויסגעשאָסן.

איך בין דאַן געווען אין רובליע און פון גאָרנישט נישט געוווּסט. האָבנדיק אַ ליידנשאַפט צו כאַפּן פיש, בין איך אַוועק צום טייך. יעקב גאָלדעס איז געזעסן אין שטוב און אַרום שטוב־טיש — זיינע חברה. איך האָב אים גערופן גיין מיט מיר, אָבער ער האָט זיך גענומען וויצלען און געזאָגט, אַז „ער וועט קומען מיט אַ וואָג נאָך די פיש", בין איך אַליין אַוועק.

אַרום פיר אַזייגער נאָך מיטאָג, האָב איך דערהערט אַ שיסעריי פון ביקסן איינס נאָכן אַנדערן... איך האָב זיך פאַרשטעקט טיפער אין די קוסטעס און האָבן געוואַרט, ביז עמעצער וועט אָנקומען פון דאָרף.

דער ערשטער אַנזאָגער איז געווען מאַרקאָ „דער בעזדיעטניק"... מיט אַ פּאָר שעה צוריק, פאַר דער ביטערער בשורה, איז נאָך אַלץ געווען רואיק, יעדערער איז געזעסן ביי דער אַרבעט, ווער אין קוזניע, ווער אין שניידער־וואַרשטאַט, פּלוצלינג די בשורה, אַז אַלע זענען טויט. צווישן זיי אויך יעקב. אָט ערשט האָט ער זיך געחכמהט און אָט ליגט ער שוין אַ טויטער. דריי און פופציק קדושים זענען דאַן דערמאָרדעט געוואָרן און הנהם פּאָטער און גיטלס מאַן בונים, צווישן זיי.

יעקב האָט נאָך פאַרן טויטן אַרויסגערעדט אַ פּאָר ווערטער... מען האָט זיי צונויפגענומען אין פּאָזשאַרנע, געבונדן צו דרייען, אַרויס־געפירט אין די שייערן און דאָרט דערשאָסן. באַלד איז אָנגעקומען די ידיעה, אַז אין האָראָדאָק איז שוין אויך נאָך אַלעמען...

איך בין אַוועק אומבאַמערקטערהייט צו יעוודייען אין האָרישע. די גזלנים האָבן אָבער דערזען, אַז איך בין נישטאָ צווישן די הרוגים. האָבן זיי מיך געזוכט, אָבער איך האָב שוין געוווּסט, ווו זיך אויסצו־באַהאַלטן. די פינצטערע ס.ס. האָבן אויסגעמיטן סטאָלין. בין איך אַוועק אַהין. זיי האָבן פאַרכאַפּט בלויז דאַוויד־האָראָדאָק. אין רובליע האָבן עס געמאַכט נאָר אָרטיקע שקצים און אויך האָלעצער. איך האָב באַקומען אַ בריוועלע פון אונדזער משה חיימען, עליו השלום, אַז איך זאָל קומען קיין סטאָלין. בין איך אַוועק אַהין. די אומגליקלעכע ווייבער, די האָראָדאָקער און רובליער אלמנות, האָט מען אַרויסגעטריבן פון האָרישע און פאַר זיי אין די אויגן האָט מען צעשלעפּט זייער ביסל האָב און גוטס. ביי חיהן אונדזער גאָלדעס, האָט ניקאָליי פּוסיקס אַראָפּ־געשלעפּט פון די פיס יעקבס שטיוול. (שפּעטער, זייענדיק ביי די פּאַר־טיזאַנער, האָבן מיר אים דערשאָסן). די אומגליקלעכע האָבן זיך דערנאָך געוואַלגערט אין בערעזשנאָיער וואַלד. מען האָט זיי אין ערגעץ נישט אַריינגעלאָזן.

אין סטאָלין האָט זיך געשאַפן אַ קהילה און מיט פיל מאַטערניש האָבן זיי געפועלט, אַז מען זאָל זיי אַריינלאָזן אין סטאָלין.

דעם צווייטן טאָג ראש־השנה בין איך געזעסן מיט אונדזער ברודער משה־חיימען, האָבן זיך אַריינגעריסן פּלוצלינג אין שטוב אַריין צוויי גזלנים און מען האָט אונדזער משהלען צוגענומען אויף אייביק. אין דריי טעג אַרום האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז מען האָט אים פאַר־פייניקט צום טויט. מען האָט אים געשטאָכן מיט שטיקעס. געריסן פון אים שטיקער.

דעם צווייטן טאָג ראש־השנה, 1941 אַ זייגער צוועלף ביי נאַכט, האָט ער אויסגעהויכט די הייליקע נשמה אין דער סטאָלינער טורמע.

זיין קערפער האָב איך, אין זעקס מאַנאַטן אַרום שפּעטער, געפונען און געבראַכט צו קבורה אין זיין טלית, לעבן דער מומע גאָלדעס קבר.

זיין זונעלע ליאָווע, האָט באַגיסנדיק זיך מיט טרערן, געזאָגט קדיש ביים קבר. מיט מיר איז געווען זעליג פישמאַן, ער האָט מיר געהאָלפן. דאָס פנים פון אונדזער הייליקן ברודער איז שוין געווען פאַרערדיקט. דאָך האָב איך אים דערקענט. פרומקע, גיטעלע, רחל און חיה זענען אויך געקומען צו לויפן... מיר האָבן עס געמאַכט אָן דעם וויסן פון די דייטשן.

נאָך משהלעס טויט, האָבן זיך פאַר מיר אָנגעהויבן יענע ביטערע טעג, איך בין געבליבן איינער פון דער משפחה, אַרומגערינגלט מיט יתומים און אלמנות. ווען איך פלעג אַ קוק טאָן אויף די קינדער, פלעגט מיין האַרץ מיר פּלאַצן. די מומע גאָלדע האָט זיך נאָך. ווי עס איז, געהאַלטן. פּלוצלינג האָט זי געגומען אויסגיין, ווי אַ ליכט. חנוכה־צייט האָט זי אויסגעהויכט איר נשמה — ביי אונדז אין שטוב. אַלע רובליער אלמנות האָבן זי באַוויינט. מיר האָבן איר געמאַכט אַ געהעריקע, שטילע לויה. די דייטשן האָבן פאַרבאָטן לויות צו מאַכן.

אָבער וועגן די טויטע האָט מען לאַנג נישט געקאָנט טראַכטן. אויף מיר איז געפאַלן דער גאַנצער, גרויסער יאָך פון אַלע יתומים און אלמנות. איך האָב אַלץ געטאָן, מען זאָל נישט הונגערן...

ביי אונדז אין שטוב איז געווען אַ מנין. דער פאָטער מיינער, עליו השלום, פלעגט מיט ליאָווען זאָגן קדיש. דער ערשטער מנין איז געווען נאָך די רובליער קדושים, דערנאָך נאָך אונדזער ברודער. דער פאָטער פלעגט ווייניק רעדן, פאַרבייסן מיט די ליפּן און שווייגן. אָפט מאָל אָנשרייען אויף די ווייבער, ווען זיי פלעגן נעמען וויינען און אַליין דערביי זיך באַגיסן מיט טרערן.

מען האָט זיך נישט געטאָרט ווייזן נאָך זיבן אַ זייגער פאַר נאַכט. די קינדער מיט גאַניען פלעגן אָפט קומען דורכן גאָרטן צו אונדז און מיר פלעגן זיצן ביי פאַרמאַכטע לאָדנס. אַזוי זענען מיר אַ גאַנצן ווינטער געזעסן אויף איין פלאַץ אין שטוב.

ערב פסח 1942 האָט מען גאַניען אַרויסגעטריבן פון איר שטוב

און גלייך נאָך איר — אונדז. זעליג פישמאַן, עליו השלום, האָט אונדז דאַן שטאַרק אַרויסגעהאָלפן. צו יענער צייט האָבן זיך גענומען פאַר־שפּרייטן קלאַנגען, אַז אין סטאָלין ווערט אַ געטאָ. וויפל איבערלעבענישן! וויפל קאָנטריבוציעס, האָבן זיי אַרויפגעלייגט אויף אונדז! זיי האָבן געשונדן ממש די הויט פון אונדז!

ערב שבועות האָט מען פאַרענדיקט אַרומצאַמען דעם געטאָ מיט אַ צוים פון פופצן דראָטן. דריי מעטער פון איין סלופּ צום צווייטן. מיר האָבן באַקומען אַ באַפעל זיך איבערצוציען אין געטאָ. באַשרייבן דאָס אַלץ, וואָס עס האָט זיך געטאָן איז אוממעגלעך. יעדערער האָט געטראָגן מיט זיך, וואָס ער האָט נאָר געקענט. לעבן דאַרף מען דאָך!... דער פאָטער האָט גענומען זיין שטעקן אין האַנט און איז אַוועק אין געטאָ. מיר האָבן באַקומען אַ קליין צימערל. איך, גאָלדע דעם פעטער יעקבס פון אָסאָווע, אַ יינגעלע, אויך מיכאַלקע פינף יאָר אַלט און די עלטערן. גאַניע מיט די קינדער און פרומקע. אַלע האָבן זיך איינגעאָרדנט נישט ווייט פון אונדז.

אין געטאָ האָבן זיך ערשט אָנגעהויבן יענע אומגליקן. נישט אַרויס־טראָגן, נישט אַריינטראָגן, די שטערבלעכקייט איז דערגאַנגען ביז צוועלף אַ טאָג. מענטשן זענען געשוואָלן געוואָרן פון הונגער. מיט שוידער האָב איך געקוקט אויף די עלטערנס פּיס... וועגן קיין אַנדער זאַך, ווי פון עסן האָט מען נישט גערעדט. מיר האָבן געפונען אויסוועגן אַריינצו־שמוגלען עסנוואַרג. ווען עס זענען געקומען די פינצטערע ידיעות, אַז מען שיסט אויס אַלע יידן, האָט זיך עפּעס נישט געגלויבט: וואָס הייסט? ווי אַזוי? קליינע קינדער? עלטערע מענטשן? עס קען נישט זיין!

ביז עס איז געקומען דער פינצטערער טאָג, ערב ראש־השנה 1942. זיבן טויזנט נפשות זענען דאַן געווען אין סטאָלין און אַלע זענען אומגעקומען. די קברים זענען געווען גרייטע. מען האָט פריער אַלעמען אויסגעטאָן נאַקעט, לעבעדיקע געלייגט זיי אין קבר און געשאָסן רייען־ווייז...

די לעצטע נאַכט אין געטאָ וועל איך שוין קיין מאָל נישט פאַרגעסן.

איך בין געווען צוזאַמען מיט מיינע עלטערן ביז דריי אַ זייגער ביי נאַכט. מיר האָבן געוויינט און געקושט זיך, פאָטאָגראַפירט די קינדער, געדריקט זיי צום האַרצן און געזעגנט זיך מיט זיי. דער טאַטע האָט אָפּגעזאָגט וידוי. די מאַמע האָט זיך איינגעוואַשן, אָנגעטאָן ריינע וועש, געגרייט זיך צום טויט, און מיר האָט זי געטריבן פון שטוב:

— גיי אַוועק פון אונדז! דו וועסט איבערלעבן, באַהאַלט זיך. זיץ נישט מיט אונדז! דו וועסט כאָטש ווען־נישט־איז נקמה נעמען און דער־ציילן וועגן אונדז.

איך האָב אין יענעם מאָמענט נישט געגלויבט דער מאַמעס ווערטער, ווי קאָן איך בלייבן לעבן, ווען מיר זענען אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן! איך בין אַוועק בלויז מיט דער כוונה, אַז די עלטערן זאָל זיין גרינגער אין זייערע לעצטע מינוטן, ווען זיי וועלן טראַכטן, אַז איך בין לעבן געבליבן.

אַט אַזוי בין איך אַוועק אויף אייביק פון מיינע ליבסטע און טייער־סטע. טויזנטער מאָל האָב איך פאַרשאָלטן די מינוט, וואָס איך בין פון זיי אַוועק. עס האָט זיך מיר נישט איין מאָל געוואָלט ליגן מיט זיי צוזאַמען, פאַרן טויט זיך אַרומנעמען מיט זיי...

מיט וועליען מאַלאַטשניק בין איך אָפּגעלעגן אין אַ קעלער אַכצן טעג נאָך דער שחיטה אין געטאָ. איך האָב אַלץ געטראַכט, געזוכט פּלענער ווי אַזוי זיך אַרויסצורייסן. מיין האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז אויב איך וועל אַרויס פון געטאָ, וועל איך זיך ווי עס איז אַן עצה געבן. איך האָב גערופן וועליען מיט זיך, נאָר זיין פרוי האָט נאָך דאַן געלעבט אין אַ באַהעלטעניש. אויך ביילע מאַלאַטשניק, גיטל, באַשעלע — זייער טאָכטער, און שלום דוכטשין מיט דער ווייב און קינד זענען געבליבן לעבן. זייער משפחה איז נאָך גאַנץ געווען און איך בין שוין געווען אַ יתום. איך האָב זיך מיט זיי געטראָפן ביי נאַכט און געוואָלט זיי איבעררעדן, זיי זאָלן זען אַן עצה, ווי אַזוי זיך אַרויסצובאַקומען. אָבער זיי האָבן זיך פאַרלאָזט אויף ניסים און געבליבן.

איך האָב גענומען אַליין זוכן אַן אויסוועג. אויף דער אַכצנטער

נאַכט, נאָך דער שחיטה, האָב איך אַרומגעבלאָנדזשעט אין דער פּינצ־טערער געטאָ; טירן, פענצטער — אַלץ צעבראָכן. פון אַלע הייזער איז געוואָרן איין גרויסע פוסטקייט. און מיר דוכט זיך: אָט אָט טרעף איך אַ טויטן קערפּער פון אַ קדוש. די האָר שטעלן זיך מיר קאַפּויר, עס האָט מיר געשווינדערט. נאָר איין געדאַנק האָט מיך געהאַלטן: לעבן, לעבן!... ווי באַקומט מען זיך פון דאַנען אַרויס?

אין דעם מאָמענט האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף אַ לעבעדיקן מענטש און בין גלייך צו אים צוגעגאַנגען, געטראַכט האָב איך, אַז אוודאי נאָך אַזאַ אומגליקלעכער, ווי איך, גייט אַרום און זוכט אַן אויסוועג פון דאַנען זיך אַרויסצובאַקומען. אָבער ווי פאַרוווּנדערט בין איך געוואָרן, ווען איך האָב פאַר זיך דערזען אַ הויכן גוי — דעם גרעסטן גנב פון סטאָלין (ער זיצט איצט אין טורמע) און ער גראַדע האָט מיך אַרויסגעפירט פון געטאָ.

וועליען, גיטלען, שלומען, האָט מען אין עטלעכע טעג נאָך מיין אַנטלויפן געפונען דערשאָסענע...

דאָך האָבן זיך פאַר מיר אָנגעהויבן, יענע „גאָלדענע טעג” — אַן איבעריקער מענטש, וואָס וואַלגערט זיך אַרום אויף דער וועלט. נאָר אַ דאַנק שלומען, אוודייען, כוועדאָרן, לעוואָנען, סאַלאָכים סאָסאָבאָוויטש, וואָס האָבן מיר אַרויסגעהאָלפן ביז איך בין געוואָרן זעלבסטשטענדיק, ביז איך בין אַריין אין פּאַרטיזאַנער אָטריאַד.

אויסצוגן פון מיכאלט נאָסנטשוקס אַ בריוו, געשריבן צו זיינע פריינד אין ישראל.

„היינט איז דער גליקלעכסטער טאָג פון מיין לעבן! וויפל טעג און נעכט האָב איך געטראַכט בלויז וועגן איין זאַך: צי וועט איר כאָטש וויסן פון דעם פּינצטערן גורל, וואָס האָט אונדז געטראָפן? אַנטלויפנדיק פון דעם פּינצטערן געטאָ, פון דער דייטשער מערדערישער האַנט, אַרומ־וואַלגערנדיק זיך אין אַלע וועלדער און זומפּן איינזאַם, עלנט, ערגער

פון אַ הונט האָט מיך באַהערשט נאָר איין געדאַנק: ווי אַזוי גיט מען צו וויסן מיין שוועסטער און ברודער? ווער כאָטש עמיצער וויסן נאָך מיין טויט, וואָס איך האָב דורכגעמאַכט? נישט איין מאָל האָב איך געוואָלט אַ סוף מאַכן פון מיין לעבן, נאָר דערמאָנענדיק זיך אין זיי האָב איך זיך געשטאַרקט. איך האָב אַלץ געהאָפט — אפשר, און האָב מיטן גרעסטן מוט אַלץ איבערגעטראָגן. מיין איינציקע שטרעבונג איז געווען צו נעמען נקמה. נישט גרינג איז עס מיר אָנגעקומען אָנגענומען צו ווערן אין פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד. שפּעטער בין איך אַריין אין דער רויטער אַרמיי. געווען בין איך: אין ליטע, לעטלאַנד, דערנאָך אויפן פראָנט הינטער וואַרשע און געענדיקט אין דעם פינצטערן בערלין. פאַר אונדזער אומשולדיק פאַרגאָסן בלוט האָב איך נקמה גענומען, נאָר די גרויסע ווונד קען איך נישט פאַרהיילן״.

די מאַמע

די ברוינע אַלטע געביידע מיט אירע הויכע אויסגעגלאָצטע פענצטער־אויגן, דערהויבט זיך איבער דעם אָרעמסטן קוואַרטאַל פון דער יידיש־פוילישער שטאָט לאָמזשע און זעט אויס, ווי אַן אַלטע גוטע באבענקע.

אָ, האַרציק גאָלדענע שטוב־באָבענקע! וויפל טיפע שפּאַרונעסקנייטשן האָבן אונדזערע שטום־שרייענדיקע יסורים איינגעקריצט אין דיינע אַלטע גלידער־ווענט? און וויפל הונגעריקע טעג האָבן איינגעקנייטשט דיין קלוגן, אויפגעהויבענעם שטערן? — — —

אין איינעם פון יענע טעג איז מיין ברודער יצחק־מאיר, שוין דאָס צווייטע מאָל, געקומען פון שפּיטאָל נאָך זיין הונגער־טיפוס. און כאָטש די מאַמע האָט זיך שוין אויך עטלעכע טעג נישט אויפגעהויבן פון בעט, האָבן מיר געמאַכט אַ יום־טוב.

מיר האָבן אים אָפּגעגעבן די גרעסטע פּאָרציע פון אונדזער מאָגערער אַרבעטס־זופּ, וואָס די ביליקע קיך פאַר היימלאָזע האָט אונדז פאַרטיילט טעגלעך, און נישט אַראָפּגענומען פון אים די אויגן. זיינע ליפּן האָבן געציטערט ביי יעדן לעפל עסן — ביי יעדן צוגאָב, וואָס ער האָט באַקומען, האָבן זיינע גרויס־געוואָרענע אויגן געפיבערט מיט אַ גלאַנץ פון גיריקן דייט. ער האָט זיך געפרייט, ווי אַ קליין קינד... מיר האָבן זיך דעם גאַנצן טאָג נאָך געדרייט אַרום אים און נאָכגיביק צוגעשמייכלט צו זיין מאָגערן, לענגלעכן און אויפגערעגטן פּנים, וואָס איז געווען פול מיט נערוועז־קראַנקע באַוועגונגען.

די מאַמע איז געלעגן מיט שטאַרקן קאָפּ־ווייטיק, אָבער נישט וועלנדיק עס אונדז ווייזן, פלעגט זי אַלע מאָל שטאַרק צומאַכן די

אויגן און איינקנייטשן דעם שטערן, זאָגנדיק דערביי: „נעם, מיין זון, עפּעס אין מויל אַריין!". מיר פלעגן זיך פאַרשעמען צוליב דער ליידיקער שפּייז־שאַפקע און מיט אַ תירוץ זיך אַרויסדרייען פון צימער.

ביי נאַכט, ווען מיר האָבן זיך אַלע געלייגט אויף די אייזערנע בעטלעך און דער ברודער האָט זיך אויסגעצויגן אויף דער שוואַרצער צעראַטענער קאַנאַפּע און מיט די גרויסע, אַרויפגעשפּאַרטע נערוועזע אויגן, וואָס זענען געהאָנגען איבער די שפּיציקע קין־באַקן פונעם לאַנג־לעך, איינגעפאַלענעם פּנים, אָנגעהויבן אַרומקוקן זיך אין אַלע ווינקעלעך פון אונדזערע געלעגערס, איז אונדז באַפאַלן אַ שרעק. מיר האָבן אויפגעהערט צו רעדן און אַנטשוויגן געוואָרן אין אַ שטאַרק ווייטיקדיקן אומעט.

אין די נעכט פלעגט די מאַמע שטאַרק קרעכצן. אין די טעג, דאַ־קעגן, פלעגט זי זיך צווינגען צו שפּאַסן מיט אונדז, אויפן היימישן שטייגער...

דער שפּיטאָל־פעלדשער, בערמאַן, קומט צו דער מאַמען אַלע טאָג און כאָטש מיר האָבן אים שוין נישט באַצאָלט פאַר עטלעכע מאָל, קומט ער נאָך אַלץ, דער גוטער אַלטיטשקער, ער שפּאַסט אַ ביסל מיט דער מאַמען און אַוועקגייענדיק באַרואיקט ער אונדז מיט זיין ברייטן אָפנהאַרציקן שמייכל: „זייט רואיק קינדערלעך, די מאַמע וועט געזונט ווערן!".

אַלע מאָל קומען צו דער מאַמען אַריין אַנדערע ווייבער. מבקר חולה זיין. צווישן זיי, אויך די אָלייאַרקע, אַ יידענע, מיט אַ ברייטן ריינעם פאַרטוך, ווי אַ שטוב־ווירטין און מיט אַ ווייך פּנים פון אַ גבאיטע קוקט זי נאָך אין שטוב, און יעדעס מאָל ביים אַוועקגיין הייסט זי אונדז קומען צו איר, וועט זי אונדז לייען נאָך אַ פּאָר זלאָטעס.

זייער אָפט קומט אַריין אונדזער שכנטע פּעשע. זי איז אַ בידעריקע, קיילעכדיקע, שוואַרצע יידענע מיט שוואַרצע אויסזאָגנדיקע אויגעלעך און אַ פּנים, וואָס איז אויפגעלאָפן רויט און קיילעכדיק, ווי אַ פּאַר־ברענטער עפּל. נאָר ווייל זי רעדט שטענדיק מיט אַ צו הויכער מענער־

שטים, האָבן מיר איר אַ נאָמען געגעבן „האַלאָס". מיר האָבן זי אָבער ליב פאַר איר ערלעכער גוטסקייט, פאַר אירע פּראָסטע אָפּנהאַרציקע אמתן, וואָס שפּרודלען מיט המונישער פּרימיטיווער האַרציקייט און היימישקייט. ווען זי פלעגט נאָר אַרויפלויפן מיט איר גרויסן קויש געבעקס, וואָס זי פלעגט טראָגן פאַרקויפן, און אַ פרעג טאָן מיט איר גראָבער, באַסאָווער שטימע: נו, וואָס הערט זיך דאָ? — פלעגט אונדז ווערן אַזוי היימיש, אַז מיר פלעגן אין איר דערפילן אַ מין קרובהשאַפט.

נאָך מער פון אַלע פלעגט אונדז געפעלן די פרוי בזשאָזע, די ווירטין פון אונדזער דירה. אַ הויכע, באַשיידענע, רואיקע פרוי מיט פיינע אַריסטאָקראַטישע געזיכט־שטריכן, וואָס האָבן סימבאַליזירט איר אור־אַלטן משפּחה־אדל, פלעגט זי אַזוי זאָרגפעליק און באַזאָרגט אַריינקומען צו אונדז, זיך זעצן נעבן דער מאַמען און מיט אַ שטילן בנעימות־דיקן שמייכל אין אירע מילדע אויגן אָנהויבן רעדן וועגן אירע קינדער, וועגן איר משפּחה, איר יונג־פאַרבליבענע אַלמנהשאַפט א. אַז. וו. מיט אונדז, קינדער, האָט זי אָבער ליב געהאַט צו רעדן וועגן געשיכטע, וואָס זי פלעגט טאָג־איין טאָג־אויס לייענען. ווייזט אויס. דער פאַרבליבענער סענטימענט פון אירע שול־יאָרן. ווען זי פלעגט זיך צעשמועסן וועגן דער אַלט־דייטשער ליטעראַטור, פלעגט פון די אַלטע געזיכט־שטריכן, אויך פון די קנייטשן, אַרויסשיינען אַזוי פיל אינטעליגענץ, אַז די טונקל־גרויע רואיקע אויגן פלעגן זיך צעשטראַלן מיט אַ צאַרטן יוגנט־גלאַנץ פון שטילער דערהויבונג.

די לעצטע נעכט ביי דער מאַמען זענען זייער פיבערדיק. זי איז באַוווּסטלאָז, דערקענט אונדז קוים. אירע שטימונגען זענען נערוועזע. אָט צעהעלן זיך אירע אויגן, אָט ווערן זיי אויסגעלאָשן, זי רעדט און לאַכט ווי אַ קינד און פלוצלינג גיט זי זיך אַ כאַפּ־אויף מיט שרעק: „גיט מיר אָפּ מיינע קינדער!" — — —

מיר זענען שטאַרק פאַרזאָרגט און וואַרטן אויף די קומענדיקע פרימאָרגנס, ווען דער גוטער אַלטיטשקער בערמאַן וועט קומען אונדז זאָגן אַ פאַר גוטע ווערטער וועגן געזונט־צושטאַנד פון דער מאַמען.

דעם לעצטן דאַנערשטיק איז בערמאַן אַוועק פון דער מאַמען און אונדז גאַרנישט געזאָגט. ער האָט זיך בלויז געשטעלט אין מיטן שטוב, אַ קוק געטאָן אויף מיין ברודער, דעם געלן אויסגעדאַרטן מחור, וואָס ליגט אַ שווייגנדיקער אויף דער קאַנאַפּע, באַטראַכט די פיר נאַקעטע קאַלך־ווענט און — אַוועק.

אין אַ שעה אַרום איז אַריינגעקומען אַן אַלטער, גרויער פּאָליאַק מיט אַ קלוגן שטערן און שטרענג־פאַרשנדיקע אויגן.

— דאָ ליגט אַ קראַנקע פרוי? — האָט ער געפרעגט.

מיר האָבן אַנגעוויזן אויף דער מאַמען. ער האָט זי אַנגענומען ביי דער האַנט. פּעסימיסטיש אַריינגעקוקט אין אירע אַנעמישע אויגן־ראַמען, געלאָזט אַ רעצעפּט און איז אַוועק.

מיר האָבן אים דאַנקבאַרע און פאַרשולדיקטע באַגלייט ביז די טרעפּ, זיך איבערגעקוקט און עס האָט זיך אַנגעהויבן די פּיינלעכע שעה פון גאַליקן שווייגן. וואָס מער מיר האָבן זיך אָפּגערוקט, איינער פון אַנדערן, אַלץ עמפּינדלעכער זענען מיר געוואָרן צו לייענען יענעמס געדאַנקען.

נעכטן פאַרנאַכט האָבן מיר זיך אַלע צעטיילט מיטן לעצטן שטיקל ברויט און זיך שווייגנדיק צעגאַנגען יעדערער אין זיין ווינקל. אַ שווערע טונקלקייט פון די פעלדער האָט זיך אַריינגעביסן אין אונדזערע שויבן. דער שטענדיק זינגענדיקער טייך נאַרעוו, וואָס האָט אונדז אַזוי פיל פריידן געשענקט, האָט זיך אויך כמורנע אויסגעצויגן אַרום אונדזער שטוב, ווי אַ צעקודלטער בייזער טורמע־וועכטער און איינגעשלאָסן אונדז אין די פינצטערע קעמערלעך פון אונדזער צער...

דער טאַטע האָט אַרומגעשפּייזט מיט נערוועזע, אומרואיקע טריט פון וואַנט צו וואַנט — וואַרפנדיק אַלע ווײַלע אַ בליק צו דער מאַמעס בעט און האָט מרה־שחורהדיק געזיפצט. זיין שוואַרצער קאַפּטן, וואָס איז געווען אַזוי געפּאַסט, הענגט איצט, ווי אויף אַ שטעקן. די גרויסע, אומעטיקע אויגן זיינע זענען פייכט און צעטראָגן. דאָס פּנים שטאַרק

אָפּגעצערט און איינגעפאַלן און אין דער שוואַרצער באָרד זיינער, ווייזן זיך שוין גרויע האָר.

נאָר מוראדיקער פאַר אַלץ איז געווען צו קוקן אויפן ברודער, וואָס איז געלעגן אויסגעצויגן אויף דער קאַנאַפּע, מיטן פּראָפיל צו דער מאַמען און מיט לויערנדיקע אויגן זיך איינגעגעסן אין איר, אויפגעכאַפּט איר יעדעס וואָרט, וואָס זי האָט גערעדט פון היץ; זי האָט זיך איצטער צעזונגען אַזוי שטיל, אַזוי זיס־האַרציק און פרום, ווי צו אַ תּפילה, און די גאַנצע שטוב איז אָנגעפילט געוואָרן מיט גרויליקן פּחד. מיט אַ מאָל האָט זי זיך אַזוי הילכיק צעלאַכט, אַז מיר האָבן אַלע אויפגע־שווידערט. דער טאַטע איז צוגעגאַנגען צום בעט, און מיט גרויס מי האָבן מיר איר אַרייַנגעגאָסן אין די פאַרברענטע ליפּן די רפואה, פון וואָס איר פּנים האָט זיך שטאַרק אָנגעצונדן. זי האָט דעם פענכער אייז אַראָפּגעוואָרפן פון קאָפּ, און פאָכענדיק מיט די הענט נערוועז גע־שריען:

— נאָט אייך. אויף גיך! טראָגט אַוועק צום באַן, דאָס איז פאַר מיין זון אַ פּעקל עסנוואַרג, ער איז ערגעץ אין מלחמה אַ הונגעריקער! —

און אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם צודעק און געבליבן ליגן אַ נאַקעטע.

מיר האָבן זיך דערשראָקן און זיך פאַרשעמט פאַר דער מאַמעס נאַקעטקייט. אָבער שווער איז אונדז אָנגעקומען דער קאַמף צו ווערלן זי צודעקן צוריק — — —

דערנאָך איז די מאַמע ווידער רואיק. דער טאַטע שטייט אין אַ ווינקל און שאָקלט זיך איבער אַ ספר, ווי אַ פינצטערער שאָטן. מיר וואַלגערן זיך אין די זאַכן און שווייגן, ווי שווערע אָנגעשאָטענע זעק. פּלוצלינג איז די מאַמע אַראָפּגעלאָפן אין העמד פון בעט מיט אַ געוואַלד:

— איך פאָר צו מיין זון! מיין זון איז אין דער מלחמה קראַנק געוואָרן! לאָזט מיך, לאָזט מיך — איך באַן אַריין, ס'איז שפּעט! — — —

ווען זי איז צוריק אַריין אין בעט, איז זי געפאַלן פאַרחלשט. די אויגן צוגעשלאָסן, דאָס גאַנצע פּנים פינצטער און איינגעפאַלן. די צוויי טיפע אויגן־גריבער — טונקעלע אָפּגרונטן זענען בלוי געוואָרן

און די ליפּן האָבן זיך פאַרפּרעסט. נאָר די פּיס האָבן זיך באַוועגט. ווען מיר האָבן אַריינגעגאָסן אַ פּאָר לעפעלעך טיי אין איר מויל האָט זי ווידער אויפגעלעבט, די פאַרבן האָבן זיך ווידער באַוויזן אויף איר פּנים; זי האָט זיך אַליין צוגעשפּיליעט דאָס נאַכט־העמד שטייף צום האַלדז, דעם מאַיעסטעטיש־בלאָנדן קאָפּ — אויסגעגלייכט, די טיפע בלויע אויגן האָבן זיך צעצונדן, ווי צוויי העלע שבת־ליכט און די געדיכט צעשאָטענע אויגן־קנייטשעלעך, דורך וועלכע עס פלעגט אַרויסשטראַלן איר קוואַלנדיקע גוטסקייט האָבן זיך באַדעקט מיט אַ טיפער פרויען־צניעות. די ראָזלעך צאַרטע ליפּן האָבן געשעפּטשעט אַ תפילה.

מיר זענען געשטאַנען שטום און געוואַרט. צום ערשטן מאָל זיך איבערגעקוקט, ווען זי האָט געענדיקט, ווייזט אויס, איר תפילה, און איבער איר פּנים האָט זיך צעגאָסן אַ ליכטיקער שמייכל פון אומענדלעך רחבותדיקער שלוה — די אויגן האָבן אויסגעדריקט אַזוי פיל טיפן גליק, ווי אַן אויפגייענדיקער פרילינג־טייך, ווי טויזנטער פריידן וואָלטן זיך אין זיי צעשפּילט, ווי אַ העלע טויב אין איר נעסט... אַזוי איז די מאַמע שטיל געבליבן אין איר בעט...

אין דער פרי איז אויפגעשטאַנען די זון פון איבער יענער זייט מזרח־ברעג. דורכשווימענדיק דעם נאַרעוו איז זי אַריין צו אונדז אין שטוב, ווי אַ גוטע, ליכטיק־זילבערנע, באַרעמהאַרציקע שוועסטער און מיט איר וואַרעמען אָטעם זיך איבערגעבויגן איבער דער מאַמעס בעט. די מאַמע האָט עס דערפילט און זיך טיף צעקרעכצט. פון אירע אויגן האָבן זיך צעפלאָסן הייסע טרערן. מיט ווייטיק האָבן מיר געקוקט אויף דער מאַמעס פאַרטריקנטע ליפּן, אָבער עס איז נישט געווען מיט וואָס זיי צו באַנעצן. מיר האָבן געציילט די שעהן און געוואַרט...

פלוצלינג האָבן מיר דערזען דעם אַלטן בערמאַן. מיר זענען אים באַפאַלן מיט אַ געבעט:

— פאַניע בערמאַן, ראַטעוועט אונדזער מאַמען!

ער האָט זיך סאָפּענדיק צוגעזעצט נעבן דער מאַמעס בעט. באַטראַכט דעם פולס און זיין מויל האַלב צעעפנט. די אונטערשטע ליפּ איז אַראָפּ־

געפאַלן נידעריק און די לענגלעך גרויע, וואַסערדיקע אויגן האָבן ווי געפרעגט.

דער מאַמעס וואַקסענע הענט האָבן זיך אַרויסגעגליטשט פון בערמאַנס האַנט און זענען געפאַלן, ווי אַ שטיק בליי. בערמאַנס פאַרכמורעט פנים איז צוזאַמען מיטן האַרטן קאַפּעליוש, אַראָפּגעזונקען אויף זיין ברוסט. דאָס האַלב־פאַרשלאָסן מויל מיט דער גראָב אַראָפּהענגענדיקער ליפּ האָט עפּעס געשטאַמלט צו זיך, אין דער ווייסער באָרד אַריין. מיט אַ מאָל האָט ער זיך פלינק אַ כאַפּ געטאָן, גענומען זיין שטעקן און איינהויקערנדיק דעם קאָפּ אין זיין הויכער פּלייצע, גיך זיך אָפּגעטראָגן...

פאַמעלעך האָט זיך די זון אַנגעהויבן אַראָפּגליטשן פון די עלנטע ווענט און צעקושנדיק זיך מיט דער מאַמעס איינגעפאַלענעם פּנים האָט זי זיך אַוועקגעגליטשט איבערן שטיל באַגילדעטן נאַרעוו־טייך...

עס האָט זיך אָנגערוקט אַ שוואַרצע נאַכט, ווי אַ סטאַדע דערשראָקענע שאָף האָבן מיר זיך צוגעטוליעט איינער צום אַנדערן און מיט פינצטערע פּנימער געפאַלן אויף דער מאַמעס בעט:

— מאַמע! מאַמע! — — — —

די „ריבאַקעס"

האַדעוועץ ציגן איז געווען זייער פאַרשפּרייט צווישן די איינוווינער פון די „ריבאַקעס". די ציג איז אַ בהימה, וואָס אויך נישט קיין פאַר־מעגלעכע קענען זי האַדעווען. ערשטנס, קאָסט זי נישט קיין סך. צווייטנס, נערט זי זיך אין גרעסטן טייל פון טיש־אָפּפאַל, וואָס די בני־בית לאָזן איבער — כאַפּט זי קאַרטאָפל־שאָלעכץ און אַלץ, וואָס קומט איר אין וועג; דריטנס, די מילך איז זייער נאַרהאַפט און נוצלעך פאַרן אייגענעם געברויך און ווען מען פאַרקויפט דאָס מילך קען מען אויך קריגן אַ גוטן פּרייז. דעריבער האָבן אויף די „ריבאַקעס" זייער פיל איינוווינער געהאַדעוועט די עכט יידישע בהימלע — די ציג.

ביים נאַרעוו זומער־צייט — אין א פרייטיק, פלעגט זיין פול מיט מענטשן. פרויען פלעגן וואַשן וועש און שייערן כלים; די קינדער פלעגן צוהעלפן און אין איין וועגס זיך באָדן אין טייך.

דער פרייטיק אויף די „ריבאַקעס" פלעגט זיין זייער קאָנטיק. די בעלי־מלאכות פלעגן שנעל פאַרענדיקן די אַרבעט, כדי צו באַקומען זייערע שווער־פאַרהאַרעוועטע פאַר גילדן. זיי פלעגן זיך איילן, כדי צו כאַפּן אַ מציאה ביי די דאָרפישע גויאים, וואָס פלעגן דאָרט פאַרבייגיין; אַ פּאָר אייער, אַ שטיקל פּוטער און אַנדערע קלייניקייטן. די פרויען פלעגן איינקויפן שפּעטער, נאָכן האַלבן טאָג, ווען זיי פלעגן באַקומען זייער לוין פון די רייכערע באַלעבאָסטעס — דאָרט אויבן אין שטאָט — פאַר העלפן אין דער ווירטשאַפט. דערפאַר פלעגן זיי פיל פּראָדוקטן קויפן בחצי חינם.

שפּעטער פלעגן פרויען גרייטן דעם טשאָלנט, וואָס איז באַשטאַנען אָפט פון צוויי ערדענע טעפּלעך, איינער מיט קאַרטאָפל, אָדער קאַשע

מיט בעבלעך און שטיקלעך רויע, רינדערנע פלייש אָדער שמאַלץ; דער צווייטער טאָפּ איז געווען אָנגעפּילט מיט וואַסער און פלייש פאַר אַ יויך. אַנדערע פלעגן אָנפילן אַ דריטן טאָפּ מיט אַ קוגל. די טעפּלעך פלעגט מען גוט פאַרדעקן מיט שטיקלעך לייוונט, אויף זיי אַ שיכט ליים מיט שטיקלעך שאָלעכץ פון קאַרטאָפל. די טעפּלעך פלעגן געבראַכט ווערן אין די בעקערייען, ווו מען פלעגט זיי פאַררוקן אין אויוון.

פאַרטיק מיטן טשאָלנט. פלעגן די פרויען זיך נעמען אויפראַמען די שטוב. די קינדער פלעגן זיי אַרויסשיקן זיי זאָלן נישט שטערן, דערנאָך אויסקערן די שטוב און אָנשיטן אויפן דיל געלן זאַמד. אַ מאָל פלעגן זיי אויך וואַשן דעם דיל אויף יום־טוב; לייגן אַ ווייסן טישטוך אויפן טיש, שטעלן די לייכטער און לייגן די חלות, גרייט אויפצונעמען די שבת־מלכה. פאַרשטייט זיך, אַז פאַרן אויפראַמען, פלעגן זיי צוגרייטן דאָס פרייטיק־צו־נאַכטס עסן, אויפן טראַדיציאָנעלן שטייגער. די קינדער אין דרויסן פלעגן זיגגען און טומלען גרופּעסווייז. אָפט מאָל פלעגט זיך באַווייזן נחומקע פּיעטרושקע און פירן די קינדער־קאַפּעליע, ביז דער טאַטע האָט גערופן צו גיין דאַוונען אין בית המדרש אַריין.

חיה־הינדע בזשאָזע

זי איז נאָך געווען זייער יונג, ווען זי איז געוואָרן אַן אלמנה נאָך איר עלטערן מאַן, וואָס האָט איר געלאָזן פינף יתומים און דריי הייזער. זי האָט געשטאַמט פון סוואַלק, ווו זי איז געווען באַקאַנט פון איר פאָטערס הויז, ווי אַן אינטעליגענטע און אַ שיינהייט.

אַן עלטערער אלמן פון לאָמזשע, אַ צושטעלער פאַר מיליטער, האָט זי דערזען און געוואָלט זי האָבן פאַר אַ ווייב. געשיקט האָט ער שדכנים צו איר פאָטער, וואָס איז דאַן געווען פינאַנסיעל געדריקט און איז באַשטאַנען דערויף. חיה־הינדע האָט לכתחילה נישט געוואָלט חתונה האָבן מיט אַן אַלטן אלמן, דערצו נאָך אַ מטופל מיט פינף קינדער.

האָט איר עלטערער ברודער איר געגעבן פאַר דער חופּה אַ פּאַטש און מען האָט זי געצווונגען חתונה צו האָבן... האָט זי געהאַט פינף קינדער פון איר מאַן. נאָך דעם איז איר מאַן געשטאָרבן און זי האָט געפירט זיינע עסקים מיט גרויס דערפאָלג. זי איז געווען באַליבט און רעספּעקטירט ביי יעדן. עס איז אויף יידן דאַן געווען עפּעס אַ גזירה. (אַזוי האָבן דערציילט אַלטע לייט) — האָט חיה־הינדע אַליין אָנגעשריבן אַ ביטע אויף רוסיש און האָט עס פּערזענלעך דערלאַנגט דעם גענעראַל קוראָפּאַטקין, גערעדט מיט אים אַ האַלבע שעה און געפּועלט ביי אים, מען זאָל די גזירה אָפּרופן.

אין דער ערשטער וועלט־מלחמה זענען אַלע אירע הייזער געווען באַוווינט מיט פּליטים. זעלטן ווער עס האָט איר געצאָלט דירה־געלט. צו אירע זיבעציק יאָר, זענען אירע האָר נאָך אַלץ שוואַרץ געווען. אָבער זי איז געווען איינזאַם. געזעסן טאָג און נאַכט און געלייענט ביכער און זיך קיין מאָל פאַר קיינעם נישט באַקלאָגט.

„שמייינקעליכע" די וועשערין

געהייסן האָט זי סיי הינדע און סיי „שמיינקעליכע".

איר צונאָמען האָט זי באַקומען פאַר דער טבע שיין און ריין צו מאַכן. (דאָס פאָלק פלעגט חוזקנדיק פאַרדרייען: „שיין, אויף שמיין").

„שמיינקעליכע" האָט געוווינט אין אַ קעלער־שטוב. זי האָט געהאַט אַ זון אַ סטאָליאַר און צוויי טעכטער. איינע פון זיי מיט אַ הויכער פּלייצע.

דאָס פּנים פון הינדען איז געווען ענערגיש און פאַרביטערט. איר מאַן, „שמיינער", פלעגט אַרומגיין אין די פּראָוויַנצער שטעטלעך — „איבער די הייזער" און זי איז געווען אַ וועשערין. זי איז געווען זייער אַ גרויסע בריה, געהאַט אַ ריינע נשמה און ריין געהאַלטן, צו שטויבן, איר אָרעמע נעסט — מיט פאָרהאַנגלעך אויף די פענצטער און אַלערליי קאָלירטע, געשניטענע, בלומיקע פּאַפּירלעך. הונגעריק איז מען געווען, אָבער אַלץ איז געווען ציכטיק, אַלץ האָט געבלאַנקט. הינדע פלעגט

זאָגן: „אין מאָגן קוקט קיינער נישט אַריין, אָבער די שטוב — זעען דאָך אַלע!". אַזוי האָט זי געשלעפּט דעם יאָך ביז איין מאָל האָט מען זי געפונען ליגנדיק ביי דער באַליע וועש...

דער וואַסער־טרעגער

אַלע האָבן אים גערופן מיטן צונאָמען „גראַנסקי" און זיין ווייב „גראַנשטשיכע". זיין אמתער נאָמען איז נישט געווען באַקאַנט. דאָס גאַנצע לעבן איז ער געווען אַ וואַסער־טרעגער, און געהאַט אַ שווער לעבן. מיט זיין געלער באָרד און פּיאות און מיט זיין גוטמוטיקן פּנים און אומעטיקע אויגן, האָט ער אויסגעזען, ווי ער וואָלט געזאָגט: „זייט מיר מוחל, צו דעם בין איך באַשאַפן געוואָרן!". אין אָונט, ווען ער פלעגט אַהיימקומען, וואָלט ער אפשר געווען בעסער אויפגעלייגט, אָבער עס באַגעגנט אים זיין ווייב „גראַנשטשיכע", מיט אַ צעקנייטשטן, געלן, שטענדיק פאַרדאגהטן פּנים, פאַרביטערט און מיט געשרייען און זלזולים. זי שטילט זיך באַלד איין און פאַרענטפערט זיך:

— זינט מיין אָפּעראַציע אין קעניגסבערג בין איך אַרויס פון די כלים!

אַ טאָכטער האָט זי געהאַט אַ שיינע, אַ צנועה, וואָס פלעגט זיך שטענדיק טוליען צו דער מאַמען. זי פלעגט מאַכן מיט אַ טיכל אויפן קאָפּ אַ המוציא אויפן קול און פלעגט אָפּט זיך שווערן:

— גאָט זאָל מיר אַזוי צושיקן דעם גוטן אמתן זיווג!

מאַרקוס די „אַלייערקע"

אַלע האָבן זי גוט געקענט די אַליי־מאַכערקע ביים ברעג טייך. זי איז געווען פון מיטעלן וווקס און געהאַט שיינע אויגן מיט יידישן חן. אַ לאָמזשער געבוירענער איז איר מאַן געווען אַ שטילער, באַר־שיידענער מענטש, וואָס האָט געפּרעסט אַליי (אייל). איר איינציקער זון

האָט געלערנט אין אַ ישיבה און אירע טעכטער האָט זי חתונה געמאַכט מיט בני תורה, איינע פון זיי, רייזל, האָט עמיגרירט קיין פּאַריז.

די „אַלייערקע" האָט זיך נישט באַגנוגנט מיט אירע מעשים טובים פאַר אירע אייגענע. זי האָט געזאָרגט פאַר די אָרעמע און פאַר יענע, וואָס שעמען זיך בעטן. האָט זי זיי געהאָלפן מיט געלט און שפּייז. צום מיינסטן פלעגט זי זאָרגן פאַר די פּליטים פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. פאַר זיי האָט מאַרקוס געטראָגן דעם גאַנצן יאָר. זי האָט זיי באַזאָרגט מיט אַ דירה און אַרבעט — ביז זיי פלעגן קענען שטיין אויף אייגענע פיס.

עליע דער בלינדער

ער איז געווען אַן אייניקל פון חיה־הינדע בושאַזע. זיין צווייטער נאָמען איז געווען פּרענסקי. נאָך חיה־הינדעס טויט איז ער געקומען מיט די עלטערן, שוועסטער און ברודער פון טשעכאַנאָווצי איבערצו־נעמען די ירושה פון זיין באָבען. זיי האָבן זיך באַזעצט אין איינעם פון די הייזער, אויף די „ריבאַקעס".

אויסער זיין בלינדקייט איז פּרענסקי געווען אַ נאָרמאַלער מענטש. ער איז נאָך דערצו געבענטשט געווען מיט אַן אָפּטימיסטישן גייסט. אַ יאָר איז ער אַלט געווען, ווען ער איז בלינד געוואָרן אויף איין אויג. פון די עטלעכע קינדער־יאָרן איז ביי אים געבליבן אין זכרון דער אונטערשייד פון נאַכט און טאָג און פון פאַרבן. ווי ביי מייסטנס בלינדע, זענען אויך ביי אים געווען זייער שאַרף אַנטוויקלט די חושים פון הערן און שפּירן. ער פלעגט קומען צווישן יונגוואַרג און זיך באַטייליקן אין דיסקוסיעס וועגן פאַרשיידענע קולטורעלע פּראָבלעמען. די גרונט־ידיעות זיינע זענען געווען די, וועלכע ער האָט באַוויזן, אין יענע עטלעכע יאָר בעת ער האָט נאָך געזען, צו באַקומען. שפּעטער איז ער שוין געזעסן בלינדערהייט און זיך צוגעהערט צו די סטודענטן, וואָס פלעגן מאַכן זייערע שול־אויפגאַבן און אויך איינחזרן די פאַרגעבענע

שול־לעקציעס. ער איז געווען זייער אַ באַגאַבטער און געהאַט אַ שאַרפן מוח.

מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער, אינעם עלטער פון אַ פינף־זעקס און צוואַנציק יאָר, איז ער אַרומגעפאָרן איבער די פּראָווינץ שטעטלעך — לאָמזשער קרייז, און געהאַלטן רעפעראַטן וועגן ליטעראַרישע און קול־טורעלע פּראָבלעמען.

מיט דער הילף פון זיינע גוטע פריינד איז פרענסקי אַוועק קיין וואַרשע זיך געלערנט אַ פאַך: מאַסאַזש. שפּעטער האָט ער געאַרבעט אַלס מאַסאַזשיסט אין שפּיטאָל אויף טשיסטע אין וואַרשע.

אַ דאַנק זיינע פעאיקייטן — איז ער לויט די רעקאָמענדאַציעס פון דאָקטוירים געוואָרן אַ ספּעציאַליסט אין דעם פאַך. ער האָט געאַרבעט אין אַ קוראָרט אין איוואָניטש. שפּעטער האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ סימפּאַטישע, אינטעליגענטע פרוי אין לאָדזש און געאַרבעט אין אַ שפּיטאָל.

ניסקע דער שמיד

גאַנצע טעג איז ער געשטאַנען אין קוזניע, באַוועגט דעם בלאָז־זאַק און געהאַמערט אויף זיין אַמבאָס, געבויגן און געוואַרעמט דאָס רויט־צעגליטע שטיק אייזן, אָדער ער האָט געקאָוועט די פיס פון אַ פערד און רעדער פון וועגענער.

זיין פרוי, ריוועשע איז געווען אַ שיינע, איידעלע און גוטהאַרציקע מכנסת־אורחים. איר טיש איז געווען שטענדיק געגרייט פאַר אורחים און אָרעמעלייט. זי האָט פאַר זיי געהאַט מילך פון דער אייגענער קו. אין איר זכות איז איר מאַן, ניסקע, געווען אַ געהויבענער בעל הבית. דער גבאי און שמש פלעגן זיך מיט אים מישב זיין וועגן חברה־ענינים. ער פלעגט געבן אַנשטענדיקע סומעס פאַר צרכי ציבור.

ניסקע האָט אַ מאָל באַוויזן זיין גוטהאַרציקייט און זיין מוט. ער האָט אויסגעלייזט אַ גניבה, וואָס גנבים האָבן געגנבעט ביי אַן אָרעמער

משפּחה און אָפּגעגעבן די געליטענע, נישט נעמענדיק ביי זיי קיין איין גראָשן.

לאַמשע צו דער וועלט

די באַן־רעלסן, וואָס האָבן זיך געצויגן צו דער ווייטער, פרעמדער וועלט, זענען ווייטער נישט געגאַנגען, גלייך זיי וואָלטן זיך געגעבן אַ נדר — שטיין בלייבן! איז טאַקע דער באַן־פּאַרקער שטיין געבליבן, ווי אַ דירעקטער וועלט־שטאָפּעט, געבראַכט ידיעות, אויפגענומען שטאָטישע פּאַסאַזשירן און ווי אַ געטרייער שליח זיך צוריקגעקערט צו דער וועלט.

דאַקעגן האָבן זיך פריילעך אַראָפּגעגליטשט פון שטאָטישן באַרג, צווישן גראָזן און בלומען, אין קײטלדיקן זיגזאַג ווייס־זאַמדיקע, שמאָלע וועגן און סטעזשקעס, פריילעך האָבן זיי אַוועקגעאײַלט ווי געדרייטע שלאַנגען דורך דער שפּע פון אָפן־צעגרינטע לאָנקעס און צעבליטע תּבֿואה־פעלדער און לאַנגע וועגן, ציענדיק זיך צום ברייטן שליאַך, וואָס פאַראייניקט אַלע קלענערע און גרעסערע ישובים פון דער אַרומרינג־לענדיקער סביבה. די אַלע שטעגן און וועגן האָבן זיך אויסגעפּאַרעמט אין אַ ברייטער האַנט, אַ דלאָניע, וואָס דערלאַנגט שלום דער שטאָט — לאַמזשע.

משפחה סאַבאָטקאַ

צווישן די זכרונות פון מיין יוגנט, שוועבט פאַר מיינע אויגן דאָס בילד פון אַ פילפאַרביקער פאַנאָראַמע, מיט דער טיפער בענקשאַפט נאָך דער ליכטיקער נעסט פון דער משפחה סאַבאָטקאָ, וואָס האָט מיט וואַרעמקייט אויסגעוויגט אין איר שויס די דערציאונג פון דער יוגנט און געעפנט ברייט איר היים פאַר דער אַרבעטנדיקער אינטעליגענץ פון דער שטאָט לאָמזשע.

צוזאַמען מיט דעם אַנטפּלעקט זיך פאַר מיר אַ שטיק שפּרודלדיק לעבן פון יידישע קינדער, וואָס רינגלען כסדר אַרום די היים סאַבאָטקאָ — די יידיש־פוילישע פאָלקס־שול.

אַ גראַנדיעזע, דריי־שטאָקיקע אַלטע געביידע הויבט זיך אויף, איבערן ריזיקן שענקעוויטש־פּלאַץ, און קוקט אַרויס צו דער דוואָרנע־גאַס, ווי מיט אויגן פון אַ שטאַרקער זקנהשער פאַרטראַכטקייט און פאַרוווּנדערונג צו די יידישע קינדערלעך, וואָס ציען זיך אַהער אין דער באַגלייטונג פון זייערע מוטערס, אָדער לויפן אַליין מיט רענצעלעך אויף די פּלייצעלעך, איבער די שטאָטישן גאַסן און געסלעך; קינדערלעך לאַכנדיקע, ברוינזנדיקע, שטיפעריש־הילכנדיקע מיט די ראָזע פּנימלעך און רויטע ליפּעלעך, מיט די צעפינקלטע, ברענעגדיקע יידישע אויגעלעך, יאָגן זיך אין געלאַף אַהער צו דער יידישער פאָלקס־שול און פילן אָן דעם אַרום מיטן אָטעם פון יידישן לעבן, ווּקס און בליענדיקן אויפקום.

איבער דער צעזונגענער קינדער־וועלט אויפן צווייטן שטאָק, געפינט זיך דער קאָרידאָר, וואָס פירט צו די פיר צימערן פון דער משפחה סאַבאָטקאָ — אַ טאַטע־מאַמע, איין טאָכטער און דריי זין, איינער גראָטענער פון אַנדערן.

דער טאַטע, אַ מיטל־וווּקסיקער, אַ טונקעלער, מיט אַ קליין געזיכט

און שאַרפע, אויסדריקלעכע געזיכטס־שטריכן, דינע ליפּן מיט לענגלעך־טונקעלע, טיף־אַריינגעזעצטע אויגן, וואָס האָבן דורכגענומען מיט אַ דורכדרינגלעכן בליק, שאַרפער חכמה און טיפער פאַרטראַכטקייט. געמאַכט האָט ער דעם איינדרוק פון אַ טיפזיניקן משכיל. לויט זיין איבערצייגונג איז ער געווען אַ ציוניסט; לויט דער פּראָפעסיע — אַ העברעאישער לערער.

די מוטער דבורה (דבורקע) — אַ געמישטער טיפּ פון אַלע שיינקייטן: אַ מעסיק־וווקסיקע, אַ גלייכע, שטיל־רעדנדיקע מיט אַן איידעלן סובטעל־שמייכלענדיקן פּנים און טונקעלע מאַמיש־שמייכלענדיקע אויגן, וועלכע האָבן שטענדיק אויסגעדריקט האַרציקייט און מוטערשאַפט. אין איר שטילער גוטסקייט איז געווען נאָך עפּעס — דער נאַטירלעכער אינעווייניקסטער שטאָלץ פון אַ פרוי, וואָס ווייס, אַז זי איז קלוג, אָבער פאַרשטייט, אַז זי דאַרף זיך האַלטן באַשיידן און דערביי זיין צניעותדיק אין אַלע אירע מאַניערן און גענג.

דער עלטסטער זון הענאָך; העכער פון מיטעלן וווקס, אַ קרעפטיקער ברייט־פּלייציקער, פעאיקער, אימפּולסיווער, יידישער בחור; אַ ברוין־הויטיקער מיט גרויסע קיילעכדיק, קלוגע — אַפילו ממזריש־קלוגע אויגן און טונקל־געלאָקטן קאָפּ. אין זיין הייזעריקער שטים איז געלעגן עפּעס ענלעכעס פון דער מוטערס ווייכקייט. באַלאַנגט האָט ער צו דער בונדישער אָרגאַניזאַציע און איז געווען איר הויפּט־אַנפירער אין שטאָט.

כאָטש דאָס הויז פון סאָבאָטקאַ האָט פאַרמאָגט אַ געמיש פון אידייען: דער פאָטער — אַ ציוניסט, דער זון — אַ בונדיסט, דאָך איז די משפחה־ליבשאַפט נישט איבערגעריסן געוואָרן. אין גאַס, אויף יענער זייט הויז, אין עפנטלעכע פלעצער ביי שטאָטישן מיטינגען, אין צייטן פון פאַרשידענע וואַלן, האָבן זיך פאָטער און זון פאַרשידנאַרטיק באַקעמפט ביי זייערע אַקטיווע, פּאַרטייאישע אַרויסטרעטונגען. אָבער ביי זיך אין שטוב האָט צווישן פאָטער־מוטער און זון געהערשט אַ פולשטענדיקע האַרמאָניע. אין אויסטויש פון אידייען זענען נישט געקומען צו קיין שום ערנסטע הויז־מחלוקתן, ווי ס'איז געווען ביי אַנדערע. דעריבער האָבן מיר זיך מיט חברישער ליבשאַפט באַצויגן צום שטילן בכבודיקן שלום־בית פון

די „דריי" אַרבעטער־פּאַרטייען, וואָס האָבן באַהערשט דאַן די יידישע אַרבעטער־גאַס פון לאָמזשע, ווי די „פּועלי־ציון", „פּאַראייניקטע" און „בונד". אַלע דעלעגירטע פאַרשטייער פונעם צענטראַל־קאָמיטעט, אַפילו צווישן־פּאַרטייאישע קאָמיטעטן, האָבן געפונען דאָ, אין די שטילע ריינע צימערן, אַ באַשיידענעם אָפּרו און געמיטלעכקייט.

מער פון אַלץ האָבן זיך מיר, פון יענע אומפאַרגעסלעכע טעג, אייני געקריצט אין זכרון די יום־טובים און „ליאַמעס", וואָס זענען געפייערט געוואָרן מיט גרויס פּאַטאָס.ביים גרויסן טיש אין עס־צימער, ווו ס'איז געווען פאַרזאַמלט דער אַזוי־גערופענער היימישער קרייז מיט די געקו־מענע געסט, אין דער אַנוועזנהייט פונעם פאָטער באַטירלעך, האָט זיך שטענדיק פאַרבונדן אַ העפטיקער פּאַרטייאישער וויכוח, וואָס איז אָנגע־פירט געוואָרן דורכן פאָטער, דעם ציוניסט און זון — דעם בונדיסט. אָבער קיין מאָל איז נישט געקומען צו קיין פּערזענלעכע אַמביציעס. דער פאָטער — דערציעריש, פאַרזיכטיק־פאַרשעריש; דער זון — רואיק איבערצייגנדיק, אייגנאַרטיק, פלעגט באַשטרייטן די פּאָזיציעס פון „בונד", די „פּועלי־ציוניסטן", אָדער „פּאַראייניקטע", וואָס האָבן געזוכט „זייער טערי־טעריטאָריע אויפן מאַרס" — ווי ער פלעגט זיי אויסלאַכן — אויפן אָרט.

אין פייערדיקן געווירבל פון דיסקוסיעס, האָט דער הילצערנער טיש געציטערט פון די צעהיצטע געמיטער. שטיל מיט אַ זאַפטיקן שמייכל אויף איר גוטן פּנים, האָט די פרוי סאַבאַטקאַ, ווי אַ שרה בת טובים, דערלאַנגט די געשמאַקע גלאָז טיי מיטן צובייס, כדי אַריינצוגיסן אין דער צעהיצטער מתנה די שלוה, וואָס איז געווען אַ טייל פון איר „שלום־בית", דער נחת פון דער פאַמיליע. נישט נאָר, ווייל דער עלטסטער זון העינאַך איז געווען איר ליבלינג, האָט זי סימפּאַטיזירט מיטן „בונד" און האָט באַלאַנגט צום „יאַף" (יידישע אַרבעטער פרוי"), נאָר ווייל אידייאיש איז זי געווען נעענטער צו די זין; דערפאַר איז איר אַ סך מאָל פאַרטרויט געוואָרן אינערלעכע פּאַרטייאישע סודות און האָט טאַקע ווי גאָרקיס „מאַמע" טעכניש מיטגעהאָלפן די חברים מיט אַלץ, וואָס זי האָט נאָר געקענט.

אָט זע איך זי אין דער ראָל פון אַ פלעגערין, פון דער קינדער־הילף,

ביים פאַרטיילן די בולקעלעך מיט די מילך־קאַקאַאָ, וואָס אַמעריקע האָט אַריינגעשיקט, פאַר די אָרעמע יידישע קינדער אין פוילן, מיט וואָס פאַר אַ אומדערמידלעכער ענערגיע זי האָט געאַרבעט. דאָס פּנים רויז, די אויגן צעפלאַמט, די הענט אַרבעטן שנעל, שנעל — זי זעט נישט דעם מאַן נישט די קינדער. זי איז איצט די מאַמע פון הונדערטער הונגעריקע, פאַראָרעמטע יידישע קינדער; זי איז איצט די גרויסע מאַמע, די גוטע, האַרציקע יידישע מאַמע — דבורהקע!

ביים אַש פון די אומגעקומענע לאָמזשער יידן

אויסגעלאָשן האָט דער טאָג זיין פריידיקע שיין. שקיעהדיקע האַרי־זאָנטן האָבן זייער גאָלד פאַרביטן אויף טיפן טונקעלן טרויער.

פריער, ווי שטענדיק, האָט היינט די נאַכט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער ישראל. די יידישע ערד האָט הייס געגליט, געאָטעמט מיט אויפברויז און געבריט די ווייַנעגדיקע טריט פון די אבלים־משפחות, וואָס האָבן זיך געצויגן פון אַלע עקן לאַנד צו יענעם אומגליקלעכן היילקן אָרט.

דער זאַל פון „בית־החלוצות" האָט היינט, צום ערשטן מאָל אין דער יידישער געשיכטע, אויפגענומען אַזאַ אויסטערלישן עולם און איז פאַר־בליבן אויף אייביק דער עדות צום געשעענעם...

ביי אַנגעצונדענע ליכט האָט אַ מנין יידן מיט פאַרפינצטערטע פּנימער און אין גרויס יראת הכבוד, אַריינגעטראָגן די שוואַרצע מטה אַש, וואָס איז געווען איבערגעדעקט מיט דער נאַציאָנאַלער פאָן.

אַ שוידערלעכער פּחד איז אַדורך דורכן זאַל. פון טיפן, שטילן צער איז פּלוצלינג אויסגעבראָכן אַ שטורעם פון געוואַלדן און געוויין.

אַ ברענענדיקער ווייטיק האָט שאַרף דורכגעשניטן די גלידער. עס האָט זיך געוואָלט שרייען, ווי אַ ווילדע חיה, רייסן די האָר פון קאָפּ, אויסציען זיך ביים ראַנד פון ארון, אַריינציען אין זיך דעם גערוך פון מענטשן־אַש, צוטוליען זיך, אַריינלייגן דעם קאָפּ טיף, אפשר וועט דאָס אויער דערהערן דעם געשעפּטש פון מענטשן־אַש; אפשר צולייגן עס צום קלאַפּנדיקן האַרץ, איינשלינגען אין זיך, אייביק צו טראָגן עס מיט זיך; אפשר וועלן די אומגעקומענע אויפבליען אין אונדזערע בלוט־אָדערן מיט טרייסט?...

שטום אָרוב — אַן ארון מיט אַש.

און פליגל וויל איצט יעדער באַקומען, זיך אויפהויבן פון צער און צאָרן, אַנקלאַפּן אין כיסא הכבוד און פרעגן:

— פאַר וואָס, פאַר ווען, פאַר וועלכע זינד?...

שטום אַרום — אַ קאַסטן אַש.

ברענענדיקע ליכט האָבן סימבאָליש געפלעמלט, ווי אַ מחיצה צווישן לעבן און טויט. מיט צעבראָכענע געמיטער שטייען די לעצטע לעבנגע־בליבענע, די פאַרפייניקטע און אַזוי ווי זיי וואָלטן דערציילן די געשיכטע פון יידישע שטעט און שטעטלעך — זייער אַנטשטייאונג, אַנטוויקלונג דורך יאָרהונדערטער; זייער אויפבליאונג און אַלזייטיקע געזעלשאַפט־לעכער טעטיקייט; זייערעליידן און פריידן, זייערע קאַמפן פאַר אייגע־נער און אַלעמענס פרייהייט, זייער רייך קולטורעל שעפעריש לעבן.

עס האָט זיך אויסגעשפרייט אַ הייליקע שטילקייט.

נאַכט. בית־עולמדיק. וווּ־נישט־ווו האָבן אַקסלען געצוקט, הענט האָבן זיך געבראָכן און ווי אַן עכאָ פון קברים האָט שטיל זיך דערטראָגן אַן אַנגסטיק געפליסטער און כליפּעריי.

די נאַכט אַרום האָט געשפּרייט טרויער. טונקעלע שאָטנס האָבן אַרומ־געריינגלט דעם בנין, זיך אַנגעשפּאַרט אין די ווענט, אַרייַנגעבליקט דורך די נאַכטיקע שויבן און אַרייַנגעשוועבט אייַנציקווייז, צענדליקווייז, הונ־דערטערווייז, טויזנטערווייז, באַגלייט דורך מיליאָנען. געדאַכט האָט זיך, אַז זיי זענען געקומען מאָנען זייער יונג פאַרשניטן לעבן, דאָס אומשולדיק פאַרגאָסענע בלוט.

אַ שרעק האָט אַנגעפילט דעם אַרום און פאַרכאַפּט די הערצער מיט ווילד־צעווייטיקטן פחד, פאַרדראָס און פלאַמיקער בענקשאַפט צום קעסטל אַש... דער זאַל איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טייך טרערן, וואָס האָט געשטראָמט פון איינעם צום אַנדערן און פון אַלע — צום קאַסטן אַש...

אַן עדה אין שוואַרצן געהילט, אַן אויסגעוואָרצלטע פון אַלע פריידן, אַ פאַרצערטע — אַ מחנה בלאָנדזשענדיקע יתומים, האָבן זיך געטוליעט איינער צום אַנדערן און זיך צענויפגעגאָסן אין איין יאָמערדיקער משפחה מתפללים, אַ משפחה פאַרבליבענע פון חורבן...

ליכט ברענען און דאָס קעסטעלע אַש שוועבט איבער די גלותן, דאָס

פאַרפּייניקטע פאָלק אין אַ קעסטל אַש איבער אַ ברענענדיקן ים פון מענטשלעכע טרערן אין אָנגעצונדענע אויגן, וואָס שוידערן, ברענען, נע־מען דורך דעם ארון, גיסן אין אים אַריין חיות און געשענקטן לעבן און ווי די עצמות היבשות אין טאָל, אַזוי האָט, דוכט זיך, אין הייליקער, אַנגסטיקער שטילקייט זיך דערהערט דער פליגל־גערויש פון שוועבנ־דיקער באַוועגונג...

יעדעס אַש־שטויבעלע האָט זיך דורך ברענענדיקן טרויער־ליכט אַריינגעוועבט און באַהאַפטן מיט דער מחשבה פון יעדן אבל און אויפ־געלעבט אין לעבעדיקן עבר...

עס האָט געהערשט אַ שטילער, פיינלעכער שווייגן און יעדער פאַר־שלאָסן אין זיך, האָט געמאַכט זיין חשבון־הנפש, גערעדט שטום, צו זיין אַש־קרוב...

די לוויה רירט

פּלוצלינג האָבן די באַגלייטער זיך צעליאַרעמט אין גרויליקן שוידער, געכליפּעט און אין פאַרצווייפלונג געטענהט:

אוי, מאַמעניו, פאַר וואָס בין איך נישט מיט דיר ?!

טאַטע, טאַטעניו, ווּ ביזטו ?

אַ, שוועסטערלעך, בריליאַנטענע, פאַרוואָס האָט איר מיר איבער־געלאָזן אַליין ?!

אַ, ברודער האַרציקער, ווי זאָל איך לעבן אָן דיר ?!...

אוי, זיידעניו, שיינע, געטרייע באָבעניו, ווּ־זשע זענט איר, טייערע זקנים ?!...

ווּ זענט איר כשרע פרעכטיקע יידישע טעכטער ?!

ווּ ביזטו, העלדיש־קעמפערישע, אַרבעטנדיקע, שטודירנדיקע יידישע יוגנט ?!

ציט זיך שטיל די לוויה איבער דער יידישער תל־אביב, באַגלייטן זי צענדליקער, הונדערטער, טויזנטער.

בלייבן די גאַסן נבהל און נשתומם, שליסן זיי זיך איין אין אַן

ענגן קרייז און רינגלען אַרום דעם הייליקן ארון מיט פּאַרווייטיקטער ברודערשאַפט...

טראָגן די אָפענע פעלדער און יונגע וועלדלעך זייערע בלומען און דופטן אַנטקעגן. דער וואַרעמער גייסט פון די קדמונים, די אבות נעמען אויף אָט די פּאַרברענטע קינדער פון דער פרעמד...

באַגלייטנדיק זיי צו אייביקער רו האָבן זיך אין הייליקער שבועה פויסטן געביילט. פויסטן קעגן שוואַרצער, רוצחישער וועלט: נקמה, נקמה!

אינהאַלט

די אַלטע היים 7
פאָליעסיער יידן 9
ביי טאַטע־מאַמע אין דער היים 15
חער מאַמעס שבתדיקער ניגון 33
די באָבעניו 35
דער שוואַרצער שבת 39
פאָלקס ניגונים 42
ערב ימים נוראים 46
דעם טאַטנס אלולדיקער ניגון 50
ראש־השנה אין שטעטל 55
כל־נדרי 59
סוכות 62
הושענא רבא אין סוכה 65
שמחת תורה 70
חנוכה־פרייד 74
פורים ביי דער באָבעניו 81
ערב פסח 87
די סדר־נאַכט 91
קוריאָזן פון משפחה־טרייער ליבשאַפט 96
די הון 98
פנחס שוחטס שטוב 105
דער דערציילער פון שטעטל 112
מנחם און לאה לעמקעס 115
דייטשע אָקופּאַציע 120
די ערשטע הריגה 123
געטאָ פּאָהאָסט 127
ליקווידאַציע פון געטאָ 131
צווישן אייגענע 140
פּאַרטיזאַנער דערציילן 150
ניגונים פון מיין היים 161
„לינישטשעס“ 168
אין יענער שרעקלעכער נאַכט 172
די שטים פון קריגס־שטאָט 181
בילדער און טיפן פון „טאָז“ 186
דער פּינסקער שפּיטאָל 190
צום דאָרף 197
אונטער די פליגל פון טויט 199
די נאַטור און דער מענטש 203
די קיך 206
דאָס ליכט פון סטאָלינער חסידות 217
איינדרוקן פון רובליע 219
נח־לייב דער פּאַראָמשטשיק 231
חוה די שוואַרצע 233
משפחה דוכטשין 237
די גרויזאַמע געטאָ־שחיטה 241
די מאַמע 248
די „ריבאַקעס“ 255
משפחה סאָבאָטקאַ 262
ביים אַש פון די לאָמזשער יידן 266